STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06712

# DI HUPE NAKHT

Morris Gisnet

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# די חופּה נאַכט

ערצעהלונגען
און סקיצען

פון

## מאָריס גיסנעט

אַרויסגעגעבען פון
פאַרלאַג אידיש לעבן
334 איסט 15טע סטריט
ניו יאָרק, 1927.

COPYRIGHT 1927
BY
MORRIS GISNET

פריעם פרעס, יוניאן פרינטערס, 284 54 קאנאל סטריט, ניו יארק.

# טאַטע־מאַמע אַ מתנה.

# אינהאַלט פון בוך

איינלייטונג — — — — — — — — — — — — — 7

## פון ליעבע און לעבען:

די חופה-נאַכט — — — — — — — — — — — — — — — 25
די גאַסען פרוי — — — — — — — — — — — — — — 38
יוגענד ליעבע — — — — — — — — — — — — — — — 42
וועלכער ? — — — — — — — — — — — — — — — — 59
די ערגסטע טאָכטער — — — — — — — — — — — — — 64
חרטה — — — — — — — — — — — — — — — — — 74
שוין בעסער טויט — — — — — — — — — — — — — 78
שפּעט ביי נאַכט — — — — — — — — — — — — — — 94
אין שאָטען פון אַלטען עפּעלבוים — — — — — — — — — 98
זי ליעבט איהם נאָך — — — — — — — — — — — — 106
די אַלמנה מיט דעם יתומ׳ל — — — — — — — — — — 110
גסיסה — — — — — — — — — — — — — — — — — 116
אַ גוטער שידוך — — — — — — — — — — — — — — 119
די סוקסעספולע פאַרשטעלונג — — — — — — — — — — 129
מיסטער פּעמפּיקס פּרינציפּען — — — — — — — — — — 132
דער פאַרליעבטער — — — — — — — — — — — — — 141
מיסעס בינסקים תפלה — — — — — — — — — — — — 147
חנה׳ס ערינערונג — — — — — — — — — — — — — 157
דזשעני׳ס געבורט-טאָג פּאַרטי — — — — — — — — — — 160
דער אַלטער צייטונגס-פּעדלער — — — — — — — — — — 166
אַ טויט-פאַל אין אַ טענעמענט — — — — — — — — — — 170

א פריה־מאָרגען ביי מיסעם קליאַצקין — — — — — — — — — — 175
דער איטאַליענישער מילך־מאַן — — — — — — — — — — — 179


## הומאָרעסקען :


דער ריעל־עסטייטניק — — — — — — — — — — — — — — 185
דאָקטאָר קוזליק — — — — — — — — — — — — — — — 191
דער דענטיסט — — — — — — — — — — — — — — — — 196
דער לאָנדרימען — — — — — — — — — — — — — — — 200
דער גליקליכער סטרייקער — — — — — — — — — — — — 205
אונזער דזשעניטאָר — — — — — — — — — — — — — — 208
דער שפּראַכען קענער — — — — — — — — — — — — — — 211
עני, פּעני און בעני — — — — — — — — — — — — — — 217


## פון דער אַלטער היים :


מעות חטים — — — — — — — — — — — — — — — — — 223
נגיד׳ישער יושר — — — — — — — — — — — — — — — 233
ר׳ בעריל — — — — — — — — — — — — — — — — — — 239
קצבה — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 246

# איינלייטונג

די ערשטע ערצעהלונג, „די חופה נאכט", האב איך אנגעשריבען אין יאהר 1910, אבער זי איז קיינמאל ניט געדרוקט געווארען. מיט אט דער אויסנאמע און אויך מיט דער אויסנאמע פון די ערצעהלונגען „יוגענד-ליעבע" און „מיסעם בינסקי'ס תפלה", וועלכע זיינען איבער-זעצונגען פון מיינע ערצעהלונגען אין ענגליש, וועלכע איך האב גע-שריבען אין 1912 און זיינען געדרוקט געוועזן אין דער אונטערגעגאנ-גענער סאציאליסטישער צייטונג „דהי קאלל", האב איך די אלע אי-בעריגע ערצעהלונגען אין דער זאמלונג געשריבען צווישען די יאהרען 1902 — 1907. מעהרערע פון זיי זיינען געדרוקט געווען אין „פאר-ווערטס", עטליכע אין דער „פרייער ארבייטער שטימע" און א פאר אין דעם „צייט-גייסט", א וואכענשריפט וואס דער „פארווערטס" האט דאן ארויסגעגעבען.

עס איז מיר אונמעגליך אין עטליכע ווערטער צו ערקלעהרען, פאר וואס איך האב די אלע זאכען ניט געלאזט דרוקען אין א בוך-פארם ביז יעצט, אדער פאר וואס איך טהו דאס ערשט אצינד, איבער צוואנציג יאהר צייט וואס זיי זיינען געשריבען און געדרוקט געווארען. פיליייכט וועלען די פאלגענדע ווערטער עס קלאהרער מאכען פאר דעם לעזער:

עס איז שפעט ביינאכט.

איך זיץ אין דעם פריוואט-צימער פון מיין „לאא-אפיס", אויפ'ן זעקסטען פלאר פון א מאדערנער הויכער געביידע אויף בראדוויי און טיימס סקוועיר. איך האב נאר וואס געענדיגט לעזען די „פרוף" פון די ערצעהלונגען, אין דער ארדנונג ווי זיי זיינען אראנזשירט אין דעם בוך. מיעד און ערשעפט פון דער עקסטרא ארבייט, נאך א ביזי-

טאָג פון פּראָפעסיאָנעלער בעשעפטיגונג, האָב איך זיך אָוועקגעזעצט אין אַ וויכען פּאָטעל ביים אָפענעם פענסטער און האָב צוגעמאַכט די אויגען אויף אַ פּאָר מינוט כדי זיך אויסצורוהען. אין דער שטילקייט פון צימער דרינגט אַריין דער אָפּקלאַנג פון פיעלע מענשען־טריט און מענשליכע שטימען פון בראָדוויי און דער 42־טער סטריט. עס קלינגען אָפּ די קלאַנגען פון בראָדווייער קאַר־בעלס און דאָס בלאָזען און „האָנק״ „האָנק״ פון די אָטאָמאָביל הארנס. פון דער זעקסטער עוועניו טראָגט זיך צו דאָס טעמפּע גערויש פון אייזערנע רעדער פון די וואַגאָנען וואָס לויפען אַרויף און אַראָפּ די רעלסען פון דער הויכבאַהן. דאָס ווערט פּלוצים איבערגעריסען פון אַ לאַנגען גרילצענדיגען פייף פון אַ פייער־פּאַטרול, וואָס לויפט ערגעץ צו אַ פייער, און נאָכהער הערט זיך דער „דינג, דינג, דינג״ פון אַן אַמבולאַנס, וועלכער לויפט נאָך דעם פייער־פּאַטרול.

די גרויסע שטאָדט ניו יאָרק קען ניט רוהען אַפילו שפּעט ביי־נאַכט.

דער טומעל און גערויש קענען אָבער ניט פערטרייבען פון מיין זכרון דאָס בילד פון דעם קליינעם שטעדטעל „בריטשאַן״, מיט איהרע ניט־גלייכע, בלאָטיגע גאַסען, קלענערע און גרעסערע הייזלעך, וואָס די לעצטע ערצעהלונג, „קצבה״, האָט ביי מיר אַרויסגערופען. אין בריטשאַן און אין אַ דערבייאיגער שטעדטעל, ליפּקאַן (וואו „נגיד־ישער יושר״ קומט פאָר), ביידע אין בעסאַראַביע, וואָס געהערט איצט צו רומעניען, האָב איך פערבראַכט מיין קינדהייט, ביז אין עלטער פון פופצעהן יאָהר.

איך דערמאָן זיך, אַז ווען איך בין נאָך גאָר אַ קליין אינגעלע געווען, און מיינע עלטערן האָבען זיך צוליעב פּרנסה איבערגעצויגען פון בריטשאַן קיין ליפּקאַן, איז אויף מאָרגען צו אונז געקומען דער אָרטיגער רב אָפּגעבען מיין פאָטער „שלום עליכם״. איך בין גע־שטאַנען נעבען מיין פאָטער און דער שעהנער, אַלטער איד מיט דער גרויסער ברייט־צושפּרייטער באָרד האָט מיר אויך געגעבען „שלום־

עליכם". האַלטענדיג מיין הענטעל איז זיין האַנד און אַריינקוקענדיג מיר אין די אויגען אַריין האָט ער זיך אָפּגערופען צו מיין פאָטער: „פון זיינע אויגען שיינט ניט קיין יראת שמים ניט אַרויס". איך האָב דעמאָלט זיכער קיין בעגריף ניט געהאַט וואָס „יראת שמים" מיינט, איך האָב אָבער פערשטאַנען, אַז קיין קאָמפּלימענט האָט מיר דער רב ניט געמאַכט. מיין געזיכט האָט דאָס אפשר געצייגט און מיין פאָטער האָט מיך פאַרענטפערט. „ער איז זעהר אַן עהרליך קינד", האָט ער דעם רב אינפאָרמירט. „ער האָט אַ גוט האַרץ, אַ וואויל קעפּעלע און לערנט זיך גוט".

יאָ, איך האָב זיך דעמאָלט ווירקליך גוט געלערענט. צוערשט די געוויינליכע אידישע לימודים ביים שטאָדטישען מלמד ר' שמעון בענדעט, וועמען דער צונאָמען „באַנדיט", וואָס די תלמידים האָבען איהם געגעבען, האָט זיך בעסער געפּאַסט. שפּעטער מיט אַ פּאָר יאָהר, ווען מיין פאָטער האָט זיין שטעלע פאַרלאָרען און האָט פאַר מיר ניט געקענט צאָהלען קיין שכר־לימוד, האָב איך געקראָגען אומ־זיסטיגע אונטערריכט אין אידיש און העברעאיש פון יהודה שטיינ־בערג, דער בעוואוסטער פערשטאָרבענער אידיש און העברעאישער שרייבער און פון זיין ברודער ישראל שטיינבערג, וועלכע זיינען דאַן ביידע געווען משכילים, כאָטש זיי שטאַמען פון אַ חסידיש'ע פאַמיליע.

דאָס עהרליך קינד איז געוואַקסען און דאָס גוטע האַרץ מיט'ן וואוילען קאָפּ האָבען געגאַרט און געדורשט נאָך מעהר קענטעניש, מעהר וויסען, אָבער אָרימקייט און נויט זיינען איהם אין וועג געשטאַ־נען. איך געדענק, ווי שווער איך האָב געטרייט אַריינצוטרעטען אין דער ליפּקאַנער „נאַראָדנאַיע אוטשילישטשע" (פאָלק שולע) און מען האָט מיך ניט געוואָלט אַריינגעהמען, ווייל איך האָב ניט געקענט צושטעלען קיין מעטריקעס (געבורטשיין) אין צייט. אויף מיין ברית, וואָס מיין זיידע האָט געפּראַוועט, ווייל מיין פאָטער איז נאָך דאַמאָלס געווען אויף קעסט, האָט זיך דער קאַזיאָנער ראַבינער אָנגע'שכור'ט און מיין געבורט ניט פערשריבען אין שטאָדטישען פּנקס. אויפ'ן 15טען יאָהר האָב איך זיך אָװעקגעלאָזען קיין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק אָפּצוגעבען

עקזאַמען פאַר אַריינטריט אין דער דאָרטיגער גימנאַזיע. דאָרט האָט מען מיך אויך ניט צוגעלאָזט. איך האָב זיך אַ שטיקעל צייט אַרומ־געוואַלגערט אין קאַמענעץ, איינפאַך געבעטעלט, ניט געטאָגט דאָרט וואו איך האָב גענעכטיגט. שפּעטער האָב איך זיך אָוועקגעלאָזען קיין אַמעריקא מיט אַ פערמעגען פון אַכט רובעל מיט פערציג קאָפּיקעס. מיין באַגאַזש איז בעשטאַנען פון אַ גוט האַרץ פול מיט יאוש און פערצווייפלונג, און אַ וואַוילער קאָפּ, אין וועלכען עס האָבען זיך שוין געטומעלט אונצעהליגע פראַגען וועגען דעם לעבען און וועגען דער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג, אָבער „יראת שמים“ האָב איך שוין דאָן אין מיין באַגאַזש זיכער ניט געהאַט.

ניט איצט איז די צייט און ניט דאָ איז דער פּלאַץ צו בעשרייבען מיין רייזע קיין אַמעריקע. איך גלויב קוים, אויב איך וועל דאָס אַמאָל קענען דערוויי‌זען. אָבער איך געדענק, אַז איך בין געקומען קיין ניו יאָרק אין פריהלינג פון 1896טען יאָהר. איך צווייפעל שטאַרק, צו דער אויסדרוק „געקומען קיין ניו יאָרק“ איז דער ריכטיגער. פאַר אַ זעהר לאַנגער, לאַנגער צייט האָב איך ניו יאָרק ניט געזעהן און האָב דערפון גאָרניט געוואוסט. עס וואָלט געווען ריכטיגער, ווען איך זאָל זאָגען, אַז איך בין געקומען קיין דיוויזשאָן סטריט, וואו איך בין געשלאָפען די ערשטע נאַכט. אַז איך בין געקומען קיין דילענסי סטריט, קיין סאָפאָלק סטריט, קיין קלינטאָן סטריט, וואו איך האָב דערנאָך געוואוינט ביי פערשידענע מיסעסען; אַז איך בין געקומען קיין רידזש סטריט, קיין פּיט סטריט, קיין אַטאָרני סטריט, וואו די שעפּער אין וועלכע איך האָב דאָן געאַרבייט האָבען זיך געפונען אין „יאָרד“ הייזער. אַז איך בין דאָן געקומען קיין איסט בראָדוויי, וואו די אידיש־רוסישע אינטעליגענץ האָט זיך קאָנצענטרירט און וואו עס האָט זיך געפונען, און געפינט זיך נאָך איצט, דער „עדיוקיישאָנאָל אַלייענס“. מיט איין וואָרט, איך בין אַזוי ווי אַריינגעפאַלען און אויף אַ זעהר לאַנגער צייט אַזוי ווי פאַרשלונגען געוואָרען אין דער אידישער גאַס פון דער דאַמאָלסדיגער איסט־סייד, וועלכע איז געלעגען צווישן דער בויערי און איסט ריווער, צווישען הויסטאָן סטריט און וואָטער סטריט.

איך געדענק גאנץ גוט אט די דאמאלסדיגע אידישע גאס, וואו עס האבען זיך געפלאדזשעט אונצעהלבארע אנקעל מאזעסעס (זעה שלום אש׳ס „אנקעל מאזעס“), וועלכע האבען אראפגעבראכט און אריינגענומען אין זייערע שעפער זייערע לאנדסלייט און קרובים, יונגע און אלטע, און האבען זיי אומערבארעמליך עקספלואטירט; און פיעלע „פעמפיקס“, וואס ביי זיי איז גראד געווען א פרינציפ קיין גרינע לאנדסלייט ניט אריינצונעהעמען אין זייערע שעפער, וועלכע זיי האבען אבער אויס פרינציפ געהאלטען אפען טאג און נאכט, כדי די ארבייטער זאלען קענען אריינקומען צו דער ארבייט פארטאג און ארבייטען ביז שפעט אין דער נאכט פאר א מיזעראבלען לוין (זעה די ערצעהלונג „פעמפיקס פרינציפען“ אין דעם בוך). איך געדענק גאנץ גוט די דאזיגע אידישע גאס, אויף וועלכע פימפס און קאדעטען האבען פראנק און פריי אנגעפירט דעם ווייסען שקלאפען האנדעל, און וואו פרויען און מיידלאך האבען פון די אפענע פענסטער פון סטופען און אויף טראטוארען אנגעבאטען זייער לייב צו יעדען פערבייגעהער. איך געדענק גאנץ גוט די דאמאלסדיגע אידישע גאס, וועלכע איז פאקטיש פאליטיש רעגירט געווארען פון די אנהענגער פון „סילווער דאלאר“ סמיטה׳ס סאלון אויף עסעקס סטריט *) און א אידישער רעפובליקאנער פאליטישען מיט׳ן נאמען טשאלי אדלער איז געווען דער כלל־טוער און גואל הדם.

אבער איך געדענק אויך גאנץ גוט, אז שוין דאן, אין אט דער גראב־מאטעריעלער און טיעף פארזונקענער, אונמאראלישער אידישער גאס, איז אויך געווען א הויך־גייסטיגער און א טיף־פרינציפיעל־בעזעלטער אידעאליזם. אין גאר פיעלע ווינקעלאך האבען שוין געשפראצט און עס האבען זיך צובליהט די ערשטע דינענקע גרעזעלאך און בלעטעלאך פון א אידישער ארבייטער און סאציאליסטישער באוועגונג און עס זיינען שוין געלעגט געווארען פונדאמענטען פאר א

*) מען האט איהם אזוי גערופען, ווייל אין יעדען שטיין פון פלאר פון דעם סאלון איז געווען איינגעפאסט אן אמעריקאנער דאלאר, און דארט פלעגן זיך פערזאמלען די טאמאני פאליטישענס פון דיסטריקט.

אידישער ליטעראַטור און פון דעם בעסערען אידישען טעאַטער. אָדָ, ווי איך האָב דאָן ליעב געהאַט אָט די אידעאַליסטישע זייט פון דער אידישער גאַס, אויף וועלכער עס האָבען שוין אַגיטירט און פּראָפּאַגאַנדירט פיליפּ קראַנץ, מאָרים ווינטשעווסקי, אַב. קאַהאַן, מאיר לאָנדאָן. די „אַרבייטער צייטונג“ און „אַבענד בלאַט“ האָבען נאָך דאָן עקזיסטירט און באַלד האָט דער „פאָרווערטס“ אָנגעהויבען צו ערשיינען. איך האָב ליעב געהאַט די אידישע גאַס מיט דער רוסישער אינטעליגענציאַ, מיט דער רוסישער סטודענטען געזעלשאַפט, וועלכע פלעגט אָפּט אָפּהאַלטען לעקציעס אין דער רוסישער שפּראַך, מיט דער נאָך גאַר־יונגינקער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי, פון וועלכער דזשעק פענקין איז געוואָרען דער יעהרליכער קאַנדידאַט פאַר אַסעמבלי פון אַכטען אַסעמבלי דיסטריקט אויף דער איסט־סייד.

איך מאַך צו מיינע אויגען און איך פּרוביר צוריקצוברענגען אין מיין זכרון יענע צייט און די אומשטענדען אונטער וועלכע איך האָב געלעבט. מיין פּערזענליכע לאַגע איז געווען זעהר אַ ביטערע. איך בין געווען אַ גרינער. יונג און ניט שטאַרק געזונד. איך האָב דאָ געפונען אַ לאַנדסמאַן, וועלכער האָט מיך אַריינגענומען אין זיין שאָפּ אין אַ „יאַרד“־הויז אין רידזש סיטריט, דאָרט צו אַרבייטען פיער וואָכען אומזיסט, זיך אויסצולערנען אַ טרייד. ער האָט דאָס מיר אַ „שאַו“ געגעבען, ווייל ער האָט געדענקט מיין פאַמיליע פון דערהיים און האָט געוואוסט, אַז איך בין אַ טאַטענס אַ קינד. די אַרבייט, אפילו ווען איך האָב זיך שוין געהאַט אויסגעלערענט, איז געווען זעהר אַ שווערע און די שטונדען זעהר לאַנגע און דאָס פערדינסט מיזעראַבל קליין. און פון דער היים, פון טאַטע־מאַמע, זיינען אַלע מאָל געקומען ביטערע קלאָג־בריעף: די צייט איז שלעכט, פּרנסה איז ניטאָ און די עלטערן מיט די שוועסטער און ברידער הונגערן. מיר אַליין איז דאָ זעהר שווער געווען זיך צו צוגעוואוינען צו דעם עלענדען לעבען, צו די אַמעריקאַנער מיסעסען מיט די אויפשטעל־בעטלאַך אין אַ קיטשען ערגעץ אויף סאַפאָלק סטריט אָדער קלינטאָן סטריט, פאַר דריי דאָלאַר אַ מאָנאַט מיט אַ „ראָל“ און אַ גלאָז קאַפע אויף ברעק־

פעסט, און צו די ביליגע איסט־סיידער רעסטאָראַנען, וואו מען האָט דאָן געקראָגען פאַר אַכט אָדער פאַר צעהן סענט אַ דינער מיט אַ גרויסע גלאָז געפּאַרבטע סאָדאַ־וואסער אַלס צוגאָב. עס איז מיר נאָך שווערער געווען זיך צוצוגעוואוינען צו דער פאַרפעסטעטער לופט אין שאָפּ און צו די שווערע אַרבייטס־בעדינגונגען. פונדעסטוועגען האָב איך אין די ביזי־סעזאָנען געאַרבייט זעהר שווער, ממש איבער די כחות, און האָב געשפּאָרט קישקע־געלט און אהיים געשיקט. און ווען עס איז געוואָרען סלעק, האָב איך אַליין געהונדערט און נישט איינמאָל האָט מיך אַ מיסעס געמאַכט צו מופּען פון דעם אויפשטעל בעטעל, וויייל איך האָב ניט געהאַט צו בעצאָהלען די דריי דאָלאַר פאַר דעם מאָנאַט לאָזשי. און סיי ווען איך האָב געאַרבייט און אויך ווען איך האָב ניט געאַרבייט האָט מיך אַלץ געצויגען צו איסט בראָדוויי, צו דעם עדיוקיישאָנאַל עלייענס, צו די לעקציעס פון דער רוסישער סטור־דענטען־געזעלשאַפט. איך האָב זיך געוואָלט לערנען די ענגלישע שפּראַך, און ווען איך האָב נאָר געהאַט צייט, איבערהויפּט ווען ס׳איז געווען סלעק, בין איך געגאַנגען אין נאַכט־סקול, צו מיטינגען, צו לעקציעס, און די גאַנצע טעג פלעג איך פערברענגען אין דער לייברערי פון עדיוקיישאָנאַל אַלייענס און האָב געלעזען וואָס און וויפיעל איך האָב געקענט. און אַזוי ווי איך האָב גאַנץ גוט געקענט די אידישע שפּראַך, האָב איך אָנגעפאַנגען צו טינטלען און צו שרייבען פערשידענע ערצעהלונגען, אָבער כמעט אַלעס וואָס איך האָב דאָן אָנגעשריבען איז מיר אַליין ניט געפעלען געוואָרען און איך האָב אַלעס פאַרניכטעט.

איך געדענק, אַז ווען איך בין נאָך אַ גרינער געווען, האָט זיך שוין אויף דער דאַמאָלסדיגער אידישער גאַס צווישען די געגאָסען געטור־מעלט וועגען אַ „ספּליט" אין דער ס. ל. פּ. איך געדענק דעם ערשטען בעגייסטערטען מאַס־מיטינג אין וואלהאלא האָל, אויף אָרטשאַרד סטריט, ווען דער „פאָרווערטס" איז געגרינדעט געוואָרען. איך האָב דאָן פערמאָגט אַן איין־און־איינציגען דאָלאַר. איך האָב אין יענעם טאָג ניט געגעסען ניט קיין דינער און ניט קיין סאָפּער. ביי מיין טרייד איז געווען סלעק און איך האָב ניט געוואוסט וואו און ווען

איך וועל פעררינען דעם נעקסטען דאָלאַר, אָבער ווען ווינטשעווסקי איז אַרוים איבער׳ן האָל מאַכען אַ קאָלעקשאָן, האָב איך אין זיין הוט אַריינגעוואָרפען מיין לעצטען דאָלאַר. איך בין געווען בעגייסטערט און האָב זיך גֶעפיהלט יום־טוב׳דיג אַ לענגערע צייט.

איך געדענק, אַז ווען איך האָב גרינערהייט, אין אַ שבת מאַטינעע, פאַר 15 סענט אויף דער גאַלעריע, צום ערשטען מאָל אין מיין לעבען געזעהן אַ אידישע טהעאַטער פאָרשטעלונג, בין איך גאָר ענטציקט געווען און איך האָב געפיהלט, אַז איך קען שרייבען בעסערע דראַמען, ווי די וואָס איך האָב געזעהן. אין אַ קורצער צייט אַרום האָב איך אָנגעשריבען אַ דראַמע „מאַרים דער אָפּרייטער״, פון דעם איסט־סיידער לעבען אין די שעפּער. איך בין אַוועק מיט דעם מאַנוסקריפּט צו יעקב גאָרדין. ער האָט מיך פריידנליך אויפגענומען, מיך אויפמערק־זאַם אויסגעהערט און האָט מיך אַוועקגעשיקט מיט אַ בריעף צו אַב. קאַהאַן, און רעקאָמענדירט מיין פּיעסע אַלס אַ גוטער ספּעקטאַקל פאַר אַרבייטער קרייזען. קאַהאַן האָט מיך אָפּגעשיקט צו טאָמאַשעווסקי׳ן, וועלכער איז שוין דאַן געווען אַ סטאַר און ליעבלינג פון אידישען פּובליקום. טאָמאַשעווסקי האָט מיך אויסגעהערט, ווייל קאַהאַן האָט מיך צו איהם געשיקט, און האָט מיר געזאָגט, אַז בלויז ווייל איך בין אַזוי יונג און נאַאיוו איז ער מיר מוחל פאַר מיין גלויבען, אַז אַזאַ טרוקענע זאַך זאָל קענען געשפּיעלט ווערען אין טעאַטער.

אומגעפעהר מיט אַ יאָהר שפּעטער האָב איך די פּיעסע אויפגע־פיהרט אין טורן האָל, אויף דער פערטער סטריט, מיט דילעטאַנטען, פון וועלכע אַ פּאָר זיינען איצט אָנגעזעהענע אַקטיאָרען אויף דער אי־דישער ביהנע. דער רעזשיסאָר איז געווען, אויך אַ דעלעטאַנט, מאַקס גֶעבעל, יעצט דער בעוואוסטער אידישער טעאַטער דירעקטאָר, שוי־שפּילער און דראַמאַטורג. די פאָרשטעלונג איז געווען אַ גאַנץ גוטע. אַ שאָד, וואָס איך האָב דעם מאַנוסקריפּט פערלאָרען!

און אַזוי זיינען אַוועק מיינע ערשטע עטליכע גרינע יאָהר אויף דער אידישער גאַס פון דער איסט־סייד אין די ביזי שווערע אַרבייט,

אין סלעק, הונגער און מאַנגעל, אָבער פול מיט לאַנגע טעג און נעכט מיט לעזען און לעקציעס און מיטינגען און טעאַטער, און איך האָב אַלץ געשריבען ערצעהלונגען און דראַמעס, אָבער מעהרסטענס האָב איך געשריבען פאַר זיך אַליין. אין יאָהר 1900 האָט דער לאַנג־פערשטאָרבענער, אָבער דאַן בעליעבטער אַקטיאָר, מאָריס פינקעל, ביי מיר געקויפט אַ פּיעסע, וועלכע איז אין אַ קורצער צייט אַרום „איבער־געפיהרט" געוואָרען אין דאַמאַלסטדיגען „ווינדזאָר טעאַטער".

איך זאָג אַבזיכטליך „איבערגעפיהרט געוואָרען", וואָרים מיין פּיעסע איז דאַמאַלסט גאָרניט אויפגעפיהרט געוואָרען. די מענערדזשערס און די אַקטיאָרען האָבען מיט מיין זוערק געטאָן וואָס זיי האָבען גע־וואָלט. פון אַ גאַנץ ערנסטער און צימליך גוט־אַנגעשריבענער מע־לאָדראַמע, האָבען זיי געמאַכט אַ מין טאַראַדייקע מיט מוזיק, גע־זאַנג און טענץ, וואָס איך האָב אַליין בשום אופן ניט דערקענט. מיינע אַנדערע דריי אָדער פיער אידישע דראַמען, וועלכע איך האָב שפּעטער אַנגעשריבען און פאַרקויפט צום אידישען טעאַטער האָבען געהאַט דעם זעלבען שיקזאַל. אָבער ניט דאָ איז דער פּלאַץ צו שרייבען וועגען דעם.

אומגעפער ביז 1902 האָב איך זיך פונדעסטוועגען אַרויפגעאַרבייט און האָב צימליך־גוט פאַרדינט און האָב אָפּגעשפּאָרט גענוג געלט אַריבערצובריינגען אהער מיינע עלטערן מיט מיינע שוועסטער און ברידער און פאַר זיי, ווי פאַר זיך, אַ היים איינצואָרדענען. איך האָב נאָך אָבער אַלץ געאַרבייט אין שאַפּ. אין דעמזעלבען יאָהר האָב איך דורך אַ צופאַל אויסגעפונען פון די „רידזשענטס עקזאַמינייישאַנס" וואָס די ניו יאָרק סטייט יוניווערזיטי האַלט אָפּ פון צייט צו צייט. איך בין אָוועק אויף די עקזאַמינייישאַנס און אין אַ גאָר קורצער צייט האָב איך געהאַט גענוג „קרעדיטס" אַריינצוטרעטען אין אַ קאָלעדזש צו שטודירען אַ פּראָפעסיע.

אפשר דערפאַר, וואָס צו שטודירען אויף לאָיער האָט דאַן געדאַרפט וועניגער קאָסטען און וועניגער צייט נעהמען, ווי צו שטודירען איר־

גענד אַן אַנדער פּראָספּיע, אָדער עס קען אויך זיין, אַז איך האָב דאַן אויסגעקליבען די דאָזיגע פּראָפעסיע, ווייל ביי מיר אין האַרצען און טיעף אין מיין נשמה איז תמיד געווען איינגעוואָרצעלט אַן אונ־געהייערער שטאַרקער פערלאַנג פאַר יושר און גערעכטיגקייט, און עס האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אַז אַלס לאָיער וועל איך בעסער קענען קעמפען פאַר די אָרימע און בערויבטע און פאַרטיידיגען די אומשולדיג־פערפאָלגטע, א. אז. וו. ווי די זאַך איז ניט געווען, דעם זעלבען יאָהר בין איך אַריין אין ניו יאָרק יוניווערזיטי, און כאָטש איך האָב נאָך אַלץ געאַרבייט אויפצוהאַלטען די היים און צו סופּאָרטען די פאַמיליע, האָב איך זיך פלייסיג געלערענט און אין דריי יאָהר אַרום, אין 1905, האָב איך געענדיגט קאָלעדזש מיט אַ דעגרי „בעטשלאָר אָף לאָא“, האָב געפּעסט די „באַר“ און בין געוואָרען אַ פריש־געבאַקענער לאָיערל. און בעת לערנען און שווער אַרבייטן האָב איך ניט אויפגעהערט צו שרייבען. כמעט די אַלע זאַכען, און אפשר די בעסערע, וואָס זיינען אין דעם בוך אַריין, זיינען געשריבען געוואָרען אין דער צייט וואָס איך האָב שטודירט, און זיינען געווען געדרוקט אין „פאָרווערטס“. איך געדענק, צוערשט וויליאַם עדלין און דערנאָך אַב. קאַהאַן, אַלס רעדאַקטערע פון „פאָרווערטס“ האָבען מיך ענקוראַזשירט צו שרייבען און געלויבט מיינע פעהיגקייטען, און שפּעטער ש. יאַנאָווסקי, וועלכער האָט דאַן רעדאַקטירט די „פרייע אַרבייטער שטימע“, האָט געלעקט די פינגער פון מיינע ערצעהלונגען וואָס איך פלעג צו איהם ברענגען, ווען איך בין שוין געווען אַ לאָיער. איך האָב אָבער ניט געדאַרפט קיין ענקו־ראַזשמענט פון עמיצען, ווייל אין דער אמת׳ן האָב איך קיינמאָל ניט געטרוימט פון אַ קאַריערע אַלס שרייבער, און ווען איך האָב אָנגע־שריבען און פאַרקויפט אַ פּאָר אידישע פּיעסען, וועלכע זיינען „אױ־בערגעפיהרט“ געוואָרען אין אידישען טעאַטער, האָב איך פון אַ קאַ־ריערע אַלס „דראַמאַטורג“ אויך ניט געטראַכט, און שפּעטער, ווען איך בין געוואָרען אַ פּאָלקאָמענער לאָיער מיט אַ דיפּלאָם, מיט לייסענס, מיט אַן אָפיס און מיט קליענטען, האָב איך פון אַ לאָיערשע קאַריערע אויך ניט געטראַכט. איך גלויב ניט, אויב איך האָב אַמאָל אין איין טאָג פון מיין גאַנצען לעבען אַ טראַכט געטאָן וועגען אַ קאַריערע.

איך בין הויפטזעכליך געווען פעראינטערעסירט אין לעבען און אין דעם לעבענס־קאמף, אין דער געשיכטע, אין דער ליטעראטור און דראמע, וואס דערצעהלט און שילדערט דאס לעבען.

אבער דאס לעבען און דער קאמף פאר׳ן לעבען; דער ווילען און דאס שטרעבען צו העלפען אייגענע און זיי אפהיטען פון הונגער, מאנגעל און נויט, וואס זיי האבען שוין געהאט פיעל יאהר געליטען, און דערנאך דער קאמף אין א בעגרענעצטער פראפעסיע צו ערוואר־בען זיך די מעגליכקייט אנשטענדיג צו סופארטען א ליעבע פרוי מיט קינדער, דאס האט מיך ביסלעכווייז אפגעריסען דערפון וואס איך האב אזוי שטארק ליב געהאט צו טאן, נעמליך: צו שרייבען.

---

צוויי און צוואנציג יאהר זיינען פאראיבער זינט איך בין א לאיער געווארען. עס איז זעהר שווער פאר מיעדע געהירען ארויסצורופען פון דער פערגאנגענהייט די געדאנקען און די געפיהלען פון אן עלענדען גרינעם אינגעל, פון א רוסישען עמיגראנט, א שאפ־ארבייטער, וואס איז פלוצים, ווי פון דער העלער הויט ארויס, געווארען א לאיער און האט בעקומען א דיפלאמע, מיט א „דעגרי" פון אן אוניווערזיטעט, מיט א לייסענס פון דער סטייט צו פראקטיצירען. און עס איז נאך שווערער איבערצוגעבען, ווי אזוי שווער עס איז פאר איינעם, וואס האט אין זיך אריינגעזאפט די סאציאליסטישע פילאזאפיע און וועלכער איז דורכ־געדרונגען מיט א רעוואלוציאנערן־גייסט געגען דעם הערשענדען קאפ־פיטאליסטישען קלאס, זאל זיך צופאסען צו א פראפעסיע וועלכע איז בעגרינדעט אויף געזעצען, וואס זיינען געמאכט געווארען פון און פאר דעם הערשענדען קלאס, און דאך בלייבען טריי און עהרליך צו זיך און אליין און צו זיינע פרינציפען און פילאזאפישע לעבענס־אנשוי־אונגען. ווען איך קוק יעצט צוריק אויף די פערגאנגענע יאהרען, ווייזט זיך מיר אויס, אז דאס איז אלץ געווען א חלום, אז ניט איך האב דאס מיטגעמאכט.

איך געדענק, אז ווען איך האב צום ערשטען מאל ארויסגעהאנגען מיין „סיין" אלס לאיער פאר דעם הויז וואו איך האב דאן געוואוינט

אויף דער איסט־סייד, איז דער מאַן וואָס האָט געהאַלטען אַ „ניוס־סטענד" אויפ'ן קאָרנער, געוועזען דער ערשטער מיך צו גראַטולירען. דערוויילע האָט ער מיך, ווי אַ גוטער פריינד, געראַטען, אַז איך זאָל באַלד ווערען אַ מעמבער פון דעם טעמעני־קלוב פון יענעם דיסטריקט. „פאַרשטייט איהר מיך", האָט ער געזאָגט, „פאַר אַ יונגען לאָיער איז זעהר גוט צו זיין אין פּאָליטיקס און צו בעלאַנגען צו דעם קלוב. דער דזשאַדזש פון דעם דיסטריקט בעלאַנגט אויך צו דעם קלוב און שפּיעלט כמעט אַלע נעכט אין קאָרדס מיט די לאָיערס וואָס בעלאַנגען אויך צום קלוב, און פאָלגט מיך", האָט ער שטיל פערענדיגט זיין עצה, „עס איז פיעל בעסער צו קענען דעם דזשאַדזש, איידער צו קענען די לאָא".

עס האָט ניט לאַנג געדויערט, ביז איך האָב אויסגעפונען דעם ביטערען אמת, וואָס איז געלעגען אין די רייד. אוי, ווי שווער איך האָב געדאַרפט קעמפען געגען מאַנכע טעמעני דזשאַדזשעס צו גע־ווינען מיין גערעכטען פּונקט! אָבער איך בין קיינמאָל קיין טעמעני מעמבער ניט געוואָרען. די אידעאַליסטישע אידישע גאַס, די פּראָ־פּאַגאַנדע פון די פּיאָנערען פון דער אידיש־סאָציאַליסטישער און אַר־בייטער בעוועגונג, איז געבליבען אַ טהייל פון מיר אַליין, און כאָטש איך בין קיינמאָל „פּאָליטיש" ניט גענייגט געווען, ווייל איך האָב מעהרסטענס ליעב דאָס שטילקייט פון פּריוואַט־צימער פון דער לייב־רערי, וואו איך קען פערברענגען טעג און נעכט אין לעזען און שטור־דירען און שרייבען איין זאַך אָדער אַן אַנדערע, בין איך פונדעסטוועגען מיט דער צייט אַריין אין די רייען פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און איך האָב אויף מיין אייגענעם שטילען אופן געלייסטעט נאָך מיינע כחות נאָך אַזעלכע דיענסטע און געגעבען אַזוי פיעל געלט און מיט־געהאָלפען דער אַרבייטער בעוועגונג אויף אַזוי פיעל, ווי איך האָב נאָר געקענט.

און זייענדיג אַ סאָציאַליסט און פעראינטערעסירט, ווי איך בין, אין לעבען און קאַמף און אין יעדער בעוועגונג און ערשיינונג אין לעבען, קום איך נאָך איצט אויך אַמאָל, אויב ניט אָפט, אויף דער

אידישער גאַס און איך לעז איהר ליטעראַטור. די אידישע גאַס איז שוין לאַנג־לאַנג אַרויס פון דער איסט־סייד, וואָס איז געוועזן איינגעפאַסט צווישען די בויערי און איסט ריווער, האוסטאַן סטריט און וואָטער סטריט. די אידישע גאַס האָט זיך אין משך פון די יאָהרען צוצויגען איבער דער גאַנצער לענג, אויב ניט די גאַנצע ברייט פון מאַנהעטען. זי איז אַריין אין די בראָנקס און האָט פאַרכאַפּט היבשע טהיילען פון ברוקלין און אין אַנדערע שטעדט און שטעדטלאַך פון לאַנד זיינען פאַראַן פיעלע רעפּליקאַס פון אָט דער דאָזיגער אידישער גאַס.

און זי, די אידישע גאַס, האָט פּראָדוצירט אידישע מיליאָנערען, אידישע ריעל־עסטייטניקעס, אידישע געשעפּטסלייט, אונצעהליגע פּאָליטישענס און פּראָפעשאָנעלס, אינסטיטושאַנס, מיט אידישע ריכטער, אידישע לעגיסלאַטאָרען און גרויסע אידישע יוניאָנס מיט אַ בעדייטענדער סאָציאַליסטישער בעוועגונג. און איצט, ווי אַמאָל, נאָר פאַר און צוליעב אַנדערע אורזאַכען, איז אויך אַ ספּליט אין דער אידישער אַרבייטער און סאָציאַליסטישער בעוועגונג, און דער ספּליט האָט פערורזאַכט און געשאַפען אַ ברודער־קאַמף אויף לעבען און טויט. אָבער ו ו י א י ך ב ע ג ר י י ף איז דאָס ניט, ווי אַמאָל, אַן אידעען־קאַמף, אַ ריין־פּרינציפּיעלער שטרייט פון טעאָריע און טאַקטיק—עס איז בלויז אַ שעדליכער, אונזיניגער קאַמף פאַר מאַכט אין די אָדער אין יענער יוניאָן, פאַר הערשאַפט איבער די אָדער אַנדערע קערפּערשאַפטען, און די לופט אויף דער אידישער גאַס איז פול מיט רכילות, מיט זידלעריען, מיט מסירות און גענגסטעריזם, אוןביידע צדדים ווענדען זיך אַלע מאָל צו די קאַפּיטאַליסטישע פּאָליטישע מאַכטהאָבער, צו די געריכטסהייזער פון הערשענדען קלאַס נאָך הילף, און שטאַרקע יוניאָנס, מעכטיגע אַרבייטער ציטאַדלען, וואָס זיינען געבויט געוואָרען מיט אַזוי פיעל שווערער מיה, מיט אַזוי פיעל בלוט און שוויים און ענערגיע פון דער יוגענד פון אַ פאַרבייגעהענדען דור, ווערען חרוב געמאַכט, און דער אַרבייטער שטעהט און וויים ניט וואָס מיט איהם טהוט

זיך און וועלכען צד ער זאל פאלגען, און די עקספלואטאטארס שטשירען מיט די צייהן און האבען הנאה.

---

באטראכטענדיג דאס אלעס האב איך זיך פערבענקט נאך דער אמאליגער צייט, ווען איך בין נאך גאר א גרינער געווען; ווען ביי די טהוער פון דער אידישער גאס איז געווען אן אמת׳ער בעגעהר עפעס אויפצוטאן פאר דער מענשהייט און ניט אומצוברענגען די מענשען; ווען רעוואלוציאנערע פראפאגאנדע איז געווען פאר׳ן ארביטער קלאס און געגען קאפיטאליסטישען קלאס; ווען עהרליכע אידעען האבען בעאיינפלוסט יעדע ברעקעל טאקטיק און יעדער שטרייט איז געווען בעזעעלט פון א טיפען אידעאליזם. און איך בין ארויפגעגאנגען אין דער אידישער אפטיילונג פון דער ניו יארק פאבליק־לייברערי, און איך האב אנגעפאנגען צו זוכען די געשיכטע פון יענער צייט אין אלע אידישע צייטונגען. און בלעטערנדיג אזוי די אלטע צייטונגען, בין איך איינמאל געקומען איבער מיינע אן ערצעהלונג. דערנאך האב איך געפונען א צווייטע, א דריטע און א פיערטע. איך האב זיי אנגעפאנגען איבערצולעזען, צוערשט מיט א פרעמדקייט, אביסעל אפגעקיהלט, אזוי ווי דאס וואלט געווען פרעמדס, אבער ביסלעכוויז, ביסלעכוויז, האב איך זיך צו זיי דערנעהנערט, איך האב זיי דערקענט, ליעב־הארציגע גייסט־קינדער פון מיינע יונגע יאהרען, ווען חאטש עלענד און גריז, פיל מאל שוואך און פערהונגערט, בין איך געוועזן גענוג לעבענס־לוסטיג זיי צו בעשאפען.

און דא הער איך אויף דער אידישער גאס, אז צוליעב און איבער פערשידענע אורזאכען, שטארבט גאר אפ די אידישע שפראך און די אידישע ליטעראטור, אז אפילו דער אידישער קונסט טעאטער, פאר וועלכען דער באגאבטער קינסטלער מארים שווארץ אפפערט אזוי פיעל כחות, קען אויך ניט עקזיסטירען און אז קיינער קויפט ניט און לעפט אפילו ניט דאס אידישע בוך. אבער דאס ענטמוטהיגט מיך גאנץ ווייניג. האלט דען ניט דאס גאנצע אידישע פאלק אין איין אונטערגיין זינט עס עקזיסטירט אלס פאלק? און וואס ארט עס מיך, יא פערקויפט אדער ניט פערקויפט —

איך האָב דאָך קיינמאָל די זאַכען ניט געשריבען אויף צום פערקויף, און איך האָב בעשלאָסען צונויפצוזאַמלען די זאַכען אין בוך־פאָרם און אויב קיינער וועט ניט קויפען, וועל איך דאָך סיי־ווי־סיי גאָרניט פערלירען, וואָרים איך האָב דאָך דאָס געשריבען פון זיך און פאַר זיך אַליין. נאָך אַלעמען, שרייבט דאָך יעדער עהרליכער שרייבער פון זיך און פאַר זיך, און אויב איך קען מיט דעם בוך עפּעס אַנדערש ניט בעווייזען, וועל איך כאָטש פאַר זיך אַליין צוריקכאַפּען אַביסעל פון דעם גייסט פון יענער צייט, ווען איך האָב געלעבט אַנדערש און גע־אָטעמט אַ אַנדער לופט אויף דער אידישער גאַס.

ניו יאָרק, מאַרטש, 1927.

מאָרים גיסנעט.

# פון ליעבע און לעבען

# די חופה נאַכט

דער האָל איז שוין כמעט געווען לעער, אַלע געסט זענען זיך שוין לאַנג ביסלאַכוויז און פּאַרלאַכוויז צוגאַנגען, נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך צוקושט און געזעגענט מיט דעם נאָר וואָס פערהייראַטען פּאַר־פאָלק, און זיי אָנגעווינשעוועט אָל־דאָס־גוטס. עס זענען נאָר פערבליבען חתן־כלה׳ס עלטערען, עטליכע היימישע מחותנים און אַ פּאַר אינגלאַך מיט מיידלאַך, וועלכע האָבען אומגעדולדיג געוואַרט צו טאַנצען דעם לעצטען וואַלץ צו דער מוזיק פון „האום סוויט האום“.

ענדליך האָט עמיצער אַ סיגנאַל געגעבען צו די מוזיקאַנטען, וועלכע זענען געזעסען אין דערהויך אויף אַ קליינעם באַלקאָן. זיי האָבען גלייך אָנגעפאַנגען זעהר שנעל אַרויסצובלאָזען און אַראָפּצו־קראַצען די זיסע היימליכע מעלאָדיע פון זייערע אַלטע אינסטרומענ־טען. די פּאַר אינגלאַך מיט די מיידלאַך האָבען זיך ענערגיש גענומען צום טאַנצען, ווייסענדיג אַז דאָס איז די לעצטע געלעגענהייט וואָס זיי האָבען די נאַכט צו בעפרידיגען זייער טאַנץ־ליידענשאַפט, האָבען זיי זיך אָנגעשטרענגט מיט אַלע כוחות און עס האָט אויסגעזעהן אַז זייער לוסטיגער טאַנץ האָט ערמונטערט די מידע מוזיקאַנטען צו שפּיעלען וואָס לעבעדיגער. די איבעריגע מחותנים האָבען זיך צוגעאיילט צו דער „העט־טשעק־ווינדאָו“, פון וואַנען אַ פערשלאָפענער מאַן האָט זעהר פויל, אונגערען אַרויסגעגעבען זייערע מלבושים וואָס זיי האָבען פריהער אין אָווענד ביי איהם געטשעקט, און ער האָט געגעצענדיג געקוקט יעדען אין די פינגער אַריין פאַר זיין „טיפּ“. און נאָך איידער דער אָפּקלאַנג פון די לעצטע טענער פון דער מוזיק איז זיך אין דער לופט צוגאַנגען, האָט אַ געזונטער פּויליש־אַמעריקאַניזירטער שייגעץ, דער האָל־וואַטשמאַן, אַ קוועטש געטהון אַ „באַטאָן“ אונטער אַ זייטען־טיהר און דער האָל איז פינסטער געוואָרען.

עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ אײלעניש און אַ שטופעניש צו דער טיהר, וואָס שנעלער אַרויס צו געהן, כאָטש עס זענען געוועהן בלויז אַ הייפעלע מענשען. די היימישע מחותנים, די גאַר נאָהענטע, זענען געווען שטאַרק בעזאָרגט וועגען דעם יונגען פּאָרעל, זיי האָבען גע־טרייעט צו מאַכען וועג און לאָזען זיי געהן פּאָראויס, דערוויל האָט עמיצער אַ צווייטיגע בעמערקונג געמאַכט וועגען די וואָס שטופּען זיך אין דער פינסטער, און אַן אַנדערער האָט זיך מיט אַ ציינישען וויץ אויסגעדריקט, דאָס האָט ביי אַלעמען אַ האַרציגען געלעכטער אַרויסגערופען. חתן־כלה האָבען פערשטאַנען אַז דאָס איז אַלץ, אַי די צוויי־דייטיגע בעמערקונג, אַי דער וויץ, אויף זייער חשבון. זיי האָבען גוטמוטיג געשמייכעלט און זיך ניט וויסענדיג געמאַכט.

אויף דער סטריט, פאַר דעם האָל, האָט פאַר דעם פּאָר־פּאָלק גע־וואַרט אַן אויטאָמאָביל. אַזוי ווי זיי האָבען זיך נאָר אין דער ברייטער טיהר בעוויזען האָט דער שאָפער געעפענט פאַר זיי דאָס טיהרעל פון דעם אויטאָמאָביל, כדי זיי זאָלען קענען לייכטער אַריין שטייגען. די עלטערען און די גאָר נאָהענטע מחותנים האָבען זיך אַלע אויף איין מאָל צו זיי צוגעשטופּט און ווידער זיך געקושט און געזעגענט מיט זיי און אָפּגעווינשעוועט, יעדער אויף זיין שטייגער. איינער האָט איבער־געשריען דעם צווייטען, עס האָט אויסגעזעהן, אַז יעדער וויל האָבען דאָס לעצטע וואָרט, אַז זיין ברכה און גוט־וואונש זאָל העכער אָפּ־קלונגען, אַז חתן־כלה זאָלען דאָס הערען און געדענקען אויף העט, העט.

ווען דאָס יונגע ווייבעל איז שוין געזעסען אין אויטאָמאָביל נעבען איהר מאַן, האָט איהר אַלטע מוטער צו איהר זיך אַריבערגעבויגען און זי ווידער האַרציג געקושט און געבענשט מיט טרעהרען אין די אויגען און איהר פערזאָגט אַז זי זאָל חלילה מאָרגען אין סטריט ניט אַרויסגעהן, אַז זי וועט שוין פאַר איהר אַלצדינג בעזאָרגען און אַלעס אין צייט צו איהר אין אַפּאַרטמענט אַרויף שיקען. דער וואוילער יונג וועלכער האָט זיך פריהער געוויצעלט האָט אויסגעוואַרט ביז דער אויטאָמאָביל האָט זיך געריהרט פון אָרט און ער האָט די אוועק־פאָהרענדע מיט אַ צווייטען ציינישען וויץ בעגלייט.

ווען דער אויטאָמאָביל האָט זיך ביים קאָרנער אין דער צווייטער סטריט אַריין געקערעוועט און האָט אָנגעפאַנגען שנעלער צו לויפען, האָט דער יונגער מאַן זיין אָרעם אונטער דער ווייבעלס טאַליע אַרונטערגערוקט און האָט זי צו זיך ליעבליך צוגעצויגען. זי האָט זיך צו איהם גערן צוגערוקט און צו זיין זייט זיך צוגעטוליעט, זי האָט זיך אָבער געשעהמט איהרע אויגען צו איהם אויפצוהויבען. ער האָט זיין קאָפּ צו איהר צוגעבויגען, זיין באַק צו איהרע צוגעלעגט, און האָט מיט די ליפּען איהרע געגרייכט און האָט אויף זיי אַ לאַנגען הייסען קוש אָפּגעדרוקט, זי האָט דערווייל איהר קאָפּ אויף אונטען פאַרלייגט און די אויגען צוגעמאַכט. דערנאָך האָט ער זי געפרעגט:

„דו פיהלסט אַל־רייט, מיין טייערע?“

זי האָט געשוויגען. עס האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אַז זיין פראַגע האָט אַ שייכות מיט דער צוויי־דייטיגער בעמערקונג און מיט די וויצען וועלכע זי האָט געהערט אַרויסגעהענדיג פון האָל און אוועקפאָהרענדיג פון דאָרטען. ניט וויסענדיג פאַר וואָס האָט זי זיך גע־וואָלט אָפּרוקען פון איהם און זיצען בעזונדער אויף איהר זייט.

דאָס איז נישט געוועהן דאָס ערשטע מאָהל וואָס זי איז מיט איהם שפּעט ביי נאַכט אַליין אין אַן אויטאָמאָביל אַהיים געפאָהרען. זיי זענען אַ לאַנגע צייט חתן־כלה געוועהן און ער פלעגט זי זעהר אָפט אויסנעהמען און מיט איהר אויספאָהרען און זי אַהיים ברענגען אין אַ טעקסי, אָבער פריהער פלעגט ער זי יעדעס מאָהל אַהיים ברענגען צו איהרע עלטערענ'ס הויז ווי טאַטע־מאַמע, איבערהויפּט די מאַמע, האָט תמיד אויף איהר געוואַרט. זי האָט תמיד געוואוסט, אַז נאָך דעם אומאַרמען און נאָך דעם קושען זיך אין דער טעקסי, וועלכעס האָט זי ניט וועניג לײדענשאַפטליך געמאַכט, וועלען זיי נאָך שטעהן אַ ביסעל און אַמאָהל לענגער אויפ'ן „סטופּ“, אין האָל פון זייער הויז און זיי וועלען זיך ווייטער האַליובען און קושען איינער דעם צווייטען. זאָגאַר ווען זיי זענען אַרויפגעגאַנגען אויף די טרעפּ צו דעם צווייטען פלאָר, אויף וועלכען זי האָט געוואוינט, פלעגט ער איהר אָדער זי

איהם אויף יעדען טרעפּ אַ קוש טהון, און ווען זי האָט שוין געהאַט אנגעקלונגען דעם בעל און די מאַמע האָט פאַר איהר די טהיר גע־עפענט האבען זיי נאָך אַליץ ניט געקענט אָפּרייסען זיך איינער פון צווייטען אהן אַ לאַנגען ליידענשאַפטליכען קוש און זיין אומאַרמונג. אבער דערנאָך איז זי אריין אין איהר היים, אין איהרע עלטערנ'ס היים אין איהר בעד־רום אריין, האָט זיך אַ מיעדע אריין געוואָרפען אין איהר אייגענעם בעט צו וועלכען זי איז אַזוי געוואָהנט געווען און איז יעדעם מאהל געווען שטאַרק צופריעדען דערפון וואָס ער איז אויך אהיים געגאַנגען און זי קען שלאָפען איינע אַליין און זיך אויס־רוהען, אבער אצינד?.. .אצינד?...

ער האָט זי ניט געלאָזט ווייטער טראַכטען, נאָכרוקענדיג זיך נאָך איהר אויפ'ן ברייטלאַכען סיעט, האָט ער זי ווידער ארום גענומען ארום איהר „ווייסט", האָט זי ליידענשאַפטליך צוגעדריקט צו זיך, זי היים געקושט און ווידער געפרעגט:

„דו ביזט אַל־ראיט, מיין טייערע, אַ יאַ?"

„יעס", האָט זי שטיל און שעמעוודיג געענטפערט, און האָט זיך ווידער אַמאהל דערמאַהנט אין די צוויי ציינישע וויצען וואָס זי האָט געהערט פאַר'ן אַפּפאַהרען פון האָל, און וועלכע זי האָט פאַרשטאַנען, האבען אנגעדייט אויף דעם וואָס דאַרף באַלד מיט איהר פּאַסירען, אויף דעם וואָס פּאַסירט מיט יעדער מיידעל אין דער ערשטער נאַכט נאָך איהר חתונה, און דאָס הארץ האָט ביי איהר אָנגעהויבען האַסטיג צו קלאַפּען. דער יונגער מאַן האָט דאָס ניט בעמערקט, ער האָט זי נאָך שטאַרקער צו זיך געדריקט און צווישען הייסע קושען איהר אַן אויער אריינגעשושקעט:

„מיר וועלען באַלד זיין אַליין, דאַרלינג, אַליין אין אונזער אייגענער היים".

„יעס", האָט זי שטיל און אַזוי ווי מיט מורא באַשטעטיגט זיינע רייד. וואַקלענדיג איהר קאָפּ אויף זיין אַקסעל האָט זי צוגעמאַכט

איהרע אויגען און אין איהרע געדאנקען האט זיך פארגעשטעלט און אפגעשפיגעלט דער נאר־וואס־ניי־מעבלירטער פיער צימערדיגער אפארטמענט, וועלכען ער רופט „אונזער אייגענע היים". זי האט זיך געפרואווט פארשטעלען וואס זיי וועלען טהון ווען זיי וועלען באלד צום ערשטען מאהל אריין קומען אין זייער „אייגענער היים". צוערשט וועלען זיי אריין קומען אין דעם קליינעם „פאיער", וועלכען זי האט בעצירט מיט זעקס קליינע בילדלאך, וואס שטעלען פאר זעקס עפיזאדען פון דעם לעבען פון א יונגען פאר פאלק. פון דעם „פאיער" פיהרט א טיהר אין דער קליינער ווייסער „קיטשען", א צווייטע טיהר עטוואס ווייטער, פיהרט אין זייער „בעדרום" אריין, אין דעם פראכטפאלען „בעדרום", וועלכען זי האט אזוי געשמאקפול אויפגעפיקסט מיט א סעט „טשערקאסיען וואלנאט פוירניטשור", דאס בעט, דער דרעסער, דער שיפאניר, דער ראקער, דער קליידער הענגער, אלעס פון דעם זעלבען האלץ און קאליר און אלעס פאסט אזוי ריכטיג אויפ'ן ארט. איבער'ן ראקער האט זי פערשפרייט איהר לאנגע קימאנע פון הימעל בלויען יאפאנעזישען זייד, די פענסטער האט זי פערהאנגען מיט טייערע פארהענגלאך און דאס בעט איז פערדעקט מיט לייסענע דעקען, זי זעהט בעשיינפערליך מיט איהר געדאנקען־אויג, די צוויי קליינע דעקלאך וואס ליגען איבער די צוקאפענס קישעלאך, אויף וועלכע עס זענען אויסגעשטיקט אויף איינעם דאס ווארט „לאוו" און אויף דעם צווייטען דאס ווארט „העפינעס".

אזוי ווי אומיסנע איבערצורייסען איהרע געדאנקען האט ער זי דערביי ליידענשאפטליך צוגעדריקט צו זיך און איהר שטיל אריינגעשושקעט אין אויער אריין:

„סוויטהארט דיער, מיר וועלען די נאכט צום ערשטען מאהל שלאפען אין אונזער אייגענעם בעט, אין אונזער בעדרום".

עטליכע מינוט שפעטער האט זיך דער אויטאמאביל אפגעשטעלט פאר דעם גרויסען נייעם הויז אין וועלכען זייער נאר־וואס ניי־אויסגעמעבלירטער פיער־צימערדיגער אפארטמענט האט זיך געפונען אויפ'ן

ערשטען פלאָר. דער שאָפער האָט שנעל געעפענט די טיהר פאַר זיי און זייביידען געהאָלפען אַרויסשטייגען פון אויטאָמאָביל, דער יונגער מאַן האָט איהם בעצאָהלט וויפיעל ער האָט געמאָנט און האָט איהם נאָך צו געגעבען אַן עקסטרא גוטען „טיפּ“, פאַר וועלכען דער שאָפער האָט איהם אָפּגעדאַנקט און הארצליך צוגעווינשען איהם, אַז ער זאָל האָבען „אַ ריעל גוד טיים טו נייט“, דאָס יונגע ווייבעל האָט זיך אָפּגעדרעהט, האָט זיך געמאַכט גלייך ווי זי הערט גאָר ניט אָבער גלייכצייטיג זענען איהר אויפ'ן געדאַנק ווידער געקומען די צוויי ציניקע ווייצען וועלכע זי האָט געהערט פאַר דעם אָפּפאָהרען פון דעם האָל, און עס האָט איהר שרעקליך פערדראָסען אויף די מענער וואָס קענען זיך אַזוי ווילען און זי האָט דעם שאָפער ניט געענט־פערט אויף זיין העפליכען „גוד נייט“, ווען ער איז אָפּגעפאָהרען מיט זיין אויטאָמאָביל.

אין סטריט איז געווען קיהל און שטיל, די רייען הויכע און ברייטע אַפּאַרטמענט הייזער פאַר זיי און קעגען איבער, זענען אַזוי ווי גע־שלאָפען איינגעהילטע אין דער דורכזיכטיגער פינסטערניש פון דער שפּעטער נאַכט, וועלכע האָט זיך שוין גענומען מאַכען פּלאַץ פאַר דעם אַנקומענדען פריהמאָרגען פון אַ נייעם טאָג. דאָס יונגע ווייבעל האָט לאַנגזאַם צושאָקעלט דאָס זיידענע קלייד מיט דעם פּליושענעם מאַנטעל, אום אויסצוגלייכען די קנייטשען וואָס דער לאַנגער זיצען אין אויטאָמאָביל האָט אויף זיי געמאַכט. דערנאָך האָט זי דורשטיג איינגעאָטעמט אַביסעל פרישע קיהלע לופט, איינהאַלטענדיג דעם אָטהעם לאַנג אין איהר ברוסט בשעת זי האָט געוואָרפען איהרע בליקען הין און צוריק אויף דער לאַנגער ברייטער סטריט און אויף די פערשלאָפענע הייזער.

די פּאָר מינוטען איז דער יונגער מאַן געשטאַנען לעבען איהר מיט גרויס אונגעדולד. ער האָט נייגעריג בעטראַכט איהר שעה־נע פיגור, גלייך ווי ער זעהט זי יעצט צום ערשטען מאָהל, אַננעמענדיג איהר אָרעם וועלכען ער האָט שטאַרק צוגעדריקט צו זיך, האָט ער איהר געזאָגט:

„סאַם דיער, לאָמיר אַרויף געהן“.

זי האָט גאָר ניט געענטפערט און האָט זיך אַבער פון אָרט אויך ניט גערירהט, זי איז אַלץ געשטאַנען אונבעוועגליך אין אַ גלייכע פּאָזע, איהר הויכע ברוסט האָט זיך ריטמיש בעוואויגען מיט יעדען אָטעם־צוג וואָס זי האָט געמאַכט, איהר צאַרט געזיכט, אימער פאַרביג, האָט איצט אויסגעזעהן שטאַרק בלייך פון דער מיעדקייט פון דער אָנשטרענגונג פון פערגאַנגענעם טאָג מיט דער נאַכט, אָבער ביי איהם אין די אויגען האָט זי איצט אויסגעזעהן רייצענד שעהן, פיעל שעהנער און רייצענדער, האָט זיך איהם אויסגעדרוכט ווי ער האָט זי ווען אַמאָהל געזעהן. ער האָט געפיהלט אַז עפּעס אַן אונבעגרייפליך געפיהל ציהט איהם צו איהר צו זיין מיט איהר אַליין, צו בעהעפטען זיך מיט איהר ווען... דריקענדיג איהר אָרעם שטאַרק צו זיך האָט ער נאָכאַמאָהל געזאַגט:

„סאַם דיער, לאָמיר אַרויף געהן“, — און ניט וואַרטענדיג אויף איהר ענטפער, האָט ער זי מיט פיעל צערטליכקייט צוגעפיהרט צו די האָל טיהר פון דעם אַפּאַרטמענט הויז, וועלכע ער האָט שנעל געעפענט; און כאַפּענדיג זי אין זיינע שטאַרקע אָרעמס און טראָגענדיג זי ווי אַ קליין קינד, איז ער שנעל אַרויף געגאַנגען איבער די טרעפּ צום ערשטען פלאָר אויף וועלכען זייער אַפּאַרטמענט האָט זיך געפונען.

זי האָט אימער ליעב געהאַט צו פיהלען אַרום זיך זיינע קרעפטיגע מוסקוליעזע אָרעמס. פריהער ווען זיי זענען בלויז געוועהן פערלאָבט, אַז ער פלעגט זי אַמאָהל אַזוי שטיפעריש כאַפּען אויף זיינע הענד און אַרויף טראָגען איבער די טרעפּ צום צווייטען פלאָר אין דעם הויז וואו איהרע עלטערען האָבען געוואָהנט, האָט זי דערפון זעהר פיעל פערגעניגען געהאַט און זי האָט אימער גוט און פריילוך געפיהלט, אַז איהר האַרץ פלעגט אין איהר שפּרונגען פאַר פרייד און אוים ליעבע צו איהם. זי פלעגט זיך פעסט צוהאַלטען מיט ביידע הענד, וועלכע זי האָט פערוואָרפען אַרום זיין האַלז און נאַקען, און קושענדיג איהם

און לאַכענדיג פאַר פרייד און גליק פלעגט זי זיך אומיסטנע וואַרפען און דרעהען מיט די פיס, כדי זיך שווערער צו מאַכען, ער זאָל וואָס מעהר פיהלען די משא פון איהר קערפער. איהם האָט דאָס אָבער ניט געאַרט, ער האָט זי צוריק געקושט און האָט אויך געלאַכט אַ גליקליכער מיט איהר ליעבע ביז ער האָט זי אַרויף געבראַכט צו דער טיהר פון איהרע עלטערענ׳ס וואָהנונג און האָט זי זעהר פאָרזיכטיג אַראָפּגעלאָזט פון זיינע הענד, אַזוי ווי אַ צערטליכע מוטער שטעלט פאָרזיכטיג אַוועק איהר קינד וואָס פאַנגט ערשט אָן צו לערנען זיך שטעהן אויף די שוואַכע קינדערשע פיסלאַך, און זי האָט נאָך אַלץ געהאַלטען איהרע אָרעמס אַרום זיין האַלז און זיי האָבען זיך נאָך לאַנג געקושט.

איצט אָבער ווען ער האָט זי אַ כאַפּ געטהון אין זיינע שטאַרקע אָרעמס, האָט זי זיך עפּעס ווי דערשראָקען פאַר איהם און דאָס האַרץ איז ביי איהר איינגעפאַלען, זי האָט געוואָלט געגען דעם פּראָטעסטי־רען, נאָר זי האָט פאַר מורא ניט געקענט קיין ווערטער געפינען און האָט ניט געוואוסט וואָס צו טהון, און זי האָט ניט געוואָגט צו מאַכען די מינדעסטע בעוועגונג מיט איהר קערפער, זי האָט זיך געפיהלט אינגאַנצען צודריקט און פערניכטעט פון זיין מענליכער קראַפט, אַזוי ווי לעבענסלאָז איז זי געלעגען אין זיינע אָרעמס און ער האָט זי פלינק ארויפגעטראָגען צום ערשטען פלאָר און ווען ער האָט זי אַראָפּ געשטעלט פאַר דעם פּרייוועט האָל פון זייער וואָהנונג, אום צו קענען אויפשליסען די טיהר, האָט זי געפיהלט אַז די פיס וואַקלען זיך אונטער איהר, מורא האָבענדיג אַז זי זאָל פון שוואַכקייט ניט פאַלען האָט זי זיך אנגעשפּאַרט אָן איהם בשעת ער האָט זיך מיט די שליסעלאַך אין דעם שלאָס געפּאָרעט און זי האָט שטאַרק צוזאַמענגעדריקט די ציינער מיט די ליפּען איינצוהאַלטען דאָס האַסטיגע קלאַפּען פון איהר האַרץ, ווען זי איז מיט איהם אַריין אין זייער אייגענער וואָהנונג.

אַזוי ווי זיי זענען נאָר אַריין אין „פאָיער“ פון זייער אַפּאַרטמענט האָט דער יונגער מאַן גלייך אָנגעקוועטשט דעם עלעקטרישען „באָטאָן“ און ליכטיג געמאַכט דעם „פאָיער“, און אויפעפענענדיג די טיהר פון

בעדרום האָט ער דאָרט אויך ליכטיג געמאַכט, דאָס יונגע ווייבעל איז איהם לאַנגזאַם נאַכגעגאַנגען און פאַרביי געהענדיג די וואַנד אין „פאַיער" אויף וועלכער עס זענען געהאַנגען די זעקס קליינע בילדלאַך וואָס שטעלען פאָר אַזוי פיעל עפּיזאָדען פון דעם לעבען פון אַ יונג פערהייראַט פּאָר־פאָלק, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם בילדעל וואָס שטעלט פאָר דאָס יונגע פּאָר־פאָלק שטעהענדיג גליקליכע טאַטע־מאַמע איבער דעם וויגעלע פון זייער ערשט געבאָרענעם קינד, דאָס בילדעל האָט זיך ביי איהר אין זכרון אָפּגעשטעלט לענגער ווי די אַנדערע און זי האָט דערפון געטראַכט זאַגאַר ווען זי איז מיט לאַנג־זאַמע טריט איהר מאַן נאָכגעגאַנגען אין בעדרום אַריין און האָט מיט איהרע מיעדע אויגען בעטראַכט אַלצדינג וואָס איז דאָרטען געוועהן, דעם סעט „טשערקעסיען וואַלנאַט פוירניטשור", דאָס בעט דעם דרע־סער, דעם שיפאַניר, דעם ראָקער מיט'ן קליידער הענגער, אַלעס איז געוועהן אויפ'ן אָרט ווי זי האָט עס אָוועקגעשטעלט און אָוועקגעלעגט, אָדער אויפגעהאַנגען, די פאָרהענגלאַך אויף די פענסטער, די הימעל בלויע, יאַפּאַנעזיש־זיידענע קימאָנע אויפ'ן ראָקער און די לייסענע דעקען אויף דעם בעט מיט די צוויי קליינע צודעקלאַך אויף די צור־קאָפּענס קישעלאַך אויף וועלכע עס איז געוועהן אויסגעהאָפטען אויף איינעם דאָס וואָרט „לאַוו" און אויפן צווייטען דאָס וואָרט „העפּינעס".

זי האָט זיך אוים מיעדקייט אָנגעשפּאַרט אַן דער וואַנד, און קו־קענדיג אַזוי אויף דער פריעדליכער אָרדנונג אין וועלכער עס זענען געשטאַנען די אַלע זאַכען וואָס זי האָט אַליין איינגעקויפט און איינ־געפּיקסט, האָט זי דערפיהלט אַ זעלטענעם פערגעניגען און עס האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אַז זי וואָלט צופריעדען געוועהן אָפּצושטעהן אַזוי ווער ווייסט ווי לאַנג, אַבי די אָרדנונג אין צימער זאָל בלייבען אונגעשטערט, און ווען איהר מאַן האָט זי געפרעגט פאַר וואָס זי איז געבליבען אַזוי שטעהן, האָט זיך אַ לייכטער שמייכעלע בעוויזען אויף איהר בלייכען געזיכט, און אַזוי ווי אָפּזיפצענדיג מיט צופרידענהייט, האָט זי שטיל אַרויסגעזאָגט:

„אַ דיער!"

ער האָט זי אָבער ניט פֿערשטאַנען, ער האָט ניט געוואוסט וואָס עס איז איצט פּאַרגעקומען אין איהר האַרץ און אין איהרע געדאַנקען. אַנפאַנגענדיג אָראָפּצונעמען פון זיך זיינע קליידער און זיך אויסצוטאָן צום ערשטען מאָהל אין איהר געגענוואַרט, האָט ער אויסגערופען:

„וועל דהים איז דהי לייף!“

דאָס ווייבעל האָט זיך געשעהמט צו קוקען אויף איהם, עס האָט זי זאָגאַר אַנגעפאַנגען צו פערדריסען פאַר וואָס ער איז אַזוי אונהעפליך צו איהר, אַז ער האָט זי אַפילו ניט געבעטען ענטשולדיגונג איידער ער האָט זיך אַנגעפאַנגען אויסצוטאָן צום ערשטען מאָהל אין איהר געגענוואַרט, און דער טאָן און די ענטציקונג מיט וועלכע ער האָט די לעצטע בעמערקונג אויסגערופען איז איהר גאָר ניט געפעלען געוואָרען, זי האָט זיך פון איהם אָפּגעדרעהט און אַנקוועטשענדיג דעם באַטאָן אַז וואַנד האָט זי אויסגעמאַכט דאָס ליכט אין צימער און האָט זיך איז ראָקער אַוועקגעזעצט.

זיצענדיג אַזוי אין דעם ראָקער אין דער פינסטער, און כאָטש זי האָט דייטליך געהערט זיינע בעוועגונגען ווען ער האָט פון זיך די שיך אויסגעטהון און איז אין בעט אַריין, האָט זיך איהר פלוצים אויסגעוויזען אַז זי איז דאָרט איינע אַליין און אַז זי איז אין אַ פרעמדער און אונבעקאַנטער וואָהנונג און אַז דאָרט אין בעט איז ניט איהר אייגענער מאַן, איהר געליעבטער חתן, נאָר עפּעס אַ פרעמדער, אַן אונבעקאַנטער, מיט וועמען זי האָט גאָר קיין שייכות ניט. און אין מוח איז ביי איהר קלאָר ענטשטאַנען די פראַגע, „וואָס איז אַזוינס דאָס לעבען?“

זי האָט אַנגעשפּאַרט איהר קאָפּ אויף איהר האַנד און האָט זיך פערטראַכט וועגען אַלץ וואָס איז מיט איהר ביז איצט אַמאָהל פאָר־געקומען, זי האָט געוואָלט וויסען צוליעב וואָס זי איז גאָר אינגאַנצען געבאָרען געוואָרען, צוליעב וואָס איז זי אויסגעוואַקסען אַ גרויסע און אַ שעהנע און צוליעב וואָס און פאַר וואָס האָט זי זיך פער־ליעבט און חתונה געהאַט און צוליעב וואָס און פאַר וואָס דאַרף זי איצט זיינע ווערען

פון בעט איז צו איהר דערווייל צוגעקומען איהר מאנ׳ס ווייכע שטימע, ער האט זי צו זיך צערטליך גערופען:

„סוויטהארט, וואטס די מעטער?“

דאס ווארט „סוויטהארט“ האט איהר אין הארצען אזוי ווי א גלעט געטהון און זי בערוהיגט, אבער זי האט אלץ ניט געוואוסט וואס מיט איהר איז און פאר וואס עס איז איהר אזוי שווער זיך פון ארט צו ריהרען, פון דעסטוועגען האט זי מיט א שווערען גע־מיטה און מיט א מורא־געפיהל אין איהר הארצען, אנגעפאנגען מיט שווערע הענד אראפצונעמען די קליידער פון זיך, אבער איידער זי האט נאך איהר אויבערשט קלייד אינגאנצען אפגעשפיליעט האט זי פלוצים פון הינטען ארום דערפיהלט זיינע קרעפטיגע מוסקוליעזע ארעמס ארום זיך, און היים־קושענדיג זי אין דער ענטבלויזטער פלייצע האט ער זי פון ראקער אויפגעהויבען און האט זי צוגעטראגען צום בעט.

מיעד און שוואך ווי זי איז געוועהן, האט זי דאך ניט געוואלט שלאפען, זי איז צופריעדען געוועהן צו בלייבען ליגען אויפ׳ן ארט וואו ער האט זי אוועקגעלעגט און ווייטער צו טראכטען, צו געפינען אן ענטפער אויף די פראגען וואס האבען זיך אזוי האסטיג אין איהר מוח געשטופט.

דער יונגער מאן האט זי אבער ווייטער געגלעט און געקושט און איהר געבעטען, אז זי זאל וואס שנעלער פון זיך די קליידער אויסטהון. זי האט דערצו גאר קיין ווילען ניט געהאט, עפעס אן אונבעקאנט געפיהל האט זיך אין איהר ברוסט בעוועגט, און זי האט איהם געבעטען ער זאל זי איצט צורוה לאזען, ער האט דאס ניט געוואלט הערען און האט זי ניט געלאזט אויסרעדען א ווארט, ער האט איהרע ליפען איהרע אויגען, איהר גאנצעס געזיכט מיט הייסע ליידענשאפטליכע קושען בעדעקט און האט זיך גענומען אראפציהען די קליידער פון איהר, זי האט זיך אזוי ווי דערשראקען פאר דער הייסער לופט מיט וועל־כער ער האט אויף איהר לייב געאטעמט, און ווען ער האט אנגעפאנגען מיט ווילדער שנעלקייט איהרע קליידער. פון איהר ארונטערצורייסען

האָט זי זיך שנעל אויפגעזעצט און געפּרואווט איהם אָפּצושטויסען פון זיך. דאָס האָט איהם נאָך שטאַרקער אויפגערעגט, און אַרומכאַפּענדיג איהר אין זיינע אָרעמס האָט ער זיך געבען איהר אין בעט אַריינ־געוואָרפען און האַלטענדיג זי שטאַרק צוגעדריקט צו זיין נאַקעטען קערפּער האָט ער זיך מיט זיין געזיכט איינגעגראָבען צווישען איהרע נאַקעטע ברוסטען, און היים־קושענדיג זי האָט ער איהר אייביגע ליעבע פערשפּראָכען און האָט זי געבעטען זי זאָל זיך צו איהם איבער־געבען און זאָל זיינע ווערען...

⟡ ⟡ ⟡

נאָכדעם ווי זי איז „זיינע" געוואָרען און די היץ וואָס די ליידענ־שאַפט האָט אויף איהם אָנגעוואָרפען, האָט איהם פערלאָזען, האָט ער זיך פון איהר אָפּגערוקט, האָט זיך אויסגעצויגען אויף זיין רוקענביין און האָט צווישען געגעצען בעמערקט, אַז ער איז שטאַרק מיעד און אַז ער פיהלט אַז ער קען איצט און וועט זיכער געשמאַק שלאָפען.

דאָס יונגע ווייבעל האָט אויך געפיהלט שרעקליך מיעד און אַחוץ דער מיעדקייט האָט זי אויך דערפיהלט אַ פיינליכען וועהטאָג אין אַלע גלידער פון איהר קערפּער, מיינענדיג דערמיט איהר וועהטאָג צו פערלייכטערען, האָט זי זיך איינגעקאָרטשעט, האָט זיך צו איהם צו־געררוקט, ביי זיין זייט זיך איינגענורעט און ווען זי האָט איהר קאָפּ אויף זיין ברוסט אַוועקגעלעגט האָט זי זיך קוים געקענט איינהאַלטען ניט צו ציוויינען זיך.

„וואָס איז דער מער?" האָט ער איהר געגעצענדיג געפרעגט.

„כ'וויל דיך וואָס פרעגען", האָט דאָס ווייבעל כמעט כליפּענדיג אַרויסגעשטאַמעלט.

„נו פ־ר־ע־ג", האָט ער פערענדיגט זיין לאַנגען געגעץ.

„וואָס איז אַזוינס ,דאָס לעבען' וואָס דו האָסט פריהער מיטגע־מאַכט?" האָט זי שטיל געפרעגט.

אנשטאט צו ענטפערען האָט ער שוואך פּראָטעסטירט, „כ'פּער־שטעה דיך ניט דיערי, וואָס דו ווילסט״.

„איך וויל וויסען״, האָט זי פּעסט געענטפּערט.

„צופיעל איז אומגעזונד!״ האָט ער קורץ בעמערקט און האָט זיך ווידער צוגענעצט, ער האָט איהר נאַקעטען אָרעם א גלעט געטהון און זי געבעטען „געה בעסער שלאָפען איצט, גוד נייט!״

דערביי האָט ער געמאַכט אזא בעוועגונג מיט זיין קערפּער, אז זי האָט געמוזט אראָפּנעמען איהר קאָפּ פון זיין ברוסט, ער האָט זיך פון איהר אָפּגערוקט און זיך גרייט געמאַכט איינצושלאָפען.

א בעליידיגטע האָט זי זיך פון איהם אויך אָפּגערוקט און האָט זיך אויסגעדרעהט מיט איהר פּנים צום פענסטער, מיט טרעהרען־פולע אויגען האָט זי לאַנג געקוקט דורך די שפּאַלטען פון די פּאַרהאַנגלאַך און האָט געזעהן ווי דער מאָרגען־נעבעל פערשווינדט און דער טאָג ווערט וואָס אמאָל ליכטיגער און ליכטיגער, און בעת פון דער צוויי־טער זייט בעט האָט זיך צו איהר צוגעטראָגען דאָס שווערע אָטעמען פון דעם שלאָפענדיגען מאַן האָבען זיך מאָדנע פראַגען פּאַרמולירט און געגראבערט איהר מח.

„וואָס איז אזוינס דאָס לעבען?״

„צוליעב וואָס איז דאָס אלץ?״

און זי האָט ניט געקענט אנשלאָפען ווערען.

# די גאַסען פרוי

צערענט ניט אויף איהר, ווען איהר זעהט זי ארומגעהן שפעט אין דער פינסטערער נאַכט זוכען אַ קונד אויף איהר לייב.

צערענט ניט אויף איהר, ווען איהר זעהט זי ווינקען צו יערען פאַרבייגעהער און באַט איהם אַן איהר קערפער פאַר עטליכע לומפּיגע סענטען.

און שפּעטער, שפּעטער מיט יאהרען, ווען איהר וועט אמאָל זעהן די זעלבע גאַסען־פרוי ווילד פאַר׳שיכור׳ט, מיט צולאָזענע און צושוי־בערטע, פאַר־דער־צייט גרוי געוואָרענע האָר, אויף וועלכער עס וויל זיך קוים איינגעהאַלטען אַ אַלטער צוריסענער הוט, און איהר איינגע־שרומפּט, ברודנע ליֵיב קוים פאַרדעקט פון די צוריסענע טראַנטעס, — ווען איהר׳ט זי אמאָל שפּעטער מיט יאהרען זעהן׳אין דעם צושטאנד זיך וואַלגערען אין די רינשטאָקען אדער ווען אַ פּאָר גראָבע פּאָליס־לייט וועלען זי אונערבאַרעמליך שלעפּען, שטויסען און אריינוואַרפען אין אַ פּאַטרול־וואַגן, אויך דאַן זאָלט איהר אויף איהר ניט צערנען, ניט לאַכען, אדער חלילה אָפּשפּעטען פון איהר. אויב איהר האָט מענש־ליכע הערצער, דאַרפט איהר אויף איהר מיטלייד האָבען. יאַ מיטלייד דאַרף מען אויף איהר האָבען און באַדויערען דאַרף מען זי, און מ׳דאַרף זיך ניט שעהמען צו פאַרגיעסען אַ טרעהר איבער איהר שיקזאַל אויך, דען זי איז ניט אַ געזונקענע און אויסגעלאַסענע, ווי מאַנכע דענקען. זי איז בלויז אַן אומגליקליכע, אַ פאַרפיהרטע און אין אַב־גרונד פאַרשטויסענע...

* * *

איך קען זי.

זי איז פּונקט ווי איהר, ווי איך, פון גוטע, פרומע עלטערן געבוירען. פּונקט ווי איהר מיט אייערע שוועסטער איז זי אויך אמאָל

דער שטאָלץ און דאָס ליעבלינג פון איהר פאַמיליע געווען. אַלס קליין קינד איז זי רייצענד שעהן געוועהן. ווי אַ שעהנע, פרישע בלום האָט זי געבליהט און געוואַקסען. אַ ליעבע, צערטליכע מוטער האָט זי אויף איהרע הענט געטראָגען, איז איבער איהר נעכט ניט געשלאָפען, האָט זי געפּעשטשעט, האָט זי מיט ליעבע געקושט און געצערטעלט. אַ גוטער טרייער פאָטער האָט פאַר איהר געזאָרגט, האָט פון איהר'ט וועגען שווער און ביטער געהאָראָוועט, פיעל שוויים און בלוט און מאַרך פון איהר'ס וועגען געאָפּפּערט, האָט זי גוט ערצויגען און גוטע זיטען זי געלערענט. און זי האָט געבליהט און געוואַקסען און איז וואָס אַמאָהל שעהנער און רייצענדער געוואָרען. טאַטע־מאַמע האָבען געקוועלען אויף איהר קוקענדיג, האָבען געהאָפט פון איהר פיעל גליק און פרייד צו זעהן און פון איהר גרויס נחת צו דערלעבען.

דאָס שיקזאַל האָט אָבער אַזוי ניט געוואָלט.

ווען זי איז קוים אַ יונג־פרוי געוואָרען, האָט ביי זיי אַ גרויס־אומגליק פּאַסירט. אין דער פאַבריק, וואו איהר פאָטער האָט גע־ארבייט, האָט אַ סטיעם־באָילער עקספּלאָדירט און האָט אָהם אויגענ־בליקליך געטויטעט. די אַלמנה האָט פּרובירט פּראָצעסען פאַרפיהרען, שאַדענערזאַץ פאַר איהר מאַן'ס לעבען אויפצומאָהנען, דער הונגער האָט זי אָבער באַלד אויסגעמאַטערט מיט איהר פאַמיליע און זי איז צופריעדען געווען די קלאַגע אויפצוגעבען און, דער גוטער, ווייכ־הערציגער באָס האָט די יונגע שעהנע יתומה, אוים מיטלייד, אין זיין פּעקטאָרי אַריינגענומען און איהר באַשעפטיגונג געגעבען, זי זאָל קענען איהר מוטער מיט די קלענערע הילפלאָזע יתומים'לאַך ערנעהרען.

אין דער פאַבריק האָט זי שוין מעהר בליהען און וואַקסען ניט געקענט. פאַרקעהרט זי האָט גאַר אָנגעהויבען צו וועלקען און וויאַנען, און די לאַנגע שטונדען, שווערע אַרבייט און פאַרפּעסטעטע לופט האָט איהר זעהר פיעל צום געזונד געשאַדעט. אָבער די אומגליקליכע האָט זיך אויף איהר שיקזאַל ניט בעקלאָגט. רוהיג און געלאַסען איז זי יעדען טאָג צו דער אַרבייט געגאַנגען. זי האָט אפילו קיינמאָל קיין

קרעכץ ניט געטאַהן, ווען זי האָט געפיהלט שטאַרק מיעד און צו־בראָכען אַהיים געהענדיג פון דער אַרבייט. דער איינציגער געדאַנק, אַז זי קען איהר אָרעמער פאַמיליע צו הילף קומען האָט זי גליקליך געמאַכט.

איינמאָל איז דעם רייכען פאַבריקאַנט'ס זוהנדעל אין פאַבריק געווען, און ווי ער האָט נאָר זי באַמערקט איז איהר שעהנקייט איהם שטאַרק געפעלען געוואָרען. זיין פעטע האַרץ האָט זיך פאַרגלוסט פון איהר ווייכען צאַרטען קערפער פערגעניגען צו האָבען. און ער האָט זי מיט פאַלשע רייד, מיט שמייכלעריי און חניפה'לאַך אויף אַ שפּאַציער איינגעלאַדען. און ער האָט אין איהרע אויערען אַריינגע־רעדט זיסע רייד פון ליעבע און גליק און האָט איהר יונגען מוח באַרוישט מיט פאַרשפּרעכונגען פון אַ שעהנער גאָלדענער צוקונפט, מיט רייכע פּאַלאַצען, מיט שעהנע קליידער, מיט פיעל שמוק און פּוץ־זאַכען. און זי, די יונגענקע, אונערפאַהרענע האָט איהם געגלויבט און געטרויעט און האָט זיך צו איהם איבערגעגעבען מיט דעם גאַנצען פייערליכען ברען פון איהר יונגען דורשטיגען האַרץ...

עס האָט ניט לאַנג געדויערט ביז זי האָט זיך פון איהר פאַלשען ליעבעס־טרוים אויפגעכאַפּט. ווען דער רייכער שאַרלאַטאַן האָט זיין תאוה אין איהר קערפער געזעטיגט האָט ער זי פאַרוואָרפען ווי אַ טרוקענע אויסגעדאַרטע פאַרוועלקטע בלום. און ווען זי האָט דערנאָך געוואָגט אַ וואָרט אויסצוריידען, איהרע רעכט צו זוכען, האָט מען זי אַרעסטירט און באַשטראָפט פאַר וועלען אויספּרעסען געלד פון די אונשולדיגע רייכע...

פון דעם ערשטען פאַל איז זי געגאַנגען צום צווייטען און צום דריטען, דען זעהר שווער איז פאַר אַ געפאַלענער אין דער געזעל־שאַפט זיך צוריק אויף די פיס צו שטעלען, ביז זי האָט אַזוי געזונקען און געזונקען אין דעם שרעקליכען זומפּ....

פון אָנפאַנג, ווען זי איז נאָך אַלץ יונג, שעהן און געזונד געווען, האָבען גאָר, גאָר פיעלע, רייכע מענער אין איהר שלאָפצימער

איהר די פיס געקושט און זיי האבען איהר טהייער באצאהלט פאר איהר ליעבע, פאר דער געלעגענהייט ביי איהר זייט זייער בעסטיאלישע ליידענשאפט צו זעטיגען; אין סאמעט און אין זייד האט מען זי גע־קלײדעט און מיט ציערונג באהאנגען. און דאס געלד, וואס זי האט מיט איהר קערפער פארדיענט, האבען ביי איהר צוגענומען: די אנשטענדיגע לענדלארדס, וועלכע האבען ביי איהר אונגעהויערע הויכע רענט פאר זייערע צימערען קאלעקטעט און זיך ניט וויסענדיג געמאכט וואס זי טהוט דארטען; די אנגעזעהענע סוחרים, וועלכע האבען איהר דריי מאל אזוי פיעל ווי אנדערע, פאר זייער סחורה בארעכענט; די עהרליכע פאליטישענס, וועלכע האבען איהר פאר־שפראכען זי פון געזעצע צו פראטעקטען; די גראבע פאליסלייט, וועלכע האבען זי גאנץ אפט ארעסטירט און די מאגיסטראטען, וועלכע האבען זי באשטראפט. און אזוי איז זי געזונקען אלץ טיעפער און טיעפער און איהר פרייז איז אלע מאהל געפאלען, זי איז אלע מאהל ביליגער געווארען, ווי יערע אלטע אפגעניצעוועטע זאך...

* * *

און יעצט, ווען איהר זעהט די אומגליקליכע אויף דער לעצטער שטופע, ווילד באזאפען זיך וואלגערן אין רינשטאקען, זאלט איהר פון איהר ניט לאכען, ניט אפשפעטען און ניט צערענען אויף איהר. מיט־לייד דארף מען אויף איהר האבען און זי באדויערען, דען זי איז ניט א געזונקענע און אויסגעלאסענע פון איהר אייגענעם ווילען, זאנדערן אן אומגליקליכע, א פארפיהרטע, פארשטויסענע, איז זי. און ווער פון אייך ווייסט אויב ער האט ניט בעשאפען אדער אז ער וועט ניט אמאל באשאפען א קינד צו דעם זעלבען טרויעריגען שיקזאל?

# יוגענד ליעבע

אויב עס איז אמאהל געווען א פאל פון פערליעבען זיך ביי דער ערשטער בעגעגעניש, איז דאס זיכער געווען אזוי צווישען דארים קאנטראוויץ און דזשייק לעווינסקי. ביי זייער ערשטער צופעליגער בעגעגעניש האבען זיי זיך שטארק פערליעבט איינער אין צווייטען. ער האט געפיהלט עפעס א צויבער־קראפט ציהט איהם צו איהר, און זי האט געפיהלט אז זי קען זיך גאר פון איהם ניט שיידען. אבער אזוי ווי א היינט־וועלטיגע מיידעל, האט זי איהר קאפ ניט פערלוירען, און האט באלד איינגעלאדען דזשייק'ען אז ער זאל ארויף קומען צו איהר אין הויז און זי האט איהם גלייכצייטיג געגעבען איהר אדרעס, און זי האט צוויי מאהל ווידערהאלט דעם נאמען פון דער סטריט מיט'ן נומער און וועלכען פלאר פון הויז זי האט געוואהנט. דזשייק איז געווען אויפ'ן זיבענטען הימעל, האט א גליקליכער און מיט צופרידענהייט אנגענומען די איינלאדונג און האט איהר פארשפראכען דעם נעקסטען אווענט ארויף צו קומען פינקטליך אכט אוהר, און אזוי ווי ער האט גראדע ביי זיך ניט געהאט קיין פענסיל מיט פאפיער דעם אדרעס צו פערשרייבען איז ער שטונדען לאנג געווען פערנומען מיט דעם איבער'חזר'ן ביי זיך אין געדאנק דארים'עס אדרעס, כדי ער זאל חלילה ניט פארגעסען.

מארגענסביים ברעקפעסט האט דארים אנגעזאגט איהר מוטער אז זי ערווארטעט „קאמפעני" אין אווענט.

„קאמפעני"? האט מיסעס קאנטראוויץ אויסגערופען א פערוואונדערטע. „אין מיטען דער וואך קאמפעני?"

„וואס איז דער דיפערענץ?" האט דארים געפרעגט.

„עס איז שוין גאַר אַ דיפערענץ". האָט מיסעס קאָנטראַוויץ גע־ענטפערט. „אָבער", האָט זי באַלד געפרעגט, „זאָג מיר נאָר טאָכטערקע, ווער איז עס די קאָמפּעני?"

דאָרים האָט באַלד געוואָלט זאָגען איהר מוטער ווען זי ער־וואַרטעט, אָבער נאָך איידער זי האָט בעוויזען צו עפענען איהר מויל, האָט די אונגעדולדיגע מיסעס קאָנטראַוויץ זי ווידער געפרעגט. „אפשר די מיידלאָך פון דיין אָפּיס?"

„ניין", האָט דאָרים געענטפערט. "אַ יונגער־מאַן קומט צו מיר היינט אָוועגט אַהער אַרויף".

„אַ יונגער־מאַן?!" האָט מיסעס קאָנטראַוויץ אויסגערופען אַ פאַרגאַפּטע. „און דו זאָגסט מיר גאַר ניט דערפון".

„איך זאָג דאָך דיר יא", האָט דאָרים געענטפערט.

„איך מיין", האָט מיסעס קאָנטראַוויץ אָנגעהויבען זיך פער־ענפערען, „האָסט מיר ביז איצט גאַר ניט געזאָגט וועגען דעם יונגען־מאַן. ווער איז ער? וואָס איז ער?"

ווי אַזוי האָט דאָרים געקענט עפּעס ענטפערען אויף איהר מוטער'ס פראַגען, אַז זי אַליין האָט דזשייק'ען ניט געקאַנט און האָט וועגען איהם גאַר ניט געוואוסט? זי האָט בלויז געפיהלט אַז עפּעס אַן אונגעהויערע קראַפט ציהט זי צו איהם אַז לעצטע נאַכט נאָך דער ערשטער בעגעגעניש מיט איהם האָט זי ניט געקאַנט אַן אויג צו־שליעסען און ווען זי האָט איינגעדרעמעלט אויף אַ ווײַלע האָט זי פון איהם גע'חלומ'ט. זי האָט שטיל און בעשיידען געענטפערט. „דו וועסט שוין אויסגעפינען מוטער, ווען ער וועט אַהער קומען"

מיסעס קאָנטראַוויטץ איז פון דעם ענטפער גאַר ניט צופריעדען געווען. „אָבער דאָך", האָט זי גע'טענה'ט", וואָס איז זיין נאָמען? אַ נאָמען האָט ער דאָך?"

„געוויס האָט ער אַ נאָמען! אַ שיינער נאָמען! דזשייק לעווינסקי, הייסט ער".

„ד־זש־ייִ־ק לע־ווינ־סקי?“ האָט מיסעס קאַנטראָוויץ איבער גע'חזר'ט און צע־צויגען דעם נאָמען.

„דזשייק לעווינסקי!“ האָט דאָרים קורץ און שאַרף אויסגערופען דעם נאָמען, ווייל עס האָט איהר פערדראָסען ווי איהר מוטער האָט דעם נאָמען צע־צויגען.

„איך זאָג דאָך אַזוי, דזש־ייִ־ק לע־ווינ־סקי“, האָט מיסעס קאַנט־ראָוויץ געענטפערט און קוקענדיג איהר טאָכטער גלייך אין געזיכט אַריין האָט זי געזאָגט „דער נאָמען קומט מיר פאָר זעהר בעקאַנט. איז ער נישט אונזערער אַ לאַנדסמאַן?“

„איך ווייס ניט! איך גלויב קוים!“

„ער האָט געוווים עלטערן?“ האָט מיסעס קאַנטראָוויץ אין אַ ווײַלע שפּעטער ביי איהר געפרעגט.

„אוי, מאַמע! ווי דו ריידסט! ווערט דען עמיצער געבוירען פון אַ שטיין?“

„חלילה! איך האָב עס ניט געזאָגט“.

„איך האָף אַז ער האָט עלטערן“. האָט דאָרים געזאָגט. „און ווען ניט, זענען זיי שוין מסתמא געשטאָרבען“.

„איז דער יונגער־מאַן נעבעך אַ יתום“, האָט מיסעס קאַנטראָוויץ טרויעריג געזאָגט, און צו שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ האָט זי געזיפצט: „אוי, אוי, נעבאָך אַ יתום!“

דאָרים'ען האָט פערדראָסען פאָר וואָס איהר מוטער מאַכט שוין איהר יונגען־מאַן פאָר אַ יתום נאָך איידער זי ווייס עפּעס וועגען איהם און זי האָט צו איהר שאַרף געזאָגט: „מוטער, איך האָב דיר ניט געזאָגט, אַז דזשייק איז אַ יתום, און דאַרפסט איהם ניט אַזוי בע־קרעכצען“.

דערווייל האָט דער זייגער געקלונגען נ י י ן מאָהל, דאָס האָט דאַרים'ען דערמאַנט אַז עס איז שוין שפּעט. פּונקט אין דער צייט דאַרף זי שוין זיין אין איהר אָפיס. זי האָט דערפאַר אין איילעניש אַרויף געשלעפּט איהר דזשעקעט געכאַפּט איהר העט מיט די הענטשקעס און אויסרופענדיג „גוד באַי, מאַמאַ!“ איז זי שנעל אַרונטער געלאָפען פון די טרעפּען צום סטריט.

דעם גאַנצען פריה־מאָרגען האָט מיסעס קאַנטראָוויץ געהאַלטען אין איין טראַכטען פון דעם יונגען־מאַן, דזשייק לעווינסקי, וואָס האָט אין אָוונט געדאַרפט צום ערשטען מאָהל אַרויף קומען צו איהר טאָכטער. און כאָטש זי האָט נאָך איהר לאַנגען טראַכטען ניט מעהר געוואוסט וועגען איהם ווי זי האָט פריהער געוואוסט, פון דעסטוועגען האָט זי ביי זיך בעשלאָסען אויף צו רוימען דאָס הויז און צופּוצען די פּאַרלאָר, און אַז אַזוי שנעל ווי זי וועט פאַרטיג ווערען מיט די „דישעס“ נאָך איהר מאַנ'ס דינער, וועט זי איינקויפען פערשיעדענע פּרוכטען, קענדי מיט קייק און אַ פּאָר „באָטעלס“ סאָדאַ־וואָסער, אַז זי זאָל האָבען מיט וואָס אויף צו נעמען דעם גאַסט.

**.2**

מיסטער קאַנטראָוויץ, דאַרים'עס פּאָטער, איז געווען אַ ריעל עסטייט בראָקער. זיין פריהערדיגע בעשעפטיגונג, זייט ער איז צוריק מיט זעכצעהן יאָהר געקומען קיין אַמעריקאַ, איז געווען קאַסטימער פּעדלערייז. אָבער ווען ריעל עסטייט האָט אָנגעפאַנגען „בומען“ צוריק מיט איינינגע יאָהר צוליעב דער מלחמה און ווייל מען האָט דאַן אויפ־געהערט בויען און עס זענען געווען ווייניג וואָהנונגען פאַר דער בעפעלקערונג אין לאַנד, האָט ער אויך דערהערט דאָס ווידער־קול פון דעם „בום“. עטליכע מאָהל האָבען פערשיעדענע בראָקערס, לאַנדסלייט, וועלכע האָבען געמיינט אַז ער איז פערמעגליך, געפּרופט איהם פערקויפען „ריעל עסטייט“. קאַנטראָוויץ האָט זיך אַלע מאָהל געלאָזט צו רעדען. ער האָט יעדען אויסגעהערט, געגאַנגען בעקוקען

דאַס „פאַרסעל", און פיעלע מאָהל האָט ער אַלעם געפונען „ראַיעל" ווי דער בראַקער האָט עם פאַרגעשטעלט, אָבער איהם האָט געפעהלט דאָס נויטיגע געלד צו מאַכען דעם „באַרגיין". אַזוי נאָך האָט מיסטער קאַנטראַוויץ זיך אויסגעלערענט צוריידען פון „ריעל עסטייט", און ווען ער האָט אַליין ניט געקענט קויפען האָט ער פּרובירט צו־צורעדען אַנדערע צו קויפען און גאָר אָפט איז איהם געלונגען צו שליעסען אַ „דיעל" און פערדיענען אַ שעהנעם „קאָמישאַן".

אַלס ריעל עסטייט בראַקער איז מיסטער קאַנטראַוויץ גאַנץ אָפט זיך צונויף געקומען מיט פערשיעדענע מענשען. ער האָט געהאַט געלעגענהייטען צו באַזוכען פערשיעדענע אָפּיסעס, ביי די טייטעל קאָמפּאַניעס, ביי די לאָיערס און פערשיעדענע מאָרטגעדזש און איינשורענס אָפּיסעס, און פון דער פיבערהאַפטע טהעטיגקייט, פון דעם האַנדלען, קויפען און פאַרקויפען וואָס ער האָט איבעראַל געזעהן, האָט ער אויסגעפונען אַז עס זענען פאַראַן גאָר, גאָר רייכע לייט, און אַז די דאָזיגע רייכע לייט קאָנטראָלירען כמעט אַלצדינג און האָבען אַ גרויסען איינפלוס אויף דעם שטאָדטישען לעבען, און אַז מיט זייער געלט, מיט דער הילף פון כיטרע בראַקערס, פון טאַלענטירטע לאָיערס, קאָנען זיי קויפען און פאַרקויפען אַלצדינג, און ווערען וואָס אַמאָהל רייכער און רייכער.

פון דער דאָזיגער ערפאַהרונג איז ביי מיסטער קאַנטראַוויץ געשאַפען געוואָרען אַז אונגעהויערער דורשט נאָך געלט. נישט אַזוי צוליעב דעם געלט אַליין, ווי צוליעב דער מאַכט און דעם וואָהל־זיין וואָס דאָס געלט ברענגט, ווי איהם האָט זיך פאַרגעשטעלט. ער האָט ביי זיך בעשלאָסען אַז אויב איהם איז שוין אפשר ניט בעשעהרט אַמאָהל אין זיין לעבען רייך צו זיין, וועט ער דערפאַר טרייען, און ער האָט געהאָפט, אַז זיינע קינדער זאָלען כאָטש האָבען דאָס געלעגענהייט רייך צו זיין, און ער וואָלט געוואָלט דאָס דערלעבען, אַזוי אַז ער זאָל הנאה האָבען פון זיינע קינדערס גליק. דערפאַר האָט מיסטער קאַנטראַוויץ קיינע פון זיינע קינדער ניט געשיקט אין שאַפּ אריין.

„אז ארבייטער", האט ער בעהויפטעט, „הארעוועט אפ דאס גאנצע לעבען פאר אנדערע און שטארבט אן ארימאן". ווען איינע פון זיינע מיידלאך האבען נאר געענדיגט די פובליק סקוהל, האט מיסטער קאנטראוויץ זי געשיקט אין א העכערע סקוהל, אדער גאר אין א „ביזנעס קאלעדזש". ער האט פון זיי געמאכט געלערנטע. זיי זאלען זיין סטענאגראפערס, טיטשערס, בוק קיפערס. אין די פראפעסיאנען, האט ער געגלויבט, מוזען די מיידלאך זיך צו זאמען טרעפען מיט גאר אנדערע סארטען מענער, ניט מיט קיין פראסטע ארבייטער, און אונטער די אומשטענדען מאכען זיך שוין געלעגענהייטען צו הייראטען מיט א רייכען מאנופעקטשורער, מיט א ריעל עסטייט מאן, אדער גאר מיט א פערמעגליכען ביזנעס־מאן.

עס וועט דערפאר דעם לעזער זיין זעהר גרינג זיך פארצושטעלען מיסטער קאנטראוויץ'עס „סורפרייז" און כעס אין וועלכען דאס האט איהם אריין געבראכט, ווען זיין פרוי האט איהם דעם טאג געמאלדען וועגען דעם גאסט וואס דארף ביי זיי זיין אין אווענט.

„וואס!" האט ער זיך צושריען אויף'ן קול און מיט כעס. „צו מיר, אין מיין הויז אריין, צו מיין טאכטער, וועט קומען א יונגער־מאן א פרעמדער, און איך ווייס ניט וואס און ווער ער איז! ווער זיינע עלטערען זענען, פון וואס פאר א פאמיליע ער קומט ארויס אדער וואס זיין ביזנעס איז! נויסער, ניט צו מיר! אין מיין הויז קומט מען ניט גלאט אזוי!"

דער מיסעס קאנטראוויץ האט שטארק פערדראסען פאר וואס זי האט צו איהר מאן גערעדט פאר'ן דינער, וויל זי האט גוט געוואוסט וואס פאר א כעסן ער איז ווען ער איז הונגעריג. זי האט דערפאר אויפגעהערט צו רעדען ווייטער, האט שנעל געגרייט דעם טיש און איהם באלד דערלאנגט דעם גרויסען טעלער פול מיט הייסע זופ ווי ער האט ליעב געהאט.

מיסטער קאנטראוויץ האט זיך געוואשען די הענט, געמאכט „המוציא" און ווען ער האט דערזעהן די הייסע פארע פון טעלער זופ

איז איהם דער כעם אביסעל אפגעגאנגען. ער האט זיך גלייך אנידער געזעצט און זיך גענומען ענערגיש צום עסען. צוערשט האט ער גע־נומען אביסעלע פון דער קאכעדיגער הייסער זופ אויפ׳ן שפיץ פון לעפעל, און אויסבלאזענדיג עטליכע מאהל האט ער דאס פערזוכט און האט דערנאך בעזאלצען און פערפעפערט די זופ און נאך אמאהל אויסבלאזענדיג יעדען לעפעל בעזונדער האט ער געשמאק מיט גרויס הנאה אויסגעבלאפטשעט די זופ ביז צום לעצטען טראפען. אזוי ווי ער איז נאר פערטיג געווארען מיט דער זופ האט זיך מיסטער קאנטרא־וויץ געווענדעט צו זיין פרוי.

„האט כאטש דיין טאכטער דיר געזאגט ווי אזוי דער יונגער־מאן הייסט, וואס איז זיין נאמען? זיין אדרעס? זיינע ביזנעס?"

„זיין נאמען", האט מיסעס קאנטראוויץ גענומען שטאמלען, „איז דזש־יי־ק לע־ווינ־סקי".

„דזשייק לעווינסקי?!" האט מיסטער קאנטראוויץ שנעל אויפ־געכאפט דעם נאמען. „דזשייק לעווינסקי?!" האט ער דעם נאמען ווידערהאלט. „אט אזוי הער איך א נאמען, דזשייק לעווינסקי! אבער ווער איז דער דזשייק לעווינסקי? וואס איז דער דזשייק לעווינסקי? וואס איז זיין בעשעפטיגונג? זיינע ביזנעס?" האט ער געהאלטען אין איין שרייען.

„איך ווייס נאר דעם נאמען, דזשייק לעווינסקי", האט מיסעס קאנטראוויץ זיך פערענטפערט, „מעהר ווייס איך גאר ניט". און דער־ביי האט זי אוועקגעשטעלט אויפ׳ן טיש דעם פאלימעסניק מיט׳ן פלייש און האט מיסטער קאנטראוויץ׳ען דערלאנגט דאס גרעסטע און בעסטע חלק.

„דו ביסט שוין איין מאהל א מאמע!" האט מיסטער קאנטראוויץ זיך גענומען צו איהר אזוי שנעל ווי ער איז פארטיג געווארען מיט׳ן פלייש און האט צוגעקלאפט מיט׳ן גאפעל און מעסער אן ברעג פון טיש. „קומט צו דיר די טאכטער דיינע", האט ער פארטגעזעצט, „און

דערציילט אַז ס׳קומט צו איהר אין אָווענט אַ יונגער־מאַן, אַ ווייס׳ר, אַ דזשייק לעווינסקי, איז ביי דיר רעכט דזשייק לעווינסקי, און ווייטער ווייסטו גאָר ניט. לחלוטין גאָר ניט! אין ניו יאָרק איז דאָך מסתמא נישטאָ מעהרער ווי איינער אַ דזשייק לעווינסקי און מען ווייסט ווער ער איז, אַ יאָ?"

„איז ניין!" האָט מיסעס קאַנטראַאָוויץ שוין ברוגזלאַך געענטפערט. „אַלעס וואָס איך ווייס, איז אַז דער יונגער־מאַן וועט דאָ זיין היינט אָווענט און איך וועל אַביסעל אויפרוימען דאָס הויז און עפּעס איינ־קויפען איהם אויפצונעהמען ווי ס׳בעדאַרף צו זיין".

„שאַ, שאַ!" האָט מיסטער קאַנטראַאָוויץ בעפוילען. „אייל זיך נאָר ניט, פוּץ נאָך ניט אויף דאָס הויז און ספּענד דערווייל ניט קיין געלד איידער, דו ווייסט וואָס, ווער און ווען!"

מיסעס קאַנטראַאָוויץ האָט פערלוירען דאָס גערולד. זי האָט אויפ־געהערט צו עסען איהר חלק פליש, האָט צוגענומען די דישעס פון טיש און איז מיט זיי אריין אין קיך וואו זי האָט זיי בייז אריינ־געוואָרפען אין דעם „סינק" אריין און געלאָזט לויפען די הייסע וואַסער וועלכע איז קוים געווען וואַרעמלאַך און זי האָט איהר פערדרוס אויפ׳ן מאַן אויסגעלאָזט מיט אַ קללה אויפ׳ן לענדלאָרד דערפאַר וואָס דאָס וואַסער איז ניט געווען גענוג הייס.

מיסטער קאַנטראַאָוויץ האָט זיך אויסגעשטאָכען די ציינער, האָט שטיל אָפּגעמורמעלט דאָס בענשען נאָכ׳ן עסען, און איידער ער האָט דאָס הויז פערלאָזט האָט ער זיך געווענדעט צו מיסעס קאַנטראַאָוויץ מיט די רייד:

„דו פאַרלאָז זיך שוין אויף מיר. איך בין דערויף אַ טאַטע, ניט ווי דו אַ מאַמע. ,לעווינסקי׳, הייסט ער, אַ? ,דזשייק לעווינסקי׳? וועל, איך׳ל אריין גיהן אין דער באַנק ווי איך האָב מיין ,דעפּאָזיט׳ און איך וועל זיך זעהן מיט׳ן פּרעזידענט פון דער באַנק און איך וועל איהם בעטען אַז ער זאָל פאַר מיר אויסזוכען דעם נאָמען „דזשייק

לעווינסקי״ אין דער דירעקטאָרי פון „דאָן״ אָדער פון „בראַדסטריעט״. וואו אַלע ביזנעס לייטע זענען גערייטעט. איז דער יונגער־מאַן, דזשייק לעווינסקי, מיין איד, אַ ביזנעס מאַן, מיט אַ נאָמען, מיט קרעדיט, איז ער דאָרטען זיכער פערשריבען אין דער דירעקטאָרי; און אויב יאָ, מעג ער קומען אַהער און מעג זיך אפילו פערליעבען אין אונזער טאָכטער און מיט איהר חתונה האָבען אויך. אָבער אויב ער איז ניט קיין ביזנעס־מאַן און איז ניט גע„רייטעט״ ווי ס׳בעדאַרף צו זיין, דאַן האָט ער מיט מיין טאָכטער גאָר ניט צו טוהן. מיין טאָכטער וועט מיט קיין שנאָרער ניט הייראַטען. ניט ביי מיין לעבען״.

3.

„דו זאָלסט שוין גאָר ניט פרעגען וואָס דיין טאַטע האָט דער־ארבייט ווען איך האָב איהם דערציילט אַז אַ יונגער־מאַן וועט זיך קומען היינט דאַ בעזוכען?״ האָט מיסעס קאַנטראָוויץ מיטגעטהיילט איהר טאָכטער ווען די לעצטע איז אין אָוונט אַהיים געקומען פון דעם אָפיס וואו זי האָט געאַרבייט אַלס בוך קיפּערין.

דאַרים האָט זיך דערפון גאָר ניט געמאַכט. נאָך איידער די טיהר האָט זיך אונטער איהר צו געמאַכט, האָט זי שנעל געעפענט דעם דזשעקעט, די דרעס וואָס זי האָט געטראָגען און זיי פון זיך אַרונטער געשלײדערט, און פאַרדעקענדיג איהר ענטבלויזטע אַקסעל מיט אַ האַנדטוך איז זי אַריין אין „באַטהרום״ און דאָרטען אָנגעפאַנגען זיך צו וואַשען און צו מאַכען איהר טואַלעט.

עס איז שוין געווען נאָך זיבען אוהר ווען מיסעס קאַנטראָוויץ האָט פון קיך אַריין געשריען צו דאַרים׳ען: „דאַריסקע, טאָכטער, דאַריסקע!״

„וואָס איז?״ האָט דאַרים זי געפרעגט פון „באַטה־רום״.

„דיין סאַפּער ווערט דאָך קאַלט, וואָס געהסטו ניט אַריין עסען?״

„באַלד! באַלד!״ האָט דאַרים ווידער פון דאָרטען געשריען.

„דאריסקע, טאכטערקע!" האט מיסעס קאנטראוויץ איהר גע־מאלדען. „פאפא זאגט אז ער וויל מיט דיר עפעס רעדען וועגען דעם יונגען־מאן וואס קומט דא היינט אווענט ארויף צו דיר".

אין עטליכע מינוט ארום איז דארים פאר איהר ערשיענען אז אפגעוואשענע, א פארפוצטע אין איהר בעסטער דרעס און שטארק פערפלאמט פון אויפרעגונג. מיסעס קאנטראוויץ האט בעטראכט איהר טאכטער פון קאפ ביז די פים, איהר הארץ האט געקוואלען פון נחת און א צופריעדענער שמייכעלע האט זיך צו שפרייט אויף איהר געזיכט ווען זי האט געזאגט: „דארים טאכטערקע, דאס מזל דיינס, מיין קינד, זאל דיר אזוי שיינען ווי שעהן דו שיינסט אין מיינע אויגען".

דארים האט זיך אויסגעדרעהט צו איהר פאטער וועלכער האט אויף איהר געווארט מיט אונגעדולד.

„וועל, וועל", האט ער אנגעפאנגען צו איהר צו ריידען. „איך קען זיכער שטאלץ זיין מיט אזא שעהנער, קלוגער און געראטענער טאכטער, וואס קען קריגען אזא יונגען־מאן ווי דזשייק לעווינסקי, אז ער זאל קומען זי בעזוכען".

„פאפא!" האט דארים אויסגערופען ערשטוינט. „דו קענסט איהם דען?"

„וועל", האט מיסטער קאנטראוויץ ברייטלאך געענטפערט, „קענען קען איך איהם נאך ניט, אבער איך גלויב אז עפעס ווייס איך שוין וועגען איהם".

„וואס ווייסטו וועגען איהם?" האט דארים נייגעריג געפרעגט.

„דו מעגסט דיך שוין פערלאזען אויף דיין פאפא", האט מיסטער קאנטראוויץ מיט שטאלץ געענטפערט. „דו ווייסט דיין פאפא איז א ביזנעס מאן, נישט א שלומיאל. אזוי ווי דיין מאמע האט נאר געזאגט, אז א יונגער מאן מיט'ן נאמען דזשייק לעווינסקי קומט דיך דא היינט בעזוכען, בין איך באלד אוועק צום פרעזידענט פון מיין באנק וואו איך האב מיין „דעפאזיט" און האב איהם געבעטען נאך צו קוקען אין „דאנ'ס" און „ברעדסטריעט'ס" דירעקטארי פון פערשיעדענע

ביזנעס־לייט — וועל, ער האָט דאַרטען געפינען דריי ביזנעס לייט, דזשייק לעווינסקי. און דו, דאָריסקע, מיין קינד, ווען דער יונגער מאַן קומט דאָ, און ווען דו וועסט מיט איהם פערברענגען, דאַרפסטו נאָר ארויף פיהרען דאָס געשפרעך אויף ביזנעס, פערשטעהסט, און אַזוי־נאָך וועסטו, אָדער איך וועל, האָבען דאָס געלעגענהייט איהם צו פרעגען וועגען זיינע ביזנעס אָדער ביי איהם צו באַקומען זיין ביזנעס־קאַרטע. און אַז איך וועל נאָר האָבען זיין קאַרטע און וויסען זיינע ביזנעס, וועל איך שוין וויסען ווער פון די דריי דזשייק לעווינסקים ער איז, וואָס זענען פערשריבען אין דער דירעקטאָרי מיט אַ פויסט קלעם איי־נאָמבער־וואַן רייטונג".

„אָבער פּאַפּאַ," האָט דאָרים איהם ווידער געפרעגט, „אפשר איז דער יונגער־מאַן ניט אין ביזנעס און האָט גראָדע ניט קיין קאַרד ביי זיך?"

„אויב ער איז נאָר אַ ביזנעס־מאַן", האָט מיסטער קאָנטראָוויץ געֹענטפערט, „האָט ער זיכער אַ ביזנעס־קאַרד ביי זיך. און אויב ער איז אַזאַ סאָרט ביזנעס מאַן וואָס האָט ניט קיין שכל צו האָבען ביי זיך זיין ביזנעס־קאַרד ווען ער קומט בעזוכען אַזאַ מיידעל ווי דו, איז ער אַ שלומיאל און האָט דיך ניט די ווערטה".

„אָבער פּאַפּאַ", האָט דאָרים איהם ווידער געפרעגט, „אפשר איז דער יונגערמאַן גאָר אין גאַנצען ניט קיין ביזנעס־מאַן?"

„ביים דיר גיכער אָפּ דיין צונג!" האָט מיסטער קאָנטראָוויץ ביין אויסגעשריען אויף דאָרים'ען. „אויב ער איז נאָר אַ ביזנעס־מאַן האָט ער שוין שכל צו ברענגען מיט זיך זיין קאַרד ווען ער קומט בעזוכען אַזאַ מיידעל ווי דו, און אויב ער איז אין גאַנצען ניט קיין ביזנעס מאַן, האָט ער דאָ גאָר ניט וואָס צו טוהן. איז ער ניט פאַר דיר! ניט פאַר מיין טאָכטער! דאָצאָל!

אַ לענגליכער און שטאַרקער קלאַפּען אין טיהר האָט איבערגעריסען דאָס געשפרעך צווישען פאָטער און טאָכטער. ווען דאָס קלאַפּען האָט זיך דערהערט זענען זיי ביידע גלייך אַנטשווייגען געוואָרען און האָבען זיך אונרוהיג און פערשטענדליך איבער־געקוקט. ביידע האָבען

זיי מורא געהאט אז דער גאסט האט עפעס געהערט פון זייער גע־שפרעך. דאריבער האט זיך געפלייסט צו בערוהיגען. זי האט גלייכ־גילטיג אויסגערופען „קאם אין!“ און האט געעפענט די טיהר. אין דער טיהר איז ערשיענען, דזשייק לעווינסקי פריש ראזירט און זעהר נעט געקליידעט.

.4

אזוי ווי מיסטער קאנטראוויץ האט איהם נאר דערזעהן, האט ער ביי זיך אין געדאנק באלד בעשלאסען, אז דער יונגער־מאן איז ניט אנדערש נאר א ביזנעס־מאן און נאך א פערמעגליכער ביזנעס־מאן אויך. „אן ארבייטער“, האט ער ביי זיך געטראכט, „א פראסטער ארבייטער קען גאר קיינמאל אזוי שעהן און נעט ניט אויסזעהן“. און ווען דאריבער האט נאך די געוועהנליכע קאנווערזיאנעלע בעגריסונגען, דזשייק׳ען פארגעשטעלט פאר איהרע עלטערן, האט מיסטער קאנט־ראוויץ אנגעכאפט זיין האנד און זי שטארק געדריקט און האט ענטהו־זיאסטיש אויסגערופען צו איהם:

„מיסטער לעווינסקי, מיך פריידט זעהר אייך לערנען צו קענען און“, האט ער דערנאך פארטגעזעצט, „איהר זענט ווילקאמען אין מיין הויז, זעהר ווילקאמען! זיצט! זיצט!“ זיך אומדרעהענדיג צו זיין פרוי האט ער שטיל געזאגט: „דו מיסעס מיינע, געה, זיי אזוי גוט, אין פארלאר מאך דארטען ליכטיג“. און צו דאריס׳ען האט ער גוטמוטהיג און שמייכלענדיג צארט געזאגט: „דאריסקע, קינד, געה דיר, געה אריין מיט מיסטער לעווינסקי׳ן אין פארלאר און פארברענגט אייך דארטען“. ווען דזשייק לעווינסקי האט געפרופט עפעס אנווענדען געגען דעם, האט ער צו איהם ווייך געזאגט, „צאלערייט, צאלערייט, מיסטער לעווינסקי! געהט געהט אריין מיט מיין טאכטערקע אין דער פארלאר און פערברענגט דעם אווענט מיט איהר גלייך ווי ביי אייך אין אייגען הויז, אזוי ווי ביי זיך אין דער היים“.

ווען מיסעס קאנטראוויץ איז צוריק געקומען פון דער פארלאר, וואו זי האט ליכטיג געמאכט און דארטען איבערגעלאזט דאריסען

מיט דעם גאַסט, האָט מיסטער קאַנטראַוויץ זי געפרעגט אויב זי האָט עפּעס איינגעקויפט פרוכטען, קענדיעס און אַנדערע זאַכען מיט וואָס צו טריעטען דעם גאַסט.

„וואָס?“ האָט ער בייז אויסגערופען צווישען די ציינער און האָט מיט אַלע כוחות געטרייעט איינ־צו־האַלטען זיין כעס אויף איהר. „דו האָסט גאַר ניט אַנגעגרייט, זאָגסטו מיר? און דו רופסט זיך נאָך אַ מיט׳ן נאָמען מאַמע! אַ? שעהמען מעגסטו זיך אין דיין ווייטען האַלדז אריין, אַז דו האָסט אַזאַ קינד וואָס אַזאַ יונגער־מאַן ווי דזשייק לעווינסקי קומט זי בעזוכען און דו האָסט ניט קיין שכל אַנצוגרייטען כיבוד. שעהמען מעגסטו זיך!“

ביי מיסעס קאַנטראַוויץ האָט שיעור דאָס האַרץ ניט געפּלאַצט און זי האָט געוואָלט איהר מאַן געבען אַ גאָב, זי האָט אָבער ניט געוואָלט אפילו ריידען הויך טאָמער וועט דער גאַסט אין פּאַרלאָר דערהערען און מיינען אַז מאַן און ווייב קריגען זיך. זי האָט בלויז אין דער שטיל געענטפערט: „האָסט אפּנים פערגעסען, תכשיט מיינער, אַז דו האָסט מיר אַליין ניט געהייסען קויפען“.

„נעווער מיינד“, האָט מיסטער קאַנטראַוויץ אויך אין דער שטיל צו איהר גע׳טענה׳ט, „נעווער מיינד וואָס איך האָב ניט געהייסען. ביזט אַ מאַמע דאַרפסט אַליין שכל האָבען, און אַז אַזאַ יונגער־מאַן ווי דזשייק לעווינסקי קומט בעזוכען דיין טאָכטער דאַרפסטו וועלען, אַז ער זאָל ווידער קומען און נאָך אַמאָל קומען און דאַרפסט איהם שעהן אויפנעהמען“.

עס האָט שוין לאַנג ניט געדויערט און מיסעס קאַנטראַוויץ האָט זיך אַראָפּגעכאַפּט אין גאַס אַריין און האָט איינגעקויפט פון אַלדאָס גוטס און האָט דאָס אַוועק געשטעלט פאַר׳ן גאַסט אין פּאַרלאָר אויף אַ קליינעם טישעלע און געבעטען איהם צו געניסען.

„נעמט עפּעס, געניסט מיסטער לעווינסקי“, האָט זי איהם געבעטען. „מיר זענען איינפאַכע אנשטענדיגע מענשען. ביי אונז אַז ס׳קומט אַ גאַסט ווען, טריעטען מיר איהם ווי מיר קענען ווייל מיר

ווילען ער זאל ווידער קומען. נעמט א בענענע, דאס זענען זעהר גוטע בענענעס, נעמט, נעמט, מיסטער לעווינסקי!"

„א דאנק, א דאנק!" האט דזשייק איהר פריינדליך געזאגט, און אום זי צופריעדען צו שטעלען האט ער זי געפאלגט און גענומען וואס געניסען. מיסעס קאנטראוויץ האט איהם געוואונשען, „עס זאל איהם וואהל־בעקומען", און איז ארויס פון פארלאר.

דער נאך איז דזשייק מיט דארים'ען געבליבען אין דער פארלאר דעם גאנצען אווענט און קיינער האט זיי ניט געשטערט. מיסטער און מיסעס קאנטראוויץ זענען געבליבען אין קיך און האבען צווישען זיך שטיל איבער גערעדט.

„נו, מיסעס!" האט זיך מיסטער קאנטראוויץ אפגערופען, „ווי געפעלט דיר עפעס דער יונגער־מאן? ער זעהט זעהר שעהן אויס, ניט אמת?"

„אמת", האט מיסעס קאנטראוויץ צו־געגעבען, „אבער דאס אויס־זעהן אליין איז דאך נאך ניט גענוג".

„דו פערלאז זיך נאר אויף מיר, דו ווייסט דאך אז איך בין א ביזנעס־מאן. איך זעה שוין אז דער יונגער־מאן איז ניט קיין שנארער. איך וועט דיר שוין וואס דו ווילסט אז ער איז א ביזנעס־מאן און א פערמעגליכער ביזנעס־מאן דערצו, מיט א גוטע פוירסט קלעס איי־נאמבער־וואן רייטונג, פארשטעהסטו מיך", האט ער זיך צו־ווארעמט. „אן ארבייטער א געוועהנליכער ארבייטער, אפילו אזא איינער וואס פערדיענט שוין די גאר גוטע ווידזשעס קען גאר אזוי שעהן און אזוי ריין ניט אויס־זעהן אין מיטען דער וואך, אפילו ניט ווען ער טוהט זיך אן דעם בעסטען אנצוג וואס ער טראגט זונטאג, פשוט דערפאר ווייל ער איז דערצו ניט געוואהנט. אבער אזא יונגער ביזנעס־מאן, זעהסטו, אזא איינער קוקט שוין גאר אנדערש אויס יעדען טאג אין דער וואך. ער מוז אלע מאהל אויסזעהן שעהן און נעט אום צו מאכען א גוטען איינדרוק אויף זיינע קאסטימער, אויף זיינע קרעדיט־מארען אדער אויף דעם מענעדזשער פון זיין באנק ווען ער געהט אריין

דיסקאַנטעז אַ וועקסעל, דו פאַרשטעהסט, דאַס איז גאַר אַז אַנדער סאָרט מענש, אַ ביזנעס־מאַן!"

„אַלרייט", האָט מיסעס קאַנטראַוויץ איינגעשטימט, „פון דיין מויל אין גאָט'ס אויערען".

„איך האָב אָבער תמיד געוואוסט", האָט מיסטער קאַנטראַוויץ ווידער אָנגעהויבען, „אַז מיין דאָריסקע איז אַ קלוגע, נאָר ווי קלוג, איז מיר אַריין געראָטען".

„זאָל זיין אין דיר אַריין געראָטען!" האָט מיסעס קאַנטראַוויץ פערדריסליך צו געגעבען און האָט באַלד בעמערקט, „אפשר איז זי אין מיר אויך אַביסעל געראָטען, איך בין דאָך איהר מאַמע, צי ניין?"

„איהר מאַמע ביזטו טאַקע, אָבער דו ביזט אַ גרויסע בהמה אויך," האָט איהר מיסטער קאַנטראַוויץ געענטפערט. „ביי דיר איז רעכט אַז דאָס קינד קומט און זאָגט דיר „דזשייק לעווינסקי" איז דזשייק לע־ווינסקי און דאַצאָל! אָבער וואָס איז דזשייק לעווינסקי? ווער איז דער דזשייק לעווינסקי? דאָס קימערט דיך גאָר ניט".

„איך האָב זי דאָך מיט איהם ניט פערהייראַט!"

„אָבער וואָס האָב איך, דער טאַטע, וואָס האָב איך געטוהן?"

און ניט וואַרטענדיג אויף אַז ענטפער האָט ער פאָרטגעזעצט:

„איך בין גלייך אַוועק מיט'ן נאָמען „דזשייק לעווינסקי" צום פּרעזידענט פון מיין באַנק און ער האָט מיר באַלד אויפגעזוכט אין דער דירעקטאָרי פון „דאַנ'ס און בּרעדסטריעטס" דריי ביזנעס לייטע מיט'ן נאָמען „דזשייק לעווינסקי", וואָס האָבען אַלע אַ פוירסט קלאַס איי־נאָמבער־וואַן רייטונגס".

„יאָ", האָט מיסעס קאַנטראַוויץ דערויף איינגעשטימט, „האָסט שוין אויסגעפונען דריי ביזנעס־לייטע מיט דעם זעלבען נאָמען, אָבער וואָס וועסטו טוהן ווען עס וועט זיך אויסלאָזען אַז דער יונגער־מאַן איז גאָר ניט איינער פון די דריי?"

„זאָלסט דיר אויך פריהער אָפּבייסען דיין צונג!" האָט ער זיך אויף איהר געבייזערט מיט איינגעהאַלטענעם קול. דער יונגער־מאַן

איז שוין גאַר אַ ביזנעס־מאַן, מע׳קען דאָס דערקענען אַן זיין פּנים, און אין זיינע קליידער, און אויב ער איז חלילה נים קיין ביזנעס־מאַן, איז אוים דערפון, האָט ער דאָ מיט מיין טאַכטער גאַר נים וואָס צו טוהן! גאַר נים!"

.5

עס איז שוין געווען אונגעפעהר צוועלף אוהר ווען די טיהר פון פּאַרלאָר האָט זיך געעפענט און דזשייק מיט דאָרים׳ען זענען פון דאָרטען אַרוים געקומען. דזשייק האָט געהאַלטען דעם העט אין איין האַנט און מיט דער צווייטער האָט ער געדריקט דאָרים׳עס האַנט זיך געזעגענדיג מיט איהר, און זי האָט אויף איהם געקוקט מיט שיינענדיגע אויגען וואָס האָבען אַזוי ווי באַלויכטען איהר געזיכט אויף וועלכען עס איז געלעגען אַן אויסדרוק פון גליק און פרייד. דאָס גליק און פרייד פון יונגער לעבענס לוסטיגקייט, פון הייסער ליידענשאַפטליכער ליעבע וואָס האָט איהר גאַנצעס וועזען בעהערשט, און וואָס די אַלטע לייט האָבען אַזוי גוט פערשטאַנען. שטיל שווייגענדיג האָבען די עלטערן געקוקט אויף זייער שעהנער יונגער טאַכטער און אויף דעם שעהנעם נעט געקליידעטען יונגען־מאַן און זיי האָבען בעאָבאַכ־טעט יעדע בעוועגונג פון זייער פיינליך אנגענעמענער צושיידונג, און אַ מינע פון גליקזעליגקייט האָט זיך אויך אויף זייערע פּנים׳ער צור־שפּרייט און אַזוי ווי אויסגעגלייכט זייערע קנייטשען. איינער האָט געקוקט אין דער צווייטערס אויגען אריין און האָט געוואוסט וואָס דאָס האַרץ פיהלט. עראינערונגען פון זייער אייגענער שוין לאַנג־פערגאַנ־גענער יוגענד איז זיי איצט געקומען אויפ׳ן זכרון און זיי האָבען זיך דערמאַנט אין זייער אייגענער ליעבע איידער זיי זענען מאַן און ווייב געוואָרען. אַזוי ווי דאָס יונגע פּאָרל פּאַר זייערע אויגען, האָבען זיי זיך אויך אַמאָהל שטערבליך געליעבט, און ווען זיי זענען געווען אַזוי פאַרליעבט איינער אין צווייטען האָבען זיי דאַן אין אַלעמען און אין אַלץ פערגעסען, אין טאַטע מאַמע, אין געלד און אין דער גאַנצער וועלט. זיי האָבען נישט געטראַכט פון זייערע אומשטענדען אין וועלכע זיי זענען דאַמאָלס געווען. זיי האָבען נים געוואָלט הערען

טאַטע מאַמע וואָס האָבען ניט ·געוואָלט דערלאָזען צום שידוך און אַז אין לעבען איז פאַראַן אַ קאַמף פאַר דעם עקזיסטענץ האָבען זיי אויך פערגעסען. זיי האָבען זיך געליעבט און דאָס איז געווען גענוג פאַר זיי, און זיי זענען געווען גליקליך און צופריעדען מיט זייער ליעבע און מיט איינס אַנאַנדער. און אַצינד איז פאַר זייערע אויגען געשטאַנען זייער שעהנע, יונגע טאָכטער, זייער פלייש און בלוט, און זיי האָבען געזעהן און געפיהלט אַז דאָס קינד ליעבט היים און אויפ־ריכטיג דעם יונגען־מאַן וואָס איז צו זיי נאָך געווען אַ פרעמדער און וועגען וועמען זיי האָבען גאָר ניט געוואוסט. און זיי האָבען ווידער ווי אַמאָהל לאַנג צוריק גליקליך געפיהלט ווען זיי האָבען איצט געזעהן זייער שעהנער טאָכטערס קליינע הענטעל אין דער האַנט פון דעם פרעמדען יונגען־מאַן, וועלכער האָט זי העכסט וואַרשיינליך אויך ליעב און האָט זיך גאָר פון איהר ניט געקענט שיידען. זיי האָבען ווידער אַז אַלעמען פאַרגעסען און האָבען פון קיין זאַך ניט געטראַכט נאָר פון זייער קינדס גליק און פון איהר ליעבע. און ווען דער יונגער־מאַן איז ענדליך צו זיי צו געקומען און האָט זיי געוואונשען „גוט נאַכט“, האָבען זיי זיך אַזוי ווי פון חלום אויף געכאַפּט.

„גוט נאַכט, גוט נאַכט!“ האָבען זיי איהם נאָכגעשריען מיט אַ טרויעריגער צערטליכקייט אין זייערע ביידענס שטימען „און פליעז־מיסטער לעווינסקי, קאָל אַגיין! קאָל אַגיין!“

# װעלכער ?

מאַלי ליגט שוין אַ היבשע װײַלע אױפ׳ן בעט; זי האָט שוין צװײ מאָהל געהערט דעם זײגער קלינגען, זי געגעצט און דרעהט זיך פון אײן זײט אױף דער צװײטער, זי קאָן אָבער פּאָרט ניט אײנשלאָפען, נאָר זי ליגט און טראַכט.

איהרע געדאַנקען געפעלען איהר אַלײן ניט. זי װאָלט זעהר צו־פריעדען געװעהן אײנצושלאָפען און זיך אױסרוהען, עס געלינגט איהר אָבער ניט, כאָטש זי האָט שוין אָנגעװענדעט אַלע מיטלען. זי האָט זיך שוין געלײנט אױף דער לינקער זײט און די רעכטע האַנד פער־רוקט אונטער׳ן קישען; זי האָט זיך שוין עטליכע מאָהל איבערגע־דעקט מיט דער קאָלדרע איבער׳ן קאָפּ, האָט צוגעמאַכט די אױגען און געצעהלט ביז אײן טױזענטער, אָבער דאָס אַלעס העלפט ניט. די געדאַנקען װילען ניט אױפהערען אַרום צו לױפען בײ איהר אין מח, און נאָר זי טראַכט.

און טראַכטען טראַכט זי חלילה ניט פון קײן זעהר װיכטיגע זאַכען. נאָר פון זיך אַלײן מיט די פערשידענע אונצעהלבאַרע בע־קאַנטשאַפטען, אױסגעהעניגשען און אױספּאַהרעניגשען מיט יונגע לײט, פון זינט זי איז געװאָרען אַ פרײליין און האָט אָנגעהױבען מיט זײ צו פערקעהרען. און אַך! װי מיעד, װי קראַנק זי איז שוין דערפון!... און זי װינשט זיך נאָר, אַז גאָט זאָל איהר שוין העלפען, אַז זי זאָל שוין חתונה האָבען און פּטור װערען פון די אַלע גליקען. זי האָט אָבער דערצו קײן מזל ניט. און אָט איז זי שוין פאַמעלאַך פינף־און־צװאַנציג יאָהר אַלט, און אפשר טױזענד יונגע־לײט האָבען זיך שוין מיט איהר די הענד איבערגעװישען, װי מיט אַ האַנדטוך, און זי איז נאָך אַלץ אַ מײדעל; און אַלע מאָהל מאַכט זי נײע בעקאַנטשאַפטען; מאַכט נײע אַפּאָינטמענטס, געהט אױס און פאָהרט אױס, און האַלט אימער

אין איין טראַכטען אין איין צווייפלען, וועלכער וועט שוין ענדליך זיין איהרער?

אַט איז זי די לעצטע צייט בעקאַנט געוואָרען מיט דריי שפּאָגעל נייע יונגע־לייט. מיט איינעם איז זי שוין געוועהן אין אַ טעאַטער, מיט דעם אַנדערען צו אַ באַל, און מיט דעם דריטען האָט זי היינט שפּאַצירט ביז שפּעט אין דער נאַכט. עס קען זיין, טראַכט זי ביי זיך, אַז עס איז אַן עולה פון איהר וואָס זי האָט אין דער זעלבער צייט צו טהון מיט דריי יונגע־לייט, אָבער, ווי קען זי זיך דען אָפּגעבן נאָר מיט איינעם, ווען זי האָט נאָך פון איהם קיין קלאָהרע דיבורים ניט געהערט, און זי ווייסט ניט צי מיינט ער עפּעס צו צוגעהן צו אַ צוועק. אפשר וועט זי גאָר פערלירען דעם וואָס זי וועט זיך פון איהם דערווייטערען.

זי אַליין איז כמעט צו אַלעמען גלייכגילטיג. זי איז ניט פערליעבט און זי זוכט זיך ניט צו פערליעבען. זי וויל נאָר חתונה האָבען און פּטור ווערען פון דעם קלאָגעדיגען שאָפּ־לעבען, פון דעם שטענדיג זוכען איהר זיווג מיט איהר גליק. קיין בעזונדערע אידעאַלען האָט זי ניט; זי וויל נאָר וואָס מען רופט, אַ „פּעסיבעל“ יונגען־מאַן, ער זאָל זיין נעט געקליידעט, און זאָל נאַטירליך קענען אַ שעהן לעבען מאַכען. קיין אַנדערע אָדער בעסערע גליקען ווינשט זי זיך ניט. עס מאַכט זיך אָבער פּאָרט ניט, עס געלינגט איהר ניט צו קעטשען איינעם און איהם אַנהאַלטען פאַר גוט.

פון איהרע לעצטע דריי בעקאַנטע וואָלט זי כמעט קיינעם איהר האַנד ניט ענטזאָגט. איינער איז שוין אפילו אַלט אַ יאָהר פינף און דרייסיג, און רעדט זעהר פיעל פון פיהרען אַ שטילען, רוהיגען לעבען נאָך דעם ווען ער וועט זיך פערהייראַטען. אַך, טראַכט זי ביי זיך, וואָס אַ מאַן פון פינף און דרייסיג יאָהר האָט שוין ניט מיטגעמאַכט... ער איז שוין איינפאַך מיעד פון לעבען, און האַלט שוין אפשר ביים ענדיגען דאָס וואָס זי וויל ערשט אַנפאַנגען... אָבער דאָס אַלעס וואָלט שוין ניט אויסגעמאַכט; ער איז אַ ביזנעס־מאַן און מאַכט אַ שעהן לעבען,

און זי האָט איהם שוין אפילו געגעבען אָנצוהערעניש, אַז ביי איהר איז פאַראַן טויזענד דאָלער נדן. ווייזט זיך איהר אויס, אַז ער איז עפּעס צו איהר קעלטער געוואָרען. קען זיין אַז ער וויל מעהר נדן. פאַרוואָס ניט? אַ ביזנעס־מאַן...

דער צווייטער מיט וועלכען זי איז געוועהן צו דעם באָל איז אין איהרע יאָהרען, אַ יאָהר פינף־און־צוואַנציג. (נאַטירליך זעהט זי אויס יונגער, ווייל זי פערשטעהט ווי אַזוי זיך צוצופּיקסען.) ער איז אַ גוטער טענצער, אַ ספּאָרט, אויפ'ן באָל האָט ער זי זעהר גוט „געטריט“, געספּענדט כמעט אַ גאַנצע וואָך ווידזשעס; אָבער, ווי עס ווייזט אויס, האָט ער גאָר ניט אין זינען חתונה צו האָבען. ער האָט נאָר גערעדט פון בעלער, פון פּיקניקס, פון אַמוזירען זיך. און וואָס זי האָט ניט געטרייט איהם אַרויפצופיהרען עפּעס אויף אַ רעכטען שמועס פון יונגע־לייט מיט אייגענע מיידלאַך, האָט ער נאָר בעהויפּ־טעט, אַז ער גלייבט יעדע מיידעל, מיט וועלכע ער קען זיך גוט אַמוזירען און האָבען אַ גוד־טיים, און אַן אייגענע מיידעל איז איהם ניט נויטיג. נו, איז דאָך פון אַזעלכע ניטאָ וואָס צו טראַכטען, און דער דריטער קומט איהר אויפ'ן זינען.

דער איז נאָך גאָר אַ יונגינקער, אַ צערטליכער באָי, קוים, קוים, צוואַנציג יאָהר אַלט, ער איז ניט לאַנג אין לאַנד. אַרבייט ביי ליידיעס־ווייסט און פערדיענט נאָך גאַנץ קליינע ווידזשעס, ווי ער האָט זיך פאַר איהר אַליין אויסגעשפּראָכען. אָבער טראָץ דעם וואָלט זי איהם נאָך גיכער געוואָלט איידער די אַנדערע. זיין יונגקייט געפעלט איהר שטאַרק. איי זי איז עלטער מיט פינף יאָהר און עס איז ניט קיין מעלה אַז די ווייב איז עלטער, נו, וועט זי טרייען, ווי ווייט מעגליך, זיך האַלטען יונג און שעהן. זי וועט טרייען איהם אַרויס־רייסען פון דעם ווייסטען שאַפּ, קויפען עפּעס אַ ביזנעס מיט איהרע געלד און זיי וועלען שוין אַ לעבען מאַכען. אָבער זי ווייסט ניט צי דער־פאַר וואָס ער איז נאָך אַזוי יונג, אָדער ווייל ער איז גלאַט אַ שעה־מעוודיגער און ער רעדט ניט, ער האָט איהר נאָך גאָר ניט געזאָגט אפילו וואָס ער דענקט וועגען איהר. אָדער אפשר דענקט ער גאָר

אינגאַנצען ניט פון איהר? אפשר וויל ער גלאַט אַזוי אַרומגעהן, פערברענגען? פאַרוואָס ניט? ער איז דאָך אַזאַ יונגינקער... אַך טרויעריג, טרויעריג! טראַכט זי ווייטער. וויפיעל איז דער שיעור אַרומצוגעהן און ניט וויסען, וואו דו ביזט אין דער וועלט... מאַכען נייע בעקאַנטשאַפט, און טרייען יעדען צו געפעלען, און קוקען זיי אין די אויגען, אום אויסצוגעפינען וואָס זיי זענען אויסען... ביז ווען? ביז ווען?...

זי הערט ווידער אַמאָל דעם זייגער קלינגען. זי ליגט שוין איבער דריי שטונדען אויפ'ן בעט; באַלד איז שוין ווידער טאָג, און זי דאַרף געהן צו דער אַרבייט. זי איז מיעד, שוואַך און וויל אַזוי שלאָפען, כאָטש איינשלאָפען אויף אייביג. אָבער די געדאַנקען איהרע, די מיאוסע, שרעקליכע געדאַנקען, רעגען זי נאָר אויף און לאָזען איהר אַן אויג ניט צומאַכען. זי דרעהט זיך נאָך אַמאָל איבער אויף דער לינקער זייט און רוקט אַרונטער די רעכטע האַנד אונטער'ן קישען. אפשר צום צוואַנציגסטען מאָל ציהט זי די קאָלדרע איבער'ן געזיכט, פערשליסט די אויגען און נעמט זיך צעהלען, אָבער נאָך איידער זי צעהלט אָפּ ביז דרייסיג, פערציג, שווימען אין איהר זכרון אויף פער־שידענע עראינערונגען און פּאַסירונגען. די געזיכטער פון אַלע איהרע אַמאָליגע און פון די לעצטע בעקאַנטע יונגע־לייט שוועבען ווידער פאַר איהרע אויגען, איינער נאָכ'ן אַנדערען, ביז זי קומט צו די לעצטע דריי, און זי זעהט דייטליך דעם ערשטענס געזיכט, געלב־בלאַס, רוהיג און געלאַסען, מיט קאַלטע אויסגעלאָשענע אויגען. דעם צווייטענס געזיכט פּונקט אַ קאָנטראַסט פון דעם ערשטענס, פול און פאַרביג, לעבעדיג און לוסטיג. דערנאָך דעם דריטענס, אַזוי יונג און צאַרט, כמעט ווי ביי אַ קינד. מיט אַ חנ׳עוודיגען שמייכעלע אויף די ליפּען, און אין די אויגען ברענט אַ ליידענשאַפטליכער פייערל, אין וועלכען מען דאַרף נאָר אַ בלאָז טוהן, אַז עס זאָל זיך צופלאַקערען אין אַ שטאַרקען ליעבעס־פלאַם. דאָס לעצטע געזיכט טרעט ניט אָפּ פון איהרע אויגען, זי פיהלט אַ היץ נעמט דורך איהר גאַנצען קערפּער. עס ווערט איהר שטאַרק דושנע, און זי קען ניט ליידען דעם צודעק

אויף זיך. זי ווארפט פון זיך אראפ די קאלדרע, דרעהט זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער, שליסט צו די אויגען און פערזוכט איינ־צושלאפען און אין מח ברענט איהר די פראגע:

וועלכער וועט שוין אמאל זיין מיינער?.... וועלכער?... וועלכער?..

# די ערגסטע טאָכטער

דער אַלטער מר. זילבערשטיין איז שוין אַ יאָהר צוואַנציג אין לאַנד ווען ער איז אַהער געקומען איז ער שוין געווען קרוב צו זעכציג, און געפּאָהרען איז ער אַהער ניט פאַר נחת. ער האָט פערמאָגט זיין אייגענע זיבען טעכטער, אַהן עין הרע, אַלע דערוואַקסענע בתולות, כאָטש אונטער איין חופה צו פיהרען; עס זאָל נאָר זיין מיט וועמען. און עס איז גראָר ניט געווען. דערצו האָבען נאָך ליִיטישע מיילער גענומען מורמלען און טייטלען אויף זיינע קינדער, מחמת ביי איהם איז געווען אַ טיטון־קעסטעל, און מען פלעגט דעם אָפּגעשניטענעם טיטון פערקויפען כמעט בפרהסיא, און דער אַקציזניק האָט גאָר ניט געזאָגט. דעם אַלטען פאָטער האָט דאָס שטאַרק געקרענקט, דאָס האַרץ האָט איהם וועה געטהון פאַר זיינע אָרימע בעליידיגטע קינדער, און ער האָט זיך בעשלאָסען צו פערקויפען די דירה מיט דעם גאַנצען בעל־הבית־שקייט און אוועקפאָרען מיט דער גאַנצער פאַמיליע קיין אַמעריקע. משנה מקום משנה מזל.

דאָ האָבען אַלע קינדער באַלד אָנגעהויבען שעהן געלד צו פער־דיענען; מר. זילבערשטיין אַליין איז געוואָרען אַ פּעדלער און ער האָט אויך ניש־קשה־דיג פערדיענט. אָבער וואָס מעהרער געלד עס איז אין שטוב אַריינגעקומען האָט ער געזעהן וועניגער פערלעבען און מעהרער שפּאָרען און טראָגען אין באַנק אַריין. עס איז טאַקע אַמעריקע אָבער מיידלאַך זענען פאָרט מיידלאַך און ווען עס קומט די צייט דאַרף יעדע זעהר פיעל האָבען. און ווען די צייט איז געקומען און זילבערשטיינ׳ס מיידלאַך חתונה האָבען געהאַט, איינע נאָך דער אַנ־דערער, נאָך דעם נעקסט נאָך, האָט איעדע געקראָגען אַ שעהנעם נדן, אויסשטאַטונג מיט חתונה הוצאות, מיט דער אויסנאַהמע פון דער יונגסטער טאָכטער, די מיזינקע, וועלכע האָט גאָר פערשפּיעלט

עפּעס אַ ליעבע מיט אַ שרייבערל און איז נעגאַנגען מיט איהם וואַת־נען אין אַ בעד־רום אַהן חופּה וקדושין. און וואָס פאַר אַ טאַטע וועט זיך דאָס לאָזען קאָסטען אַ פּעני אויף אַזאַ מין פערשלעפּעניש...

אַראָפּגע־פּטר׳ט די קינדער, איז זיך דער אַלטער מר. זילבערשטיין געבליבען מיט זיין אַלטינקער, טאַקע ווי מען זאָגט, „דיעד דאַ באַבאַ“, צוויי נפשות מיט איין נשמה, מיט ווייניג פערלאַנגען און ווייניג בע־דערפעניסען. גאָט זאָל נאָר העלפען נחת פון די קינדער. אַוודאי האָט די מיזינקע זיי אַ גרויסע בושה אָנגעטוהן, אַ פּאַטש אין פּנים געגעבען, און זיי האָבען שוין געגעבען, נעגוג טרעהרען פערגאָסען. נאָר אַלעס אין איינעם איז דאָך ניטאָ ביי קיינעם. ווען דער אויבערשטער זאָל דעם מענשען געבען בלויז גוטעס וואָלט ער דאָך נאָר אין זיין ליעבען נאָמען פערגעסען, דערפאַר איז ביי די עלטערע זעקס קינדער גאָט צו דאַנקען, ניט צו פערזינדיגען; עס זאָל זיי ניט פערשטערט ווערען, זיי מאַכען זיך אַלע אַ שעהן לעבען, אַ פּאָר פון זיי איז טאַקע נאָר נוט, און עטליכע אייניקלאַך זענען שוין אויך דאָ, זיי זאָלען זיך נאָר אויסהאָדעווען געזונד און שטאַרק.

און די אַלטע באַבע איז זיך יעדען טאָג אויפגעשטאַנען כאור הבוקר; האָט פערשפּרייט דאָס בעט ווי ניט איז, אויסגעכליאָפּטשעט אַ גלעזעל קאַפע מיט אַ בולקעלע און האָט זיך גענומען אַרומלויפען איבער אַלע זיבען שטיבעלאַך, צווישען אַלע טעכטער. ביי דער אַנ־געצווינגען, אָפּגעוואַשען, פערקעמט און אָנגעהאָדעוועט די קינדערלאַך. ביי יענער אָפּגעסקראָבעט דעם פלאָר. ביי דער דריטער אַלעס אַרויס־געטראָגען פון דער גראָסערי, דער פערטער געמאַכט אַ וועש אָדער אָפּגעפּוצט דעם אויווען. דער פינפטער געבראַכט אַ טשיקען, אָפּ־געפּליקט און כשר געמאַכט, און א. ז. וו.... פאַרוואָס ניט? זי איז דאָך אַ מאַמע! וואָס דען האָט זי צו טהון אויף דער עלטער? אויף דעם האָט זי דאָך אַלע יאָהרען גאָט געבעטען, אַז די קינדער זאָלען זייערע כשר׳ע זיווגים קריגען, און זי זאָל די זכיה האָבען צו דער־לעבען אייניקלאַך פון זיי. צו דער מיזינקע פלעגט זי אויך אַמאָל פערבלאָנדזשען, ווייל ניט אימער האָט מען זי אין איהר בעד־רום

געטראָפען, א סברא אַז זי פלעגט אויך אַרבייטען. דער טאַטער פלעגט די אַלטע נאָר מוסר זאָגען און איבער איהר די אויגען אויסוויינען, זי זאָל פאַרט זעהן א חופה שטעלען און אויפהערען פיהרען דאָס זינדיגע לעבען. זי זאָל זיך א ראיה נעמען פון איהרע עלטערע שוועס־טער, וועלכע גאָט העלפט נאָר דערפאַר, ווייל זיי געהען אין ריכטיגען וועג. אבער די עקשנ׳טע האָט דער מאַמע ניט געוואָלט פאָלגען, און האָט איהר נאָר ערקלעהרט, אַז זי איז פיעל גליקליכער פון אלע איהרע עלטערע שוועסטער. די אַלטע האָט צו איהר חלומות אויסגע־בטל׳ט, פערצויגען די אַקסלען, ווידער צואוויינט זיך און איז אוועק־געגאַנגען מיט א צובראָכען האַרץ.

מר. זילבערשטיין אַליין, כאָטש ער איז שוין ניט געווען א יונגער־מאַן, פונדעסטוועגען א מענש וואָס איז אימער געוואוינט געווען עפּעס צו טוהן, פלעגט נאָך יעדען טאָג אַרומגעהן מיט דעם שטעקעלע און מיט דעם סעטשעל צווישען זיינע קאָסטאָמער. דעם אָפּטראָגען א פערטעל טהעע, יענעם א פונטעל קאַפע, א דריטען א גאַלאָן שנאַפּס אָדער וויין. אמת קיין גרויסע פּראָפּיטען האָט אין דעם ניט געשטעקט, אבער משטיינס געזאָגט, וואָס האָט ער דען גענדאַרפט. די קינדער זיינע האָט ער שוין פערזאָרגט. ער מיט זיין אַלטינקער קענען זיך שוין בענוגענען מיט וואָס ס׳איז. ווען ער איז געווען אין גאַס, פלעגט ער אַלע מאָל אַרויפגעהן דאָ צו דער טאָכטער, דאָ צו יענער טאָכטער, און קיינמאָל ניט מיט ליידיגע הענד. תמיד האָט ער גע־פונען עפּעס א צאַצקע צו קויפען אין סטריט. און פון פרובטען מיט קענדים פאַר די אייניקלאַך איז דאָך שוין אָפּגערעדט. צו דער מיזינ־קע איז ער אבער קיינמאָל ניט געגאַנגען און האָט אפילו ניט געוואָלט פון איהר רעדען. ווען ניט ווען, אַז ביי מר. זילבערשטיינ׳ען האָט זיך אנגעזאַמעלט א פינף־און־צוואַנציג דאָלער מיט אמאָל, האָט זיך שוין געמאַכט א געלעגענהייט, דאָס דער, אָדער יענער איידים האָט די סומע זעהר נויטיג גענדאַרפט, און ביי איהם אַנטליהען, נו, פאַרוואָס ניט? אַז מען קען א קינד א טובה טהון מיט א גמילות חסד? נאָר ער האָט שוין דאָס געלד קיינמאָל צוריק ניט געזעהן. עס פערשטעהט

זיך דאַך, אַז ער וועט זיין אײדים ניט מאַנען, און אַז יענער גיט ניט איז דאָך אַ סמן אַז ער האָט ניט.

אַזוי זענען אװעקגעגאַנגען עטליכע יאָהר אין נחת און אין פרײדען. נאָר אײן מאָל אין אַ שטורעמדיגער װינטער־נאַכט, װען די אַלטע מיסעס זילבערשטײן איז געלאָפען צו דער עלטסטער טאָכטער, װײל בײ איהר איז אַ קינד קראַנק געװאָרען אויף שקאַרלאַטין, האָט זי זיך אויסגעגליטשט, געפאַלען, און האָט זיך צובראָכען די רעכטע האַנד מיט'ן לינקען פוס. נו, נאַטירליך, אַן אַלט מענש קען אַזעלכעס שוין ניט איבערטראַגען, און זי איז באַלד געשטאָרבען.

און דאַן האָט מען ערשט געקענט זעהן, אַז עס איז כדאי אַלעס אין דער װעלט צו טוהן פאַר קינדער. די טעכטער האָבען דער טויטער מאַמען כמעט מיט זײערע טרעהרען דורכגעװײקט. יעדע אײנע איז אַזש הײזעריג געװאָרען זי בעװײנענדיג, דעם הימעל האָבען זײ שיעור אויפגעריסען מיט זײערע קולות. אײנע האָט כליפּענדיג געשריען: „אַזאַ געטרײע מאַמע איז ניט געװען און װעט שוין ניט זײן“. די צװײטע האָט קלאַגענדיג גע'טענה'ט: „אַז זי װיל בעסער מיטשטאַרבען אײדער בלײבען אָהן דער מאַמען“. די דריטע האָט געיאָמערט און געפרעגט: „װער װעט אַצינד מײנע קינדער ניאַנטשען? װער װעט מיר דעם פּלאַר סקראָבען?“ די איבעריגע האָבען זיך גלאַט אַזוי די האָר פון קאָפּ געריסען. און נאָר די יונגסטע טאָכטער, די מיזינקע, כאָטש אַן הפקרת, װאָס גלויבט אין קײן זאַך ניט, און האָט דער מאַמען בײם לעבען גענוג יסורים אָנגעטוהן, זי איז אויך געקומען, און װי אײנע, װאָס פיהלט זיך אמת זינדיג, איז זי זיך געשטאַנען אין אַ װינקעלע און האָט אויך געװײנט. אמת זי האָט ניט אײנגעלײגט קײן װעלטען, מיט איהרע קולות דעם הימעל ניט געשפּאָלטען װי די אַנדערע, אָבער מען קען ניט זאָגען, געװײנט האָט זי פון דעם האַרצען. פאַרט אַ מאַמע!

װען עס איז געקומען צו דער לויה, האָבען זיך אַלע טעכטער, אָנגעטוהן אײנגאַנצען אין שװאַרצען, און מען איז אין קערידזשעס

נאכגעפּאַרען, ווי עס בעדאַרף צו זיין. נאָר די מיזינקע, זי האָט זיך אין ספּעציעלע שוואַרצע קליידער ניט געדאַרפט אָנטוהן, ווייל זי האָט אימער געטראָגען אַלטע שוואַרצע טראַנטעס, אין אַ קערידזש איז זי ניט געפאַרען, ווייל די ברוגז'ע שוועסטער האָבען מיט איהר ניט געוואָלט פאַרען צוזאַמען. און אַליין פאַר אַ קערידזש האָט זי ניט געקענט בעצאָלען. נאָר אויף די סעמעטערי איז זי פונדעסט־וועגען געווען, זי האָט מסתמא אַ קאַר גענומען און איז געקומען, און ווען מען האָט די טויטע אין קבר אַראָפּגעלאָזען און מיט דער ערד פערשאָטען, און די שוועסטער זענען איינע איבער דער אַנדערער אין חלשות געפאַלען אין אַלע אינאיינעם מיט דעם אַלטען טאַטען געוויינט, איז זי זיך געשטאַנען פון דערווייטענס, אָנגעשפּאַרט אָן אַ מצבה און האָט גאַנץ שטיל געוויינט. און ווען אַ יעדער האָט ענדליך דעם בית עלמין פערלאָזען, איז זי ערשט געבליבען איינע אַליין, האָט אָנגעריסען פון די ארומיגע קברים בלומען און האָט זיי צושפּרייט איבער דעם פרישען קבר, און האָט דאָרט געוויינט ווער ווייסט ביז ווען...

צוריקפאַהרענדיג פון דער סעמעטערי, איז דער אַלטער טאַטע די אונגליקליכע קינדער כמעט פון קאָפּ אַראָפּ. זיי האָבען איהם חלילה ניט פערגעסען, ווער עס האָט אַמאָל אַזאַ מין געטרייע מאַמע פער־לוירען, וועט זיך פאַרשטעלען ווי אַזוי דאָס האַרץ איז ביי זיי פער־ביטערט געווען, און דער קאָפּ דערשלאָגען, און מען וועט דאָס געוויס פאַר אומגוט ניט נעמען. אָט אַזוי זענען זיך אַלע פאַמעלאַך צופאַרען אַהיים. נאָר דער טאַטע איז חלילה אויך אויף דער סטריט ניט געבליבען. ער האָט זיך דאָך געהאַט זיין רום מיט זיין בעל־הבית־ישקייט, זאָל ער נאָר געזונד זיין און לעבען ביז הונ־דערט און צוואַנציג יאָהר!

דעם אַלטען מר. זילבערשטיינ'ס לאַגע איז געוויס ניט זעהר פריילאַך געווען; נאָר די אומגליקלאַכע קינדער נעבאַך האָט די מאַמע שטאַרק געפעהלט און זיי האָבען דאָס געפיהלט. נאָר וואָס קען מען העלפען? פון קבר זי אויסגראָבען און זי לעבעדיג מאַכען, קען מען

דאָך ניט! עס זאָל געווען זיין אַז זיי געוועדעט, וואָלטען זיי אודאי געווען אָפּגעגעבען אַ טהייל פון זייער לעבען, און די מאַמען אויס־לייזען פון דעם מלאך המות, עס איז שוין אָבער פערפאַלען!... און זיי האָבען זיך כאָטש געטרייסט מיט דעם אַלטען טאַטען, וועלכער כאָטש ער איז שוין גאָר אויס מענש געוואָרען, פלעגט ער דאָך נאָך אַלץ פערדינען, און ווי פריהער צו זיי קומען און ברענגען צאַצקעס, פרוכט און קענדים פאַר די אייניקלאַך. איין טאָכטער פלעגט נעבאָך זעהר וועה טוהן דאָס הארץ, פאַר וואָס דער טאַטע קומט תמיד נאָכ'ן דינער, ווען ער זאָל קומען פריהער, וואָלט ער אויך עפּעס נעמען אין מויל אַריין. ביי דער צווייטער איז אָדער די גאַז געווען פאַרמאַכט, ווייל מען האָט געפיקסט די פייפּס אין סטריט, אָדער דאָס וואַסער האָט געסטאָפּט, אַז ניט — וואָלט זי פאַר'ן טאַטען טהעע געמאַכט. צוויי אַנדערע טעכטער האָבען אַרויסגעמופט אַפּ־טאַון, און עס האָט זיי שטאַרק פערדראָסען פאַר וואָס דער טאַטע נעמט ניט אַ מאָל די קאַר און קומט ניט אַרויף זעהן ווי זיי בעוואָהנען כאָטש. נאָר ער האָט אָבער ניט ליעב געהאַט צו פאָהרען מיט די קאַרס. די איבעריגע צוויי טעכטער האָבען נעבעך געהאַט מיט זיך צו טהון, נאָר די מי־זינקע פלעגט יעדען פאַרנאַכט אַריינגעהן צום אַלטען טאַטען, איהם איינקויפען פלייש מיט אַנדערע זאַכען, פאַר די פאָר סענט וואָס ער פלעגט איהר שטומערהייט דערלאַנגען, ווייל ער האָט נאָך אַלץ צו איהר ניט גערעדט. זי פלעגט ביי איהם אָפּקאָכען סאָפּער, מאַכען טהעע, און אויפראַמען דעם רום, און זיך אָוועקגעהן זאָגענדיג אַלע מאָל „אַ גוטע נאַכט, טאַטע", אויף וועלכען ער פלעגט איהר קיינמאָל ניט ענטפערען...

און אַזוי זענען ווידער אָוועקגעגאַנגען איינִיגע יאָהר, דער אַלטער מר. זילבערשטיין איז שוין גאָר אַלט און שוואַך געוואָרען, זיין פלייצע די אמת'ע, אידישע פלייצע, וואָס האָט זיך אַלס קינד נאָך געבויגען פון שרעק פאַר דעם בייזען רבי'נס קאַנטשיק; וואָס האָט זיך אַלס בחור געבויגען אונטער בוידעמס און אין קעלערס זיך אויסבעהאַלטענ־דיג פון גוי'אישע הענד; וואָס האָט דערנאָך אַלס מאַן און טאַטע

זיך געבויגען אונטער דעם עול פון פּרנסה, פון הלואות מיט „עסקה דעסקא״, פון אָפּגעכאַבאַרעטע אַקציזניקעס — די אַלטע געבויגענע פּלייצע האָט זיך אַצינד פון אַלטקייט און שוואַכקייט אויסגעדרעהט ווי א בויגען. דאָס האַרץ איז ביי איהם איינגעפאַלען, און די אויגען האבען גענומען אויסרינען אַזוי, אַז ער האָט גאָר קיין מענשען ניט דערקענט, און די אַלטע צודרעהטע פיס האָבען זיך איינגאַנצען ענט־זאָגט איהם צו טראָגען, און ער איז געבליבען ליגען אויף דעם בעט.

די קינדער האבען זיך נאַטירליך שטאַרק געערגערט וואָס דער טאַטע האָט אויפגעהערט צו זיי צו קומען. נאָר אַז זיי האָבען זיך דערוואוסט, אַז ער ליגט חלילה ניט אויף קיין ערנסטער קראַנקהייט, נאָר גלאַט אַזוי פון אַלטקייט, האָבען זיי זיך באַלד בערוהיגט. פאָרט אַן אַלטער מענש, אַכציג יאָהר! זאָל גאָט זיי העלפען, אָהן זיין שאָדען אויף זיי געזאָגט, זאָלען זיי דערלעבען זיינע יאָהרען. דערווייל האָט דער אַלטער גאָר ניט פערדיענט און די לעצטע עטליכע דאָלער וואָס האבען זיך ביי איהם געפונען, זענען אוועקגעגאַנגען. די מיזינקע האָט איהם נאָך אַלץ אַטענדעט. וואָס זי האָט געקענט האָט זי פון זיך פאָר זיינעטוועגען אָפּגעשפּאָרט. שכנים און לאַנדסלייט האָבען אויך עפּעס אויף דעם אַלטען פערזעהען. באַלד איז אָבער געקומען א צייט וואָס מען האָט פאַר דער רום, וואו ער האָט געוואָהנט, ניט געקענט בע־צאָהלען קיין רענט און דער לענדלאָרד האָט געסטראַשעט דעם אַלטען אויפ׳ן גאָס אַרויס צו וואַרפען. דאַן האָבען זיך גוטע און פרומע לייט אוועקגעלאָזען צו די קינדער זיי דערמאָהנען אַן זייער טאַטען. אָבער די קינדער האבען אַלעמען געענטפערט, אַז זיי האָבען נאָך זייער טאָ־טען אפילו אויף איין מינוט ניט פערגעסען; נאָר עס איז דאָך פאָרט אַמעריקע, מען איז בסדר פערטוהן אין דער אַרבייט! פון דעסטוועגען זענען זיי זיך אַלע צוזאַמען געקומען אין דעם קראַנקענס רום זיך בעראַטהען וואָס מיט איהם צו טהון.

די עלטסטע טאָכטער האָט גע׳טענה׳ט, ווי דער אמת איז, אַז זי קען איהם צו זיך ניט נעמען, זי וואוינט אונטער איהר פּיינט־סטאָר, און וואו קאָן אַזאַ קראַנקער מענש פערטראָגען די ריחות? ער וועט

דערשטיקט ווערען! ביי דער צווייטער זענען דאָ פינף קינדערלאך, אהן אַ עין הרע, און ווי קען דאָס אַ קראַנקער מענש זיין צווישען קליינע קינדער? די דריטע, וועלכע וואוינט שוין ניט אונטער אַ פיינט־סטאָר און האָט גאָר קיין קינדער ניט, האָט געשוואָרען אַז זי וואָלט שוין דעם טאַטען גענומען צו זיך מיט'ן גאַנצען הארצען, זי וואוינט אָבער נאָר אין דריי רומס, איז די פראָנט־רום אויפגעפיקסט מיט קאַרפּעט און מיט אַ סעט, ווי־זשע קען מען דאָרטען שטעלען אַ בעט? אין קיטשען וועט זי דאָך חלילה ניט לעגען דעם טאַטען, און דעם בעד־רום פערשטעהט מען דאָך, דאַרף זי פאַר זיך אַליין. די פערטע האָט שוין גראָד גענוג פּלאַץ, און איז קיין עין הרע אַ נגידית אויך, און פון איהר וואָלט שוין גאָר קיין מניעה ניט געווען, איז אָבער דער מאַן איהרער אַ גרויסער רשע! ער דערגעהט איהר אַזוי אויך די יאָהרען, און בעשולדיגט זי, אַז זי טראָגט ארויס דאָס ווייסעל פון די אויגען פון דעם טאַטענ'ס וועגען; איבערהויפּט, ווען דער טאַטע זאָל נאָך זיין ביי איהר אין הויז?... די לעצטע צוויי טעכטער האָבען זיך ממש אין טרעהרען צוגאָסען, פאַר וואָס זיי זענען אַזוי פון זיין ליעבען נאָמען געשטראָפט, אַז עס איז זיי דוקא גוט און זיי וואוינען זיך גראם אויך, און קענען דאָך דעם טאַטען צו זיך ניט נעמען. ווארים זיי וואוינען אין אַ קריסטליכער געגענד, אין פענסי אַפּאַרטמענט הייזער, און ווי קען מען דאָס אהין נעמען אזאַ מין אַלטען אידען. נאָר די יונגסטע טאָכטער איז זיך געשטאַנען אין ווינקעל, האָט אויסגעהערט די אַלע טענות און מיט דעם קאָפּ צוגעשאָקעלט און געוויינט. די עלטערע שוועסטער האָבען מיט איהר ניט גערעדט, ווייל זי האָט זיי פערשעהמט מיט איהר אויפפיהרונג. און אַצינד האָבען זיי איהר אפילו ניט אַנגעקוקט און צו איהר ניט גערעדט אַ וואָרט. זי אַליין איז נעווען צו שטאָלץ, אַז זי זאָל אַמאָל אפילו רעדען צו זיי. נאָר אַז זי האָט געזעהן, אַז עס קומט אויס אַז איהר אַלטער קראַנקער טאַטע זאָל אויפ'ן סטריט ארויסגעוואָרפען ווערען, ווארים זי וואָלט איהם שוין גענומען צו זיך, וואוינט זי אָבער מיט איהר מאַן אין איין רום, איהר מאַן פערדיענט זעהר ווייניג פון זיין שרייבען

און זי מוז אַליין אויך גען ארבייטען; דערפאַר האָט זי דעם שטאָלץ אוועק געלייגט און האָט איהרע שוועסטער געמאַכט אַ פאָרשלאַג: אַז זיי זאָלען צאָלען רענט פאַר צוויי אָדער דריי רומקעס און זי וועט שוין וואוינען מיט'ן טאַטען און איהם אַטענדען. דער פאָרשלאָג האָט ביי די שוועסטער ארויסגערופען זייער גערעכטען צאָרן און זיי האָבען זיך אַלע צושריען: „נו, נו! אַזא משומדת! אַזא הפקרת! זי וויל נאָר מאַכען ביזנעס פון דעם קראַנקען טאַטען? זיין גרוב זאָל זי פערלעגען!..." די קולות האָבען נעבעך דעם קראַנקען דעם קאָפּ אויפגעריהרט, און וויינענדיג ווי אַ קליין קינד האָט ער זיך ביי זיי געבעטען אַז זיי זאָלען זיך אוועקגעהן און איהם לאָזען צורוה. און די גוטע לייטישע קינדער זענען זיך שטילערהייט צוגאַנגען, בליפנדיג און שילטענדיג די „ערגסטע שוועסטער" ביי זיך אין האַרצען.

ווען דער לענדלאָרד האָט זיך ערקונדיגט פון דעם אַלטען מר. זילבערשטיינ'ס לאַגע, האָט ער איהם אויפ'ן סטריט ניט ארויסגע־שטעלט. און אַזוי ווי ער איז געווען אַן אַנגעזעהענער מעמבער פון דעם „מושב זקנים פעראיין", האָט ער געטרייעט זיין בעסט און מען האָט זיין אַלטען טענענט אין זייער אַנשטאַלט אריינגענומען.

אַצינד איז מר. זילבערשטיין דאָרטען שוין דעם צווייטען יאָהר. די עלטערע טעכטער האָט ער פערזאָגט אַז זיי זאָלען זיך ניט וואַגען צו ווייזען פאַר זיינע אויגען. ער וויל פון זיי נאָר ניט וויסען. און זיי פאָלגען איהם גראָדע און קומען צו איהם ניט, און דאָס שטערט זיי חלילה גאָר ניט צו ווערען רייך, צו קויפען הייזער, און אויפרייסען לייטען די אויגען מיט זייערע דיימאַנדס. נאָר די מיזינקע זיינע קומט איהם רעגעלמעסיג בעזוכען. אַצינד נאָך, ווי פריהער, רעדט ער אָלץ ניט צו איהר, אָבער ניט חלילה ווייל ער וויל ניט, נאָר פּשוט דערפאַר וואָס ער קען שוין ניט רעדען, ווייל דאָס לשון איז ביי איהם אָפּגענומען געוואָרען. הערען און זעהן קען ער שוין אויך ניט, נאָר אַזוי ווי זי קומט נאָר צו צו איהם דערקענט ער איהר אינסטינקטיוו; און ווען זי לאָזט זיך אַראָפּ אויף איהרע קניה, נעבען זיין טשער, און לייגט אַוועק איהר קאָפּ אויף זיין ברוסט, נעמט ער זי ארום מיט

זיינע ציטערהדיגע הענט, דריקט זי מיט אַלע כחות צו זיין אַלטער צובראָכענער האַרץ, בויגט איבער איהר זיין קאָפּ און פון זיינע בלינדע נאַסע אויגען רינען און רינען די טרעהרען און הערען ניט אויף.

# חרטה

ווען זי האט איהם צום דריטען מאָל געענטפערט מיט אַן ערנסטען טאָן, אַז זי בלייבט ביי איהר „ניין“, האט ער זיך נאָר אַהן צערע־מאָניעס אויפגעהויבען און מיט אַ שפּאָטישען שמייכעלע אויף דעם געזיכט, וואס האט געצייגט, אַז ער האט דאָך זיין האָפענונג ניט פערלאָרען, האט ער איהר געזאָגט, „גוד־באַי“, און אַרויסגעהענדיג פון איהר סעפּערעטען בעד־רום איז ער אַריין צו איהר מיסעס, וועלכע איז געזעסען אין פראָנט־רום, און האט געוואַרט צו הערען וואס דער סוף וועט זיין.

זי האט שנעל צוגעמאַכט הינטער איהם די טיהר פון איהר בעד־רום, און ווי אויסגעמאַטערט פון אַ שווערע פּלאָנטיש, האט זי זיך אַריינגעוואָרפען אין בעט, האט איינגעגראָבען דעם קאָפּ אין קישען און האט געלאָזט איהרע טרעהרען פליסען פריי און שנעל ביז דאָס קישען אונטער איהר איז גוט נאַס געוואָרען.

אַז זי האט זיך אויסגעוויינט, איז איהר עטוואס גרינגער געוואָרען אויפ'ן הארצען. דער ערשטער עקעלהאַפטער, טרויעריגער איינדרוק, וואס די ערשיינונים האט אויף איהר געמאַכט, איז פאַראיבער און זי האט זיך איבערגעדרעהט מיט דעם געזיכט אַרויף, און אויסווישענ־דיג די טרעהרען, האט זי זיך פערטראַכט.

„דאָס טרייבט דער שיקזאַל מיט מיר אַזאַ ביטערען שפּאַס“, האט זי געטראַכט, „אַז בערל, אונזער אַ געוועזענער קוטשער, זאָל נאָר האָבען די העזה פון מיר צו טראַכטען, אַלס זיין פרוי“.

„וואס פאַר אַ חוצפּה!“ זיין גרויסע גראָבע פיגור טרעט ניט אָפּ פון איהרע אויגען, און איבער איהר לייב געהט דורך אַ סקרוך. ווען זי דערמאָנט זיך, ווי גלאַטיג ער האט זיך דאָס אויסגעדריקט, „אַז איהם אַרט גראָדע ניט, וואס זי איז אַ מיידעל פון פינף־און־

דרייסיג יאהר, ווייל ער אליין איז שוין באלד ביי פערציג און עס איז ניט קיין גרויסער דיפערענץ.״ און פלוצלונג קומט איהר אויפ׳ן מוח דער געדאנק, אז עס קען זיין, דאס ווען ער איז עטוואס אינגער, וואלט ער זיך אפילו ניט וועלען אויף איהר אומקוקען — ביי דעם געדאנק דערפיהלט זי א שטאך אין הארצען און איהרע אויגען ווערען ווידער א מאל פול מיט טרעהרען. און זי דערמאנט זיך, וואס ער האט צו איהר גערעדט.

„הפנים עס איז פון הימעל בעשערט, אז מיר זאלען זיין מאן און ווייב״, האט ער צו איהר פראסט געזאגט.

און זי דערמאהנט זיך, ווען זי איז אמאל געוועז יונג און שעהן און האט געהאט א גרויסען נדן, האט זי אלע חתנים פערבראקעוועט. קיינער איז פאר איהר גאר צו וואויל געוועז. דערנאך האט איהר טאטע פערלארען דעם פערמעגען, איז געשטארבען אין הקדש. זי האט זיך שוין געגנוג אנגעוואלגערט, איז געוועז א פאקאיאווע, וואס דאס מיינט פשוט א דיענסט, און איצט אין אמעריקע שטעהען איהר אויך ניט קיין גרויסע גליקען פאר. און ער אליין, האט ער זיך פאר איהר פארגעשטעלט, איז שוין אויך ניט דאס, וואס געוועז, א ריעל־עסטייט־ניק איז ער דא, א בילדער פון הייזער, אומגעהויער רייך, האט קרעדיט אין דריי באנקען, וואו ער איז א דעפאזיטאר, און כאטש ער איז שוין ניט קיין יונגער בחור, פון דעסטוועגען האט ער איהר פערזיכערט, קען ער קריגען א יונגע מיידעל מיט א סך נדן, אבער ער וויל גראדע זי, ווארים ער געדענקט, אז ווען זי איז נאך געוועז גאר א יונגע בארישניע און פלעגט אין קארעטע פאהרען, האט ער צו איהר געהאט עפעס אזא מאדנעם געפיהל, וואס ער קען דאס ניט אויסדריקען, און יעצט, אז זי איז דא אין אמעריקע, אין אזא לאגע, און ער איז רייך, האט ער עפעס אויף איהר אזא מיטלייד, אזא מין שטארקען מיטלייד...

די געדאנקען רייסען זיך ביי איהר פלוצלונג איבער און זי דער־פיהלט, אז דאס שטעכען אין ברוסט ווערט שמערצליכער, פיינליכער

און זי קען שוין מעהר איהרע טרעהרען ניט איינהאַלטען, און וויינענ־דיג ברענט דאַס וואָרט „מיטלייד" איהר אין מוח, ווי דאַס זאָל זיין אויסגעדרוקט אין איהרע געהירען מיט גליהענדע צוואַנגען.

ווען זי וויינט זיך אויס צום צווייטען מאָל, ווערט איהר אין גאַנצען לייכטער אויפ'ן הארצען; זי נעהט שנעל אראָפּ פון בעט, גלייכט אוים איהרע קליידער און גלעט צו איהרע צושויבערטע האָר; דערנאָך פאַנגט זי אָן לאַנגזאַם צו שפּאַנען איבער'ן צימער מיט שטילע, אָבער נערוועזע טריט, קלייבט צונויף איהרע צופּלאָנטעטע געדאַנקען און פערטיעפט זיך אין זיי.

עס איז אמת, טראַכט זי ביי זיך, אַז זי איז שוין פינף־און־דרייסיג יאָהר אַלט. ווער עס ווייסט ניט, קען עס לייכט אַן איהר בלאַס־געלען געזיכט דרערקענען. עס העלפט ניט איהר פערנלעטען און פערשמירען די קנייטשען, וואָס מעהר זי טוהט דאָס אַלס מעהר אַנזיכטיג ווערט דאָס. איהר גאַנצער קערפּער איז מיעד און צובראָכען. זי פיהלט אין זיך ניט קיין גאַנצען געזונדען אבר. זי איז אין איהר יוגענד צופיעל צו גוטען געוואוינט געווען, אַז די אומשטענדען פון דער שלכטער צייט זאָלען אויף איהר ניט ווירקען שטאַרק. און אין דער ווירקליכקייט, וואָס פאַר אַ גליקען ערוואַרטען איהר אין דער צוקונפט? אַלעס, וואָס זי קען זיך פיליכט דערלעבען, איז מיטלייד. און אפשר וועט נאָר שפּעטער אויף איהר קיינער קיין מיטלייד ניט האָבען?... אַך, ווי שרעקליך, ווי טרויעריג... און וואָס מעהר זי טראַכט אַזוי, אַלץ דונקעלטער, אַלץ פינסטערער, שרעקליכער מאַהלט זיך די צוקונפט פאַר איהר, און אַ ביטערע פערצווייפלונג דריקט שווער איהר האַרץ און זי שרעקט זיך פאַר די טרויערינע בילדער פון איהר פאַנטאַזיע.

און אין סאַמע מיטען פון איהר פערצווייפלונג, דערמאַהנט זי זיך אָן דער עראייגנים פון דעם טאָג, און בערל קוטשער שווימט איהר ארויף אין איהר זכרון, אָבער דאָס מאָל הערט זי פון איהם אויף צו טראַכטען, ווי פון בערל דעם קוטשער, נאָר זי בעטראַכט איהם אַלס בענדזשאַמין דער ריעל־עסטייטניק, און ער שטעלט זיך איהר

באַלד פאַר טאַקי ווי גאָר אַן אַנדער מענש. זיין פיגור איז גרויס, אַבער איידעל און אַנגעזעהן. זיין געזיכט איז שוין ניט מעהר אַזוי גראָב ווי זי האָט פריהער געדענקט, און זיין גאַנצער אויסקוק איז גאָר עפּעס ווייכער און צאַרטער געוואָרען.

טראַכטענדיג אַזוי פון איהם, הויבט זי אָן חרטה צו האָבען, וואָרום זי האָט איהם אַזוי שנעל אָפּגעזאָגט, וואָרום האָט זי זיך פריהער ניט באַדענקט, עס קאָן זיין אַז זי האָט אפשר אַצינד צום לעצטען מאָהל איהר גליק פון זיך אַוועקגעשטויסען.

# שוין בעסער טויט

—1—

ווען פעסיע האט איינמאהל פלוצים בעמערקט אין איהר מענדעל'ס א בריעף פון אמעריקע אז ער דערמאהנט אפילו ניט איהר טאכטערס נאמען, האט ביי איהר עפעס ווי א טיאכקע געטהאן אין הארצען און זי האט גאר איהר קאפ פערלארען. דער גאנצער אינהאלט פון דעם בריעף איז איהר עפעס ניט איינגעגאנגען; א סך ווערטער האט זי ניט געקענט איבערלייענען און איבער די ווערטער האט זי גאנצע שורות ניט פערשטאנען. נאר דאס וואס ער שרייבט גאר ניט פון איהר ביילקען, דאס האט איהר שטארק בעאונרוהיגט, זי האט זיך גאר ניט געקענט קיין ארט געפונען און איז דעם גאנצען טאג ארום געגאנגען שרעקליך פערצווייפעלט.

שפעטער אין אוועגד, ווען די קינדער זענען שוין געשלאפען, האט פעסיע אויסגעזוכט איהר מענדעל'ס אלע פריהערדיגע בריעף וועלכע זי האט בעהאלטען צווישען די בלעטלאך פון איהר „צאינה וראינה“, האט ארויסגעדרעהט דעם קנויט אין לאמפ און זי האט לאנגזאם און פארזיכטיג איבערגעלעזען עטליכע מאהל יעדען בריעף פון אנהויב ביז'ן סוף. אין יעדען איינעם פון די בריעף האט מענדעל עפעס גע־שריבען פון ביילקען ווי פון זיך אליין. „איך מיט בתי ביילקע זענען דאנקען השם יתברך געזונד“; אדער „איך מיט בתי ביילקע ארבייטען אין איין פאבריק און אינאיינעם פערדיענען מיר גאנצע פערצעהן דאלער א וואך“; אין איין בריעף שרייבט ער איהר, „אונזער ביילקעלע איז קיין עין הרע געזונד און שעהן, נאר זי בענקט שטארק נאך דיר מיט די קינדערלאך זאלען לעבען“. און אין איין בריעף וואס ער האט געשריבען חול המועד פסח, „אונזער ביילקעלע זאל לעבען האט זיך

לכבוד יום טוב געמאכט א ניי בגד צמר, א שליאפע מיט שיכלאך האט זי זיך געקויפט פארטיגע. דו זאלסט זי זעהען אין די נייע בגדים, וואלסטו געווארען גרעבער ווי לענגער, מחמת זיי פאסטען איהר קיין עין הרע און זי איז אין זיי שעהן ווי א בת מלכה". און שפעטער נאך שבועות האט ער איהר אזוי געשריבען פון ביילקען, „צו אונזער טעבטערל ביילקעלע תחיה, שרכנ'ט זיך א יונגערמאן, א גרויסער פער־דיענער. דער יחוס עצמו איז שוין נישקשה'דיג, נאר ווער און וואס ער איז פון דער היים און פון וואס פאר א יחוס ער קומט ארויס איז שווער צו זאגען אין אמעריקע. נאר זיי אויסגעזארגט, איך וועל זיך סטארען אויסצוגעפינען, און ווען ער וועט אפילו זיין מה טוב, וועל איך זיך אויך ניט איילען צו טהון דעם שידוך ביז דו זונתי פעסיע, וועסט אם ירצה השם קומען אהער קיין אמעריקע בשלום".

נאך דעם לעצטען בריעף זענען אוועק גאנצע דריי חדשים און מענדעל האט אזוי ווי איינגענומען שטומעניש, גלייך ווי ער וואלט חלילה אין וואסער אריין. און פעסיע האט געהאלטען אין איין שרייבען צו איהם גאנצע קלאג־בריעף, און זי האט זיך געבעטען ביי איהם רחמים, אז ער זאל איהר ענטפערען, פאר וואס שווייגט ער? ווארום שרייבט ער איהר ניט? זי ווייסט ניט וואס איבערצוקלעהרען און דער קאפ ווערט ביי איהר, שונאי ישראל, שיעור ניט צושאסען פון טראכטען". דאס האט אבער ניט געהאלפען, די גאנצע דריי חדשים האט זי פון איהם אפילו ניט קיין „איינגעטונקענע פען" ערהאלטען, און זי האט שוין בדעה געהאט צו שרייבען צו איין לאנדסמאן, וועלכער זי האט געוואוסט איז אויך ערגעץ אין אמעריקע, אז יענער זאל רחמנות האבען אויף אן אומגליקליכער אידישע טאכטער און אויסגעפונען וואס האט זיך דארטען געטראפען מיט איהר מאן און קינד און איהר דערפון מעלדען, פאר וועלכען ער וועט זיך זיכער פערדינען עולם הבא, וואס איז אפשר דער גרעסטער שכר. נאר איידער זי האט דאס געטהון איז צו איהר אנגעקומען מענדעל'ס משונה'דיגער בריעף וואס האט זי אזוי צוטומעלט. עפעס איז דאס גאר ניט געוועהן מענדעל'ס טאן, ניט זיין ארט שרייבען, ווען זי זאל ניט געוועהן זיין זיכער, אז דאס

איז זיין „כתב יד“ מיט זיין „חתימה“, וואָלט זי גאָר ניט געוועהן נעגלויבט, אַז דער בריעף קומט פון איהם. די פריהערדיגע בריעף זענען אַלע געוועהן געשריבען אַזוי ריין, אַזוי טאַלקאָווע, אַזוי האַרצעדיג, און אויף אַזאַ פּראָסט אידיש מאַמע־לשון, אַזוי ווי איהר מענדעל קען שרייבען און אַזוי ווי ער ווייסט, אַז זי קאָן לייענען. אָבער דער בריעף, וואָס זי האָט אויף איהם אַזוי לאַנג געוואַרט, עפּעס קען זי גאָר פון איהם קיין טאָלק ניט דערגעהן. אַ סך ווערטער זענען הפּנים אַמעריקאָנער, ענגלישע, און איבער זיי פערשטעהט זי ניט דאָס איבריגע. נאָר פון דעם האָט זי זיך שוין גאָר נישט געקומערט, אַבי מענדעל האָט געשריבען און זי איז זיכער אַז ער לעבט און ער איז געזונד. אָבער פאַר וואָס האָט ער ביילקעס נאָמען אפילו ניט דערמאָהנט? ווער ווייסט וואָס פאַר אַן אומגליק מיט איהר האָט דאָרטען פּאַסירט, אין דעם אַמעריקע?

יענע נאַכט, נאָך דעם וואָס פּעסיע האָט דעם אונפערשטענדליכען בריעף ערהאַלטען, האָט זי אפילו קיין אויג ניט צוגעמאַכט. דאָס האַרץ איז ביי איהר געוועהן אַזוי שווער און טויזענדער טרויעריגע געדאַנקען האָבען זיך נעפּלאָנטערט ביי איהר אין קאָפּ און אַלץ פון ביילקען. אַט האָט זי זיך פאָרגעשטעלט, אַז זי זעהט זי אַ קראַנקע, אַ פערוואונדעטע, אַט אַ טוידטע אַ צו־הרג׳עטע פון אַ שרעקליכען צופאַל, און זי האָט געוויינט, ביטער געוויינט די גאַנצע נאַכט.

ווען עס האָט נאָר אָנגעהויבען צו שאַריען אויף טאָג, האָט זיך פּעסיע אויפגעהויבען פון איהר געלעגער, זי האָט אפילו פערגעסען זיך אָפּצוגיסען נעגעל־וואַסער, און מיט ציטערדיגע הענט האָט זי אָבגעשריבען אַ בריעף צו איהר מענדלען, און זי האָט דאָס פּאַפּיר דורכגעווייקט מיט די טרעהרען וואָס זי האָט פערגאָסען בעת דעם שרייבען. דער גאַנצער בריעף איז געוועהן נאָר איין בקשה צו איהם, „אַז ער זאָל איהר תיכף ומיד אַרויס שרייבען, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט איהר טייער קינד, מיט איהר שעהן אויג פון קאָפּ, מיט ביילקען“. זי האָט נאַטירליך געהאָפט צו השם יתברך און זיך געוואונשען, אַז עס זאָל זיך אויסלאָזען מיט גאָר נישט, און אַז ער מענדעל, האָט

נאר פערגעסען זי צו דערמאהנען אין זיין לעצטען בריעף דורך א טעות, אדער ווייל ער אליין איז עפּעס געוועהן צוטראָגען. און אויב אזוי? זאל ער איהר שוין שרייבען, די מינוט, די רגע, פאר וואס ער איז עפּעס צוטראָגען? פאר וואס האט ער צוערשט געשוויגען גאנצע דריי חדשים און דערנאך אז ער האט שוין אנגעשריבען, ווי סען ער דאס פערגעסען צו דערמאהנען בייליקען? און אויב, די שעה זאל נאר ניט זיין, גאט ברוך הוא האט זי מיט עפּעס געשטראָפט פאר איהרע זינד, וואס זי פיהלט זיך נאר ניט אין זיי, נאר א מענש אימשטיינס געזאגט זינדיגט דאך אמאהל בשוגג אויך, און ער האט עפּעס אנגעשיקט אַז אומגליק אויף איהר טייער קינד, אויף ביילקעלען, וואס איז נעבאך נע ונד אהן איהר מאמען אין אמעריקע? זאל ער איהר אויך, די מינוט, די רגע, ארויס שרייבען, אין וואס דער אומגליק בעשטעהט? ווייל ווי גרוים דער בראך זאל ניט זיין, וועט זי דאס אננעהמען פאר ליעב פון זיין ליעבען נאמען און זי וועט ביי איהם בעטען געזונד מיט גליק פאר די איבעריגע קינדער וואס זענען ביי איהר אין דערהיים. נאר זי וויל אלצדינג וויסען, ווייל דאס ניט וויסען איז טויזענדער מאהל ערגער. דער מח טראכט אזוי פיעל איבער, אז זי האט מורא זי זאל חלילה, שונאי ישראל, ניט געהן פון זינען. על כן בעט זי איהם נאך אמאהל, תיכף ומיד, ווי ער וועט נאר מקבל זיין דעם מכתב, אויף איהר רחמנות צו האבען, ווארען זי דארף נאך זיין א מאמע צו איהרע קינדער און איהר באלד לאזען וויסען, וואס טהוט עפּעס ביילקעלע? אדער וואס האט חלילה מיט איהר געטראָפען? ווארען זי וועט דאס נאר ניט ארבערטראגען“.

—2—

ווער קען אפשילדערען פּעסיעס לאגע אין דער צייט וואס איהר בריעף איז געפאהרען קיין אמעריקע און זי האט געווארט אויף איהר מענדעלס ענטפער? יעדען טאג האט זי גאט געבעטען, אז עס זאל שוין גיכער נאכט ווערען, און דורך די נעכט האט זי ווידער געבעטען גאט, אז ער זאל שנעלער שיקען דעם טאג, אז די צייט זאל אנטלויפען,

איבערריאַגנען, און זי זאָל וואָס גיכער בעקומען איהר מענדעל׳ס ענטפער. עס איז גאָר ניט צו בעשרייבען די געדאַנקען וואָס זי האָט איבער־געטראַכט, די געפיהלען וואָס זי האָט איבערגעפיהלט, די אומגליקען וואָס האָבען זיך אַפּגעמאָהלען אין איהר פאַנטאַזיע.

כמעט יעדען טאָג, איז זי אָפּגעשטאַנען לאַנגע שטונדען ביי דער טיהר פון איהר דירה און האָט אַרויסגעקוקט אויף דעם בריעפּענטרעגער, אפשר ברענגט ער איהר שוין מענדעל׳ס ענטפער. און פיעלע מאָהל, ווען זי איז אַזוי געשטאַנען ביי דער טיהר און זי האָט מיט איהרע טרעהרען־פולע אויגען געקוקט העט, העט, ווייט צו דעם האָריזאָנט, האָבען איהרע מחשבות זי אַוועקגעטראָגען אַהין, וואו הימעל און ערד בעגעגענען זיך, וואו עס איז שוין אפשר עק וועלט, וואו אַמעריקע ליגט ערגעץ, און עס האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אַז זי זעהט, ווי דורך אַ נעבעל, די גרויסע שטאָדט ניו יאָרק, וועלכע, איהר מענדעל האָט איהר געשריבען, איז די גרעסטע אין דער גאַנצער וועלט, און זי זעהט די לאַנגע שמאָהלע גאַסען, הויכע שפּיציגע דירות, מויערען, מיט גרויסע, גרויסע פאַבריקען, אין וועלכע עס אַרבייטען הונדערטער און טויזענדער מענער, פרויען, יונגעלייט, מיידלאך און אפילו קינדער. און איהרע אויגען האָבען געזוכט איהרע איינעמע, איהר מענדעלען מיטביילקען, וועלכע געפינען זיך זיכער דאָרטען, און עס האָט זיך איהר אויסגעדאַכט, אַז אַט זעהען זיי ביידע, אַט פאַלט זי אויף זייערע העלזער און זיי אומאַרמען זיך, און זי האַלדזעט זיי און קושט זיך מיט זיי, און זי הערט ווי זיי דערצעהלען איהר אַז זיי האָבען נאָך איהר שרעקליך געבענקט ווי זי נאָך זיי, אָבער מעהר וועלען זיי זיך שוין נישט צושיידען, זיי וועלען שוין תמיד זיין אינאיינעם, און איהר מענדעל זעהט דאַנקען גאָט אויס אַזוי גוט, און ביילקע איז אָהן אַן עין הרע, אַ מויד אין זיבען פאַלעס, און שעהן ווי אַ בת מלכה, און עס איז איהר אַזוי גוט אין זייער אומאַרמונג, אַזוי וואַרעם אַנגענעהם, אַזוי מחיה׳דיג גוט... נאָר פּלוצים האָט זי דערהערט נעבען זיך דאָס קול פון אַ שכנה, וועלכע איז־פאַרביי געגאַנגען און האָט זי געפרעגט, „פאַר וואָס זי שטעהט עפּעס אַזוי און דרעמעלט נאָר?“ און זי האָט

זיך אויפגעכאַפּט פון דעם זיסען חלום, האָט אָוועק געווישט אַ פּאָר טרעהרען וואָס זענען פערגליווערט געוואָרען אויף איהרע איינגעפאַלענע באַקען, און זי איז צוריק אריינגעגאַנגען אין שטוב אריין אַ טרויעריגע, אַ דערשלאָגענע, אַ פערצווייפעלטע.

פּונקט אין פיער וואָכען ארום האָט דער בריעפענטרעגער ענדליך געבראַכט צו פעסיען אַ בריעף פון אַמעריקע. ווען זי האָט דעם בריעף פון זיין האַנד ארויסגענומען איז זי שטאַרק בלייך געוואָרען. דאָס האַרץ איז איהר שרעקליך שווער געוועהן עם האָט איהר פאַראויסגעזאָגט אויף עפּעס ניט גוטעס, און ווייל איהרע קינדער זענען קיינס אין דער היים ניט געוועזן האָט זי געבעטען דעם בריעפענטרעגער אַז ער זאָל ביי איהר אַ ביסעלע פערציהען ווייל זי האָט מורא געהאַט אַליין צו פערבלייבען. מיט ציטערדיגע הענט, אַזוי ווי געליימטע, האָט זי גע־עפענט דעם בריעף און ווען זי האָט איהם נאָר אָנגעהויבען צו לעזען, האָבען די אותיות פאַר איהר געטאַנצט אַזוי שוואַרץ איז איהר געוואָרען פאַר די אויגען, דער קאָפּ האָט זיך ביי איהר פערדרעהט און זי איז געפאַלען אין אַהנמאַכט.

דערנאָך ווען זי איז צו זיך געקומען, האָט זי ערשט איבערגעלייענט דעם שרעקליכען בריעף, וועלכער איז געוועהן קורץ און צו דער זאַך. „מיין טייער ווייב“, אַזוי האָט מענדעל געשריבען, „דו מוזט זיך שטאַרקען די שרעקליכע בשורה צו פערנעמען. עס איז מיר אודאי ווינד און וועה, אַז איך דאַרף דיר אַליין אַזאַ וויסטע בשורה שרייבען, נאָר מסתמא וויל גאָט ברוך הוא אַזוי. מיר האָבען שוין מעהר ניט קיין קינד, מיר האָבען פערלאָרען אונזער ביילקען“...

האָט פעסיע נאָך בעדאַרפט רייִנערע דבורים? דער אומגליק איז פאַר איהר געוועהן קלאָהר. איהר טאָכטער איז געוועהן טוידט, גע־שטאָרבען איז איהר ביילקע, איהר ערשטע גערעטעניש, און זי האָט געריסען קריעה, האָט אָנגעצונדען אַ ליכט און אַוועק געשטעלט אַ גלאָז וואַסער אויפ׳ן פענסטער, אַנטשעפּענדיג אַן דער שאַלאַוואַניע אַ שטיקעל ווייסע לייווענט, און זי האָט זיך געזעצט שבעה און בע־וויינט איהר טויִדטע טאָכטער...

**—3—**

**פון זינט פעסיע איז צו איהר שכל געקומען און זי האָט געהערט** פון אַמעריקע, האָט זי עס קיינמאָהל ניט ליעב געהאַט. זי האָט דורכאויס ניט געקענט פערשטעהן פאַר וואָס אַזוי פיעל מענשען שטעלען זיך ממש איין דאָס לעבען, מאַכען אַזאַ ווייטע און שווערע נסיעה, אַזש איבער דעם ים הגדול, און פאָהרען אַהין קיין אַמעריקע, וואו, לויט מען דערצעהלט, שיינט גאָר די זון דאָרט קיינמאָהל ניט. ערשטענס, ווייל דאָס ליגט ערגעץ פשוט אונטער דער ערד און צווייטענס, ווייל די שרעקליך הויכע מויערען פערשטעלען די שיין פון דער זון ווען זי קומט שוין יאָ אַמאָהל אַהין צו; הייזנט די גרויסע שרפות, די מינען און באַנען אומגליקען, וואו עס קומען אום הונדערטער און טויזענטער מענשען אין איין אויגענבליק, לויט ווי דאָס בלאַט־צייטונג שרייבט. דאָס האָט פעסיען גאָר אַנגעשראָקען און זי האָט אַמעריקע פיינט געהאַט ווי אַן אמת׳ער הערליכער איד האָט פיינט חזיר, און זי האָט דערפון קיינמאָהל ניט געוואָלט הערען, זאָגאַר דאַן ווען איהר האָב און גוטס איז בערויבט געוואָרען אין דער צייט פון פּאָגראָם און זי מיט איהר הויז געזינד זענען אַרויס כמעט נאָר אין די הוילע העמדער. נאָר ווען איהר מענדעל האָט אַנגעהויבען שטאַרק צו טראַקטירען פון געהן קיין אַמעריקע און זי האָט געזעהן אַז עס איז קיין אַנדער אויסוועג נישטאָ, האָט זי נאָר איינגעשטימט, אַז צוערשט זאָל נאָר פאָהרען מענדעל מיט איהר עלטסטער טאָכטער מיט ביילקען, און זי מיט די איבעריגע קינדער זאָלען אפשר פאָהרען העט, העט שפּעטער מיט יאָהרען. אָבער זי האָט נאָר געהאָפט, אַז ווען מענדעל מיט ביילקען וועלען נאָר צונויף שלאָגען עטליכע דאָלער, און אין רוסלאַנד וועט שטילער ווערען, זאָלען זיי, דאָס הייסט איהר מענדעל מיט ביילקען צוריק אַהיים קומען און זיי זאָלען ווידער זיין אינאיינעם ווי פריהער, און פון דער צייט וואָס זי מיט די איבעריגע קינדער וועלען אויך פאָהרען קיין אַמעריקע האָט זי גאָר ניט געוואָלט טראַכטען. און כאָטש מענדעל האָט פון אָנפאַנג איהר געשריבען גוטע בריעף, און ער האָט זי פערזיכערט, ווי מען זאָגט, אַז דער שד איז ניט אַזוי שוואַרץ ווי מען

שטעלט איהם פאר, אז אמעריקע ליגט ניט אונטער דער ערד און אז ס׳שיינט דארט אזא גרויסע זון ווי אין רוסלאנד, און אז די מדינה איז א גרויסע, א פרייע און א רייכע; איי עם פאסירט אמאהל אן אומגליק? נו, דערויף איז דאך דאס אן אונגעהויער גרויסע לאנד און ווי וועמען עס איז בעשעהרט. ווארען ווען עס זאל אין דערהיים נאר קיינמאהל מיט קיינעם קיין אומגליק טרעפען וואלט מען דאך געמעגט אויסמעקען פון דעם יום כיפור׳דיגען דאווענען דעם „מי באש ומי במים“, אבער פעסיע איז נאך פונדעסטוועגען אלץ געווען ווייט פון אמעריקע, אפילו אין די געדאנקען.

נאר די טרויעריגע בשורה פון איהר טאכטער׳ס פריהצייטיגען טוידט האט אויף פעסיען אנגעווארפען א שרעקליכען אומעט. א מורא׳דיגע פערצווייפלונג האט אנגעפילט איהר הארץ און זי האט אנגעהויבען שטארק צו בענקען נאך אמעריקע. אבער זי האט ניט געבענקט נאך די גרויסע, פרייע און רייכע מדינה, אדער נאך דער גרויסער שטאדט ניו יארק, מיט די לאנגע שמאלע גאסען, הויכע שפּיציגע מויערען און גרויסע פאבריקען, האט אפילו ניט געבענקט נאך איהר אייגענעם מאן, איהר מענדלען; נאר עפּעס נאך אן אונ־בעוואוסטען ארט, נאך איין קליין שטיקעלע פלאץ, נאך איין שמאל נידעריג בערגעלע ערד ערגעץ אויף א בית עלמין דארט, אונטער וועלכען עס ליגט דער שעהנער, צארטער יונגער קערפּער פון איהר טויטער טאכטער, פון איהר ביילקען. אן אונגעהויערע קראפט האט זי געצויגען אהין, צו דער ערד, וועלכע האט איינגעשלינגען איהר קינד, זאל זי כאטש צודריקען איהר מוטער־הארץ צו דעם קבר און פייכט מאכען דאס גראז וואס וואקסט דארטען מיט איהרע הייסע מוטער־טרעהרען. און זי האט ניט געוואלט קיין צייט פערלירען, און האט באלד אנגעהויבען צו שרייבען לאנגע בריעף צו איהר מענדלען, און איהם געבעטען, אז ער זאל זיך אויף איהר דערבארמען און וואס שנעלער זי ארויסנעמען מיט די קינדער קיין אמעריקע, אפשר וועט זי ווערט זיין דארטען מיט איהם אינאיינעם אויפ׳ן ארט, וועט זי זיך מעגען טרייסטען און געטרייסט ווערען, און איבערטראגען דעם

גרויסע אומגליק און פערלעשען דעם העלישען פייער פון דעם שרעק־ליכען בענקעניש נאך איהר קינד, נאך איהר טאָכטער, וואָס ברענט ביי איהר אין הארצען און פערברענט זי.

אומזיסט האָט איהר מענדעל געשריבען, אז ער טראַכט גאָר פון פאָהרען צוריק אַהיים, אַז די צייט איז גאָר ניט אַמבעסטען אין אַמעריקע, אַז עס איז פיעל בעסער פאַר איהר דאָס זי זאָל בלייבען אין דערהיים, וויילֹ פון דערווייטען וועט זי ניכער קענען פערגעסען... זי האָט פון גאָר ניט געוואָלט וויסען. זי האָט נאָר געוואָלט זיין דאָרטען וואו איהר יונגע, שעהנע, טאָכטער ליגט בעגראָבען, אַז זי זאָל קענען בעזוכען אָפט איהר קבר, אַז זי זאָל ניט בלייבען ליגען דאָרטען אונבעוויינט, גלייך ווי זי איז פון אַ שטיין געבאָרען... און ווען זי האָט ענדליך ערהאַלטען די שיפסקאַרטען מיט די נויטיגע הוצאות, האָט זי שנעל פערקויפט איהר ביסעל בעל־הבית־ישקייט, כמעט פאַר האַלב־פּרייז, כדי זי זאָל וואָס גיכער אַוועקפאָהרען קיין אַמעריקע.

—4—

אויף דער גאַנצער לאַנגער רייזע, וועלכע האָט געדויערט מעהרער פון דריי וואָכען, איז פּעסיע געוועזען מעהרער טויט איידער לע־בעדיג. זי האָט זיך מיט אַלעמען פערלאָזט אויף איהר עלטסטען קינד, אַ אינגעל פון אַ יאָהר פופצעהן, וועלכער האָט אַליין געקויפט די באַך בילעטען, אַליין בעזאָרגט די געפעק, אַליין איינגעהאַנדעלט די שפייז, זיך אויסגעדונגען און בעצאָהלט און האָט נאָך דערצו אַכטונג געגעבען אויף די איבעריגע קינדער און אויף איהר אַליין אויך. זי איז געוועהן שטאַרק צוטראָגען, נערוועז און בעוואוסטלאָז, זי האָט כמעט גאָר ניט געזעהן און גאָר ניט געהערט וואָס אַרום איהר טהוט זיך און וואָס פאַר איהר איז פאָרגעגאַנגען. פאַר איהרע פערווייינטע אויגען האָט תמיד געשוועבט די שעהנע, ליעבליכע געשטאַלט פון איהר טויטער טאָכטער, פון איהר ביילקען, און עס האָט זיך איהר אַלץ אויסגעדראַכט אַז זי הערט זי קרעכצען און וויינען, גלייך ווי זי וואָלט זיך ביי איהר בעטען אַז זי זאָל זי רעטען, און זי האָט זיך אַליין געמאַכט פאָרווירפע

פאר וואס זי האט איהר ארים קינד אזוי יונג אוועקגעלאזט פון דערהיים, אדער פאר וואס זי איז ניט באלד נאך געפאהרען קיין אמעריקע, אפשר ווען זי זאל געוועהן זיין לעבען איהר און זי אפהיטען און וואכען איבער איהר מיט איהר מוטער־אויג אין דער קראנקהייט וואלט זי איהר אפשר געוועהן אפגעראטעוועט.

אזעלכע טרויעריגע געדאנקען און געפיהלען האבען זי כסדר געפלאגט און אין גאנצען אויסגעמאטערט. און ווען מען האט שוין אנגעהויבען צו זעהן לאנד פון דער שיף, און דערנאך עטוואס שפעטער, ווען פון דעם ווייטען גרויען נעבעל, האבען פאר איהרע אויגען ארויס־געשוואומען די ריעזיגע הויכע געביידעס פון דער גרויסער וועלט־שטאדט, ניו יארק, און דער געדאנק אז דארטען וועט זי שוין מעהר ניט געפינען איהר טאכטער א לעבעדיגע, נאר א טויטע אין קאלטען קבר, האט זיך אלץ שארפער איינגעדרוקט אין איהר מח, איז איהר געווארען אלץ שמערצליכער און פיינליכער; און ווען זי האט זיך ענדליך בעגעגענט מיט איהר פערעלטערטען און שטארק פערענדערטען מאן, איז זי ארויפגעפאלען אויף זיין האלז און האט אויסגעבראכען אין א שרעקליכען יאמער־געוויין, ווי עס קאן נאר וויינען א אידישע מאמע אויף דעם פריהצייטיגען טוידט פון איהר ערשטען געראטענעם קינד.

זעהר שווער איז מענדלען אנגעקומען פעסיען צו בערוהיגען. אויף דעם וועג פון עלים איילאנד ביז אין זיין וואהנונג אויף ארטשארד סטריט, האט זי געהאלטען אין איין שלוכצען, קרעכצען און זיפצען, און אזוי ווי זי איז נאר אריינגעקומען אין הויז אריין האט זי ווידער אנגעהויבען וויינען אויף'ן קול, און אזוי טאג ביי טאג, פאר וואכען און מאנאטען, אלץ בעטענדיג מענדלען אז ער זאל זי פיהרען אויפ'ן בית עלמין וואו איהר קינדס קבר געפינט זיך, און מענדעל האט זי געטרייסטעט, פאמעליך, פארזיכטיג, מיט ווייכע צערטליכע ווערטער, און ער האט זי געבעטען צו פערגעסען אן דער וואס מען דארף ניט געדענקען; אז גאט ברוך הוא וועט איהר אומקעהרען דעם פערלוסט דורך די איבעריגע קינדער, ווען, עס איז איצט איהר

פליכט אָפּצוהיטען, אויסצוכאַוועז און צו זיי זיין א מאַמע; אָבער פעסיע האָט זיך ניט געקענט טרייסטען מיט ווערטער, זי האָט ניט געקענט איינהאַלטען די טרעהרען וואָס האָבען געיאָגט פון איהרע אויגען ווי פון קוואַלען, און מענדעל האָט איהר ענדליך געמוזט צוזאָגען אַז אין פריהלינג וועט ער זי פיהרען אויף איהר ביילקעס קבר, נאָר זאָל זי זיך כאָטש ביז דאַנען בערוהיגען.

ווען פעסיע האָט ענדליך אויפגעהערט צו וויינען און צו קלאָגען איז עס ניט געוועהן דערפאַר, ווייל זי האָט איהר טאָכטער פערגעסען, נאָר ווייל זי האָט שוין מעהר קיין טרעהרען ניט געהאַט. און ווען זי איז אינגאַנצען שטיל געוואָרען און האָט אפילו „אוי" ניט געזאָגט, איז עס ניט געוועהן דערפאַר ווייל זי האָט מעהר איהר שמערץ ניט געפיהלט, נאָר איינפאַך דערפאַר וואָס איהר האַרץ איז שוין געוועזען אַזוי טרוקען און לעער, אַז זי האָט אפילו ניט געקענט אויסהויבען איין זיפץ אָדער אַ קרעכץ. זי איז בלויז אַרומגעגאַנגען שטאַרק דערשלאָגען, פערטרויערט און פערצווייפעלט און זי האָט שטילערהייט געוויינט אין זיך. אויף יעדען שריט און טריט האָט זיך איהר אויסגעוויזען אַז איהר טאָכטער'ס שאָטען געהט איהר נאָך און איהר געזיכט האָט איהר תמיד געשוועבט פאַר די אויגען... דערווייל האָט זי נישט אויפגעהערט צו האָפען אויף דעם פריהלינג, ווען די ווינטען, פרעסט און קעלטען וועלען אַוועק און דער שניי מיט'ן אייז וועלען צושמאַלצען ווערען פון דער וואַרעמער זון, און זי וועט קענען געהן אויף איהר קינד'ס קבר, זיך דאָרטען גוט אויסוויינען, און דערנאָך אם ירצה השם איהר שטעלען אַ מצבה...

איינמאָהל אין איין פריהמאָרגען, ווען פעסיע האָט ווידער גערעדט מיט מענדלען פון זייער טויטער טאָכטער און זי האָט נאָר געוואָלט וויסען פון וואָס זי איז געשטאָרבען און וואו איהר קבר איז, און מענדעל האָט איהר אַלץ געוואָלט אויסריידען דאָס האַרץ, האָט ער זי געבעטען, אַז זי זאָל נאָר אינגאַנצען איין קבר פערגעסען. „פאַר וואָס מוז עפּעס זיין אַ קבר?" האָט ער זי געפרעגט. „קענסטו דיר דען ניט פאָרשטעלען אַ טוידט אָהן אַ קבר? אַז מען קען שטאַרבען

א שרעקליכען טויט און דאך לעבען, אדער זיין לעבעדיג באגראבען?"...
דערנאך האט ער זיך שטארק צוואויינט, ווי א פיצעלע קינד, און וואס פעסיע האט צו איהם ניט אויסגערעדט און וואס זי האט איהם ניט געבעטען, אז ער זאל איהר אלצדינג ערקלעהרען, האט ער זיך ענטזאגט מיט דעם אויסרייד, אז ער קען איהר גאר ניט איבערגעבען זיין שמערץ. פעסיע איז דערפון גאר איננאנצען צומישט געווארען. זי האט גאר ניט פערשטאנען וואס מענדעל קאן מיינען מיט זיינע רייד. „זאל עס מעגליך זיין אז איהר טאכטער איז ניט געשטארבען מיט א נאטירליכען טויט? האט זי זיך אפשר אליין גענומען דאס לעבען? איז זי אפשר דערטראנקען געווארען, פערפאלען אדער פערלארען געווארען, אדער פילייכט האט זי גאר איהר קלאהרען פערשטאנד פארלארען?..." און נאך אזעלכע טויזענדע פראגען האבען זיך געפלאנטערט אין איהרע גערדאנקען. און נייע ספיקות האבען איהר מח געעגבערט, א פרישע פערצווייפלונג, צייטענווייז געמישט מיט עפעס אן אונערקלעהרליכע האפענונג, האט פערקלעמט איהר הארץ.

—5—

דעם זעלבען טאג, ווען פעסיע איז פארנאכט אליין געבליבען אין הויז און זי איז געזעסען פערטיפט אין איהרע טרויעריגע געדאנקען, האט זי פלוצים דערהערט א לייכטען קלאפען אין טיהר.

„קומט אריין! קומט אריין!" האט זי עטליכע מאהל העכער און העכער אויסגעשריען און זי האט געקוקט צו דער טיהר וועלכע האט זיך פאמעלאך געעפענט און עס איז אריין געקומען א יונגע פרוי שטארק פארפודערט.

פעסיע איז פינסטער געווארען פאר די אויגען. דער קאפ האט זיך ביי איהר פערדרעהט, „א גייסט!" האט זי געוואלט אויסשרייען און אנטלויפען, אבער אין דער מינוט האט דאס ווארט „מאמע" א קלונג געטהון אין איהרע אויערען און זי האט ארום זיך דערפיהלט א פאר ווייכע ווארעמע ארעמס און איהר געזיכט איז בעדעקט געווארען מיט

הייסע קושען אויסגעמישט מיט זידיגע טרעהרען, און זי האָט אויך אומגעקלאַמערט, אויך אומאַרעמט און זי האָט היסטעריש ווילד געוויינט און געלאַכט און געקושט און געגלעט איהר טאָכטער, איהרביילקען, וועלכע איז געשטאַנען אַ לעבעדיגע, בלוט און פלייש נעבען איהר און האָט זי אומאַרעמט.

עטליכע מינוטען זענען מוטער און טאָכטער אַזוי געשטאַנען איינגעשלאָסען איינע אין די צווייטעס אָרעמס און האָבען זיך צערטליך געגלעט און געקושט, און האָבען געוויינט און געלאַכט פאַר פרייד און פון איבעראַשונג. נאָר אַזוי ווי דער ערשטער איינדרוק פון דעם פּלוצים׳דיגען גליק איז אַריבער, און פּעסיע האָט אָנגעהויבען צו זיך צו קומען, האָט זי זיך דערמאָהנט אַלעס וואָס זי האָט איבערגעלעבט אין די לעצטע צוויי יאָהר, וואָס זי האָט איהר טאָכטער צווישען די טויטע גערעכענט, און אַזוי ווי זי וואָלט זיך וועלען איבערצייגען אויב זי חלומ׳ט ניט אַצינד, האָט זי פּאַמעלאַך אָנגעפאַנגען זיך צו בעפרייען פון דער אומאַרמונג, און זי האָט לאַנגזאַם גענומען אין איהרע הענד דעם קאָפּ וועלכער איז געלעגען אויף איהר אַקסעל און האָט געבליפּעט, און זי האָט פאַר זיך געזעהען איהר טאָכטער ביילקעס געזיכט. אָבער ניט אַזוי ריין און אונשולדיג ווי זי האָט איהר געדענקט, ווי ווען זי איז פון איהר אַוועקגעפאָהרען, נאָר אַזוי מאָדנע פאַרענדערט און פערגרעבט, פאַרפוידערט און פערשמירט אָן מיט געלע פלעקען דערפון וואָס דאָס קושען מיט די טרעהרען האָבען ערטערווייז אָפּגעוווישט דעם פּוידער; און פון אונטער דעם הוט האָבען אַרויסגעשטעקט מיאוס׳ע שוואַרצע אויף געלע געפאַרבטע האָר... אַ שרעקליכער מיאוסער געדאַנק האָט פּעסיע׳ן פּלוצים אַ קלאַפּ געטהון אין מח און זי האָט זיך מיט ביידע הענט אָנגעכאַפּט ביי דעם קאָפּ. ביילקע האָט געזעהן פּעסיע׳ס ענטוישונג, און אַראָפּלאָזענדיג די אויגען צו דער ערד, האָט זי געפרעגט:

„דו דערקענסט מיך, מאַמע?

„יאָ", האָט פּעסיע שטיל געענטפערט, „איך דערקען דיך".

און אין דער צייט וואָס זי האָט אַרויסגעזאָגט דעם ענטפער, האָט

זיך דער שרעקליכער געדאַנק, וואָס האָט איהר פריהער אַזוי דער־שלאָגען איינגאַנצען ענטוויקעלט ביי איהר אין מוח, קלאָהר און דייטליך, און זי האָט זיך דערמאָהנט איהר מענדעלים רייד פון דעם זעלבען פריהמאָרגען, און זי האָט זיי אַצינד אָנגעהויבען צו פער־שטעהן, די קליידער, דאָס פערפּוידערטע פּנים און די איבערגע־פאַרבטע האָר, האָבען עדות געזאָגט, אַז איהר טאָכטער, איהר ביילקע, איז אַ געפאַלענע, אַ געזונקענע, אַ זינדיגע...

אַ סקרוך איז איבערגעגאַנגען איהר לייב, עס האָט זי אָנגעהויבען צו עקלען צו קוקען אויף איהר טאָכטער, עס האָט זיך איהר אויס־געוויזען גלייך ווי זי זעהט זי אַצינד זיך ראַיען און וואַלגערען מיט שמוציגע, שכור'ע חזירים אין די רינשטאָקען פון שמוץ, פון בלאָטע, פון שיכרות און זנות, און זי האָט פון איהר אָפּגעדרעהט דאָס געזיכט.

„מאַמעניו!" האָט זי אין דער מינוט דערהערט ביילקעס שטימע אונטער זיך, און דאָס געפיהל פון שרעקליכען עקעל איז באַלד פער־שוואונדען פון איהר הארץ און זי איז ווייכער געוואָרען. עס איז איהר תיכף געקומען אין מוח אַריין דער געדאַנק אַז איהר טאָכטער איז אפשר גאָר ניט שולדיג, אַז זי איז נעבעך אַ פערפיהרטע, פער־בלאָנדזשעטע שעפעלע, און דאָס וואָרט „מאַמעניו", האָט אָפּגעקלונגען אין איהרע אויערען אַזוי ווי אַ געבעט פון איהר טאָכטער אַז זי זאָל אויף איהר רחמנות האָבען און זי זאָל זי ניט פערשטויסען פון זיך; און אַזוי ווי זי האָט איהר נאָר אָנגעהויבען מזכה זיין האָט זי זיך אויסגערעדט צו איהר מיט אַ ווייכער, מיטליידענדער מינע, אויף דעם געזיכט, און ביילקע האָט פאַרטגעזעצט.

„מאַמעניו, איך בין זעהר אומגליקליך, איך בין אַן אומגליקליכע!"

אַ ליכטיגער שטראַהל האָט אַ שיין געטהון פאַר פּעסיעס אויגען, זי האָט פאַר זיך דערזעהן אַ האָפענונג צו רעטען איהר קינד, און זי האָט זי צערטליך צוגעצויגען צו זיך און מיט ליעבע און וואַרעמקייט האָט זי איהר שטיל געשעפּטשעט אין אויער אַריין:

„אז מען ווייסט דאָס מען איז אומגליקליך, ראַטעוועט מען זיך, קעהרט מען זיך אום פון דעם שלעכטען וועג“.

„אונמעגליך! אונמעגליך, מאַמעניו!“ האָט ביילקע געענטפערט, און רעדענדיג מיט האָס גאַן מיט שמערץ האָט זי ווייטער געזאָגט, „אַזאַ סאָרט אומגליקליך לעבען איז דאָס שוין; ווען מען פאַלט נאָר אריין אין דעם אַלס אַפּפער, ראַנגעלט מען זיך, קעמפּפט מען און מען וויל ארויס, אבער וואָס ווייטער מען ווערט דערין אריינגעשלעפּט אַלץ טיעפער און טיעפער זינקט מען, און מען זינקט אַזוי טיעף אַז מען קען שוין דערפון ניט ארויס! קיינמאָהל, קיינמאָהל ניט! אריין איז דער וועג ברייט, ארויס שמאָהל!“

„אַז מען איז אַ ערליכע אידישע טאָכטער ווייזט גאָט אַ וועג“. האָט פעסיע זי געפּרואווט פערזיכערען.

„נישטאָ, נישטאָ קיין וועג!“ האָט ביילקע אויסגערופען פער־צווייפעלט אַז איהר געזיכט האָט אויסגעדריקט שרעקליכע ליידען. „מען ווערט דערמיט געוואוינט, ביז עס ווייזט זיך אויס אַז עס קען שוין גאָר אַנדערש ניט זיין, אַז מען בענקט דערנאָך און עס ציהט צוריק. עס רייסט אָפּ פון דער גאַנצער וועלט, צו קיין ערליכער ארבייט קען מען זיך שוין ניט נעמען, און דאָס געזיכט ווערט אַזוי פערענדערט אַזוי ווי געשטעמפּעלט מיט דער שאַנדע און מען קען מעהר צווישען ערליכע מענשען ניט זיין“.

„אבער דו ועסט דאָס יאָ קענען! דו וועסט יאָ קענען!...“ האָט זי פעסיע פערזיכערט, נאָר ביילקע האָט זי ניט געלאָזט ריידען.

„ניין! ניין! שוין קיינמאָהל ניט! ווען מיין מאַן אָדער בעשיצער וועט מיך געפינען וועט ער מיך שלאָגען מכות רצח, אָדער אַז איך וועל זיך אַליין פערבענקען נאָך די קלעפּ וועל איך צו איהם אַנטלויפען...“

„וואָס רעדסטו, קינד?“ האָט פעסיע פערצווייפעלט געפרעגט. „איך וועל דיך בעשיצען און בעהאַלטען!“ האָט זי ווייטער געטענה'ט.

„ניין! ניין! מען דארף ניט, עס איז איבעריג! איך קען שוין אנדערש ניט לעבען!“ האט ביילקע פערצווייפעלט געוויינט און גערעדט און זי האט זיך געוואלט לאזען אוועק געהן, אבער פעסיע האט זי אנגעכאפט, איהר צוגעצויגען צו זיך, זי געקושט און געבעטען מיט רייד און מיט טרעהרען. און וואס מעהרער זי האט צו איהר גערעדט און איהר פערזיכערט אז זי וועט איהר אויסבעהאלטען און בעשיצען פון יעדען איינעם און אז זי וועט מיט איהר אוועקפאהרען אין אן אנדער שטאדט וואו מען קען זי ניט און מען ווייסט זי ניט, און וואו זי וועט ווידער קענען לעבען אן אנשטענדיגען אידישען לעבען, געראטעוועט פון שמוץ, פון שיכרות, פון זנות און פון קלעפ אויף אייביג, אויף אייביג, האט ביילקע אלץ געטענה׳עט אז איהרע רייד זענען אומזיסט, אז זי וועט שוין קיינמאהל אנדערש ניט קענען לעבען... און ווען פעסיע איז א ווילדע און אויפגערעגטע צו געלאפען צו דער טהיר און האט זי געוואלט פערשפארען אום ביילקען ניט ארויסצו־לאזען, האט זי זיך מיט איהר געראנגעלט אזוי ווי אין א פערצוויי־פעלטען קאמף אויף לעבען און טוידט, ביז זי האט פעסיען גובר גע־ווען און זי האט אויפגעריסען די טהיר און זי איז שנעל ארויסגע־לאפען מיט אימפעט ארונטערלאזענדיג זיך פון די טרעפ שרייענדיג, „ניין! ניין! איך קען שוין אנדערש ניט! איך קען שוין אנדערש ניט!...“

מיעד און ערשעפט איז פעסיע געבליבען שטעהן אין דער אפענער טיהר און ווען זי האט געהערט דאס ווידער־קול פון איהר טאכטער׳ס לעצטע ווערטער און דערנאך די לעצטע דומפע אפקלאנגען פון איהר שנעלען אנטלויפען און שפרינגען איבער די טרעפ, האט זי ערשט דערפיהלט אזוי ווי עפעס האט זיך טאקע אפגעריסען ביי איהר אין הארצען. זי האט צונויף גענומען אלע איהרע לעצטע קרעפטען און איז ארייגעגאנגען צוריק אין הויז אריין. און צומאכענדיג אונטער זיך די טהיר, האט זי אויסגעבראכען אין א שטילען, העפטיגען וויינען און איהרע ליפען האבען שטיל געפליסטערט.

„גאטעניו, שוין בעסער טוידט! שוין בעסער טוידט!“

# שפּעט ביי נאַכט

די יונגע מיסעס וויינגאַרטען איז שטאַרק מיעד און צובראָכען פון דעם פערגאַנגענעם טאָג. פון גאַנץ פריה ביז שפּעט נאָך סאַפּער האָט זי געאַרבייט שווער און ביטער, איבער איהרע כוחות. חוץ קאָכען און ראַמען, האָט זי אויסגעוואַשען, אויסגעטריקענט און צוביגעלט עטליכע דוצענד וועש; די בייבי איז געווען דעם גאַנצען טאָג קראַנק, און האָט איהר אויך שטאַרק דערקוטשעט, און נאָך דעם סאַפּער האָט זי קוים צוואַשען די כלים, און נאָך איידער זי האָט צו דעם מאַן א וואָרט אַרויסגערעדט, האָט ער זיך פעררויכערט א סיגאַרעט און איז זיך שטיללערהייט אַרויס פון הויז. און ווען עס איז איהר מיט פיעל שווערער מיה געלונגען די בייבי איינצושלעפערן, איז זי גע־בליבען זיצען ביי דעם קיטשען טישעל מיט דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף ביידע הענט, אַליין, איינזאַם, צווישען די פיער גרינע שטומע ווענט, אונטער דער פערשלאָסענער טיהר, מיט דעם ציטערדיגען פלאַם פון דעם געז־ברענער איבער איהר קאָפּ, און מיט דעם מאָנאָטאָנע טיקען פון דעם וועק־זייגער אויפ׳ן מענטעל־פּליים אין איהרע אויערען.

און די שטילקייט אַרום וואַרפט אויף איהר עפּעס א פּחד; זי איז מיעד, עס שלעפערט זי, איהרע אויגען שליסען זיך צו, אָבער די בייבי, וועלכע שלאָפט אין בעד־רום ראַזדרעכנעט זיך אַלע מאָל, צופּישטשעט זיך און וועקט זי אויף. זי הויבט שווער אויף דעם קאָפּ, וואַרפט א נערוועזען בליק אויפ׳ן מענטעל־פּליים צו דעם זייגער, פון דעם זייגער קוקט זי צו דער טיהר און צו דעם פּעטענט־שלאָס, א שטילער זיפץ רייסט זיך אַרויס פון דער טיעפעניש פון איהר הארצען און זי לעגט ווידער אַוועק דעם קאָפּ אויף די הענט און דרעמעלט.

און אַזוי דרעמלענדיג טראַכט זי פון איהר מאַן, פון זיין קאַלטער בענעהמונג צו איהר פון באַלד נאָך דער חתונה, פון זיין אַוועקגעהן

יעדן אָוונט און אויסבלייבן ביז עט, עט שפּעט, אַמאָל ביז האַלבע נאַכט, און זי פּיהלט אַז עפּעס דריקט איהר און שטיקט איהר צו וויינען...

דאָס קינד צוואוויינט זיך פּלוצים אויפ'ן קול און וועקט זי אויף פון דעם דרעמעל; פויל, גענעצענדיג, געהט זי אריין אין בעד־רום, בויגט זיך אָן איבער דעם קינד און געבענדיג איהם די ברוסט צו זויגען, הוידעט זי לייכט דאָס וויגעלע און זינגט שטילענקערהייט אונטער דער נאָז אַ טרויעריגען ליו־ליו־ליו.

און בעת זי זינגט אַזוי שטיל דאָס לידעלע קוקט זי מיט אָנגעפּילטע אויגען אין קיך אריין, וואו זי זעהט דעם פּלאַם פון דעם גאַז־ברענער ציטערען און פּלאַטערען, און זי הערט דאָס טיקען פון דעם זייגער; אָט קלינגט ער שוין צוועלף, און ער איז נאָך ניטאָ, ווער ווייסט ווען ער וועט שוין קומען די נאַכט; און דאָ ארום איז אַזוי שטיל! אַזוי אומעטיג! אַזוי מורא־דיג!... און זי דערמאָנט זיך, אַז ערשט צוריק מיט צוויי, דריי יאָהר, ווען זיי זענען נאָך חתן־כלה געווען, איז גאָר אַנדערש געווען. יעדען אָוונט פלעגט ער צו איהר פּינקטליך קומען און פלעגט איהר דערצעהלען אַז ער האָט נאָך איהר דעם גאַנצען טאָג שטאַרק געבענקט, און ווי גוט, ווי פערגעניגענד זיי פלעגען די אָוונדען פערברענגען!... אפשר טויזענטער ליעבעס־ערקלעהרונגען האָט ער פאַר איהר געמאַכט און פלעגט איהר קאָפּ, איהר געזיכט מיט די הענט, מיט הייסע, הייסע ליעבעס־קושען בעדעקען. היינט דאָס שפּאַצירען, דאָס אַרויספאָהרען, די טעאַטערס, קאָנצערטען מיט אונטערהאַלטע, וואו זיי פלעגען געהן. עס איז געווען אַ שעהנע, גאָלדענע, גליקליכע צייט!... אָבער אויף נאָך דער האָכצייט האָט ער איהר נאָך מעהר, נאָך טויזענד מאָל מעהר פערשפּראָכען, און זי האָט זיך נאָדמעהר פאַרגעשטעלט, און וואו איז דאָס אַלעס יעצט?....

באַלד נאָך דער חתונה איז אַלעס וואָס איז צווישען זיי געוועהן שעהן, ריין, פּאָעטיש, ראָמאַנטיש און אינטערעסאַנט, פאַרשוואונדען

געוואָרען מיט אַזאַ מערקווירדיגער שנעלקייט, און אַ קאַלטע, פּראָ־זאאישע, ביזנעס־מעסיגע האַנדלונג האָט זיך צווישען זיי ווידערהאָלט טאָג ביי טאָג, הוצאה, הכנסה, רענט, לעבענס־מיטעל, אַרבייט, שווערע אַרבייט, גרויסע און קליינע ווײַדזשעס, ביזי, סלעק, סטרייק, סעקען, סטאָפּען, אַ תכלית, אַ ציעל, און ז. וו... דערווייל האָט זיך צו איהם צוגעוואָרפען אַ מאַגען־קאַטאַר, איהר האָבען גענומען וועה טוהן די צייהן; האָט ער אָנגעפאַנגען צו ליידען פון קאָפּ־שמערצען און האָט געמוזט אָנטוהן אויגען־גלעזער, האָט ביי איהר גענומען רינען פון אויער, האָט מען מעהר ניט געהאַט צו טוהן נאָר אַרבייטען פון דאָקטאָר און אַפּטייקערס וועגען; און דאָ איז זי פערגאַנגען אין שוואַנגערען, פון אָנפאַנג איז זי גלאַט אַזוי קראַנק געוועהן, דערנאָך אַז זי איז געקומען אין די הויכע מאָנאַטען איז זי געוואָרען אַזוי מאָדנע גרויס און ברייט, אַזוי מגושם, יעדעס אבר איז ביי איהר צוואַוואַקסען גע־וואָרען, די פּיס געשוואָלען, און זי האָט איינפאַך ניט געקענט אַרומ־געהן אויף זיי, נאָר זי איז געלעגען און עס האָט זי געשלעפּערט, און אַזוי איז דאָס לעבען וואָס אַמאָל פּראָסטער, קאַלטער, ערגער, שווערער מיט ווייניגער אינטערעס פאַר זיי בײַדען געוואָרען, און עס האָט איהם געלאַנגווייליגט אין הויז צו זיצען, האָט ער אָנגעפאַנגען אויסצוגעהן, צוערשט איינמאָל, צוויי מאָל אַ וואָך, דערנאָך אַ טאָג איבער אַ טאָג, פון אָנפאַנג אויף עטליכע מינוט, אויף אַ פערטעל אָדער אַ האַלבע שטונדע, דערנאָך איז ער זיך אַוועקגעגאַנגען אַפּטער און אַפּטער און אויף מעהרער צייט, אויף עטליכע שטונדען, ביז ער האָט אָנגעפאַנגען אַוועקצוגעהן רעגעלמעסיג יעדען אָוענד, דאָ צו אַ מיטינג, דאָרט צו אַ לעקטשור, צו אַ גוטען ברודער מאַכען אַ פּי־נאַקעל, און זי איז כסדר אין הויז, טאָג איין, טאָג אויס, נאַכט איין, נאַכט אויס. דעם גאַנצען געהענדיגען טאָג אַרבייט זי ווי אַ שקלאַפין, קאָכט, באַקט, ראַמט, פּוצט, וואַשט וועש, סקראַבעט פלאָאָרס און ניאַנטשעט דאָס קינד; און יעדע נאַכט איז דאָס זעלבע. דאָס זעלבע אַוועקגעהן, און זי בלייבט איינע אַליין צווישען די פיער, גרינע, שטומע ווענט, אונטער דעם פערשלאָסענעם פּעטענט־שלאָס,

מיט דעם ציטערדיגען פלאַם פון דעם געז-ברענער איבער איהר קאָפּ, און דאַס מאַנאַטאָנע טיקען פון דעם וועק-זייגער אין איהרע אויערען.

דאַס טופּען פון שווערע טריט איבער די טרעפּען אין האָל, רייסען פּלוצים איבער איהרע געדאַנקען. זי האַלט איין איהר אָטהעם און הערט זיך גוט צו. זי ווייסט אַז דאָס איז ניט איהר מאַנ׳ס גאַנג, דאָך טראַכט זי ביי זיך: „אפשר איז עס ער?“ אָבער זי הערט דייטליך דורכגעהן אין דעם האָל און דערנאָך קלאַפּען די שווערע טריט ווייטער אויף די טרעפּען אַרויפגעהענדיג צו דעם נעקסטען פלאָר, און דערנאָך העכער, ביז עס עפענט זיך ערגעץ אַ טיהר און יעדער שאָרך ווערט שטיל, שאַ. און זי דערפיהלט ווידער איהר עלענדקייט. איהר איינזאַמקייט; און דאָס טויטע שטילקייט אַרום איהר פילט אַן איהר האַרץ מיט אַ שרעקליכער אימה. און כאָטש דאָס קינד האָט זיך שוין פון לאַנג בערוהיגט און איז איינגעשלאָפען געוואָרען, נעמט זי ווידער לייכט הוידען דאָס וויגעלע, און זינגט ווייטער שטילענקער־הייט דאָס טרויעריגע שלאָף־ליעד, און אַזוי זינגענדיג קומען איהר די טרעהרען אין די אויגען אַריין, און זי צוכליפּעט זיך, צוּוויינט זיך, שטיל, מיט אַ פערשטיקטען איינגעהאַלטענעם געוויין...

# אין שאָטען פון אַלטע עפּעלבוים

עס איז געווען ענדע מאַי, אָבער דער טאָג איז געווען אַ שרעקליך הייסער און דושנער.

מאַקס מיט דזשעניין האָבען דעם גאַנצען טאָג פערבראַכט אין הויז, די טיהרען מיט די פענסטער זיינען אפילו אַלע אָפען געווען. אָבער פון דער שמאָלער, ענגער גאַס איז קיין ברעקעל לופט ניט צו־געקומען, און זיי האָבען געהאַלטען אין איין שוויצען און ווישען פון זיך דעם שווייס. און די צייט האָט זיך געצויגען אַזוי לאַנגזאַם, אַזוי נודנע, אַ מורא!

פאַר נאַכט, האָבען זיי דאָס שוין לעננער ניט געקענט אויסהאַלטען. מאַקס האָט פאָרגעשלאָגען צו נעמען אַ רייד אויף איין אָפענער קאַר אין אַ פּאַרק אַריין, דזשעני האָט גאָר ניט געהאַט דאַגעגען, און פאַר־שפּרעכענדיג איהר מוטער אַז זי וועט אַ היים קומען פאַר פריה, איז זי אוועק מיט מאַקסען צו דער קאַר.

דאָס קיהלע ווינטעלע, וואָס האָט זיי געבלאָזען אין די נעזיבטער אַריין אויף דער אָפענער קאַר האָט זיי ביידען דערקוויקט. זיי האָבען זיך צוגערוקט איינער צום צווייטען, און אַזוי ווי זיי האָבען ניט געהאַט פון וואָס צו ריידען, האָט מאַקס אַראָפּגענומען זיין העט און האָט אָנגעשפּאַרט זיין קאָפּ אויף דזשעני'ס אַקסעל; דזשעני האָט צוגע־טוליעט איהר פולע וואַרעמע באַק צו זיין הייסען שטערען, און אַריינ־לייגענדיג איהר האַנד אין זיינער, זיינען זיי אַזוי אָפּגעפאָהרען דעם גאַנצען וועג ביז די קאַר האָט זיך אָפּגעשטעלט אונטער דער שטאָדט ביי דעם פּאַרק.

ווען זיי זיינען אַרויפגעקומען אויף דעם הויכען באַרג, וואו דער פּאַרק האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט ווייט און ברייט פאַר זייערע

אוינגען, איז די זון שוין אונטערגעגאַנגען. אַרום און אַרום איז געוואָרען וואס אַמאָל טונקעלער, און פון צווישען די געדיכט־באַצווייגטע בוימער האָבען ערטערווייז געפלאַקערט און געפינקעלט די נאָר וואס אַנ־געצונדענע ליכטלאַך אין די לאַנטערנעס. דזשעניין האָט עפּעס ווי דערשראָקען דאָס שעהנע, שטילע בילד צו וועלכען זי איז ניט געוואָהנט געווען, און זי האָט שוין געוואָלט זאָגען מאַקס'ען, אַז זיי זאָלען זיך אומקעהרען, האָט זיך אָבער אין דער מינוט דערהערט אַ שעהן כאָר־גאַנג פון די ווייטערע אַלעען פון פּאַרק פון אַ לוסטיגע פּאַרטיע יונגע מענער און פרויען, וועלכע האָבען דאָרטען אַרומגעבלאָנדזשעט.

„אין דעם שאָטען פון אַן אַלטען עפּעלבוים“ האָבען די ווערטער דייטליך געקלונגען אין דזשעני'ס אויערען מיט אַ זעלטען זיסער, גע־שמאַקער מעלאָדיע, און דאָס געזאַנג האָט מיט אַמאָל פאַרטריבען פון איהר דעם ווילען זיך אומצוקעהרען, און עס האָט זיך עפּעס געצויגען ווייטער אַהין, צווישען יענע ווייטערע אַלעען בוימער מיט די געדיכטע שאָטענדיגע צווייגען. זי האָט זיך לייכט אָנגעשפּאַרט אויף מאַקסען, האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און איהרע אויגען האָבען דערזעהן אַ שעהנעם, לויטערען, העל־בלויען הימעל, בעצירט מיט מיליאָנען מי־ליאַרדען פינקלענדיגע שטערענדלאַך, וועלכער האָט זיך געצויגען וויט, וויט אַרום איהר קאָפּ, אַרום די פיעלע, פיעלע בוימער, אויף וועלכע די שווערע צווייגען האָבען זיך לייכט געשאָקעלט און האָבען מיט דעם שטילען רוישען פון זייערע בלעטער אונטערגעהאָלפען די זינגענ־דיגע. און זי איז געגאַנגען לאַנגזאַם, מיט שטילע, שטילע טריט, איינהאַלטענדיג איהר אָטהעם, כדי זי זאָל חלילה ניט שטערען אויף דאָס מינדעסטע די הייליגע האַרמאָניע.

זיי זענען אַזוי אַפּגעגאַנגען אַ לאַנגע שטרעקע איבער דעם ווייכען גראָז און איבער אויסגעטראָטענע סטעזשקעלאַך. און וואָס ווייטער זיי זיינען געגאַנגען אַלץ שטילער און שטילער איז דאָס געזאַנג געוואָרען ביז די לעצטע טענער האָבען וויניגער און וויניגער זיך געהערט און זענען אין גאַנצען פאַמעלאַך, לאַנגזאַם, אָפּקלינגענדיג אין דער ווייטענס אין אַ ווידער־קול, אַפּגעשטאָרבען. אַן אָנגענעהמע שטילקייט

האט די צוויי ליבענדע אַרומגענומען, פערטראַכט און פערזונקען אין טויזענדערליי געדאַנקען און טרוימען פון זייער גליק זענען זיי אַלץ ווייטער געגאַנגען און האבען געשמעקט די פרישע ריחות פון דעם גרינעם גראָז. און אַ קיהלער אָווענד־ווינטעלע האט געגלעט זייערע צוהיצטע פּנים׳ער.

ווען זיי זענען מיעד געוואָרען פון דעם אַרומגעהן האבען זיי זיך אַנידערגעזעצט אויף דעם גראָז אונטער אַ גרויסען בוים, און די גע־דיכטע, בלעטערדיגע צווייגען איבער זייערע קעפּ האבען פאַר זיי פערשטעלט דעם הימעל, די שטערען, די אַלעען מיט די ליכטלאַך און די לאַנטערנעס, און זיי האבען אַרום זיך נאָר ניט געהערט און נאָר ניט געזען, נאָר פינסטערניש און שטילקייט... מאַקס האט זיך צוגערוקט נעהענטער צו דזשעני׳ן, און אַרומגעהמענדיג זי מיט ביידע הענט האט ער זי צוגעצויגען צו זיך מיט זיין גאַנצער יוגענדליכער קראַפט, און אַוועקלייגענדיג זיין קאָפּ אויף איהר ווייכען אַקסעל האט ער היים געקושט איהר וואַרעמע באַק, וועלכע זי האט שטאַרק געדריקט צו זיינע גליהענדע ליפּען.

„ווי גוט, ווי מחיה דאַ איז צו זיין!... האט ער שטילערהייט גע־שעפּטשעט אין איהר אויער אַריין. זי האט עס געפיהלט און האט דערויף געענטפערט נאָר דער מיט, וואָס זי האט זיך שטאַרקער צו־געטוליעט צו איהם.

„דאָס איז דער גליקליכסטער מאָמענט אין מיין לעבען!“... האט ער ווידער געשעפּטשעט אין איהר אויער אַריין, און זי האט ווידער ניט געענטפערט נאָר זי האט אונטערגערוקט איהר באַק צו זיינע ליפּען און ער האט זי היים און ליידענשאַפטליך געקושט שעפּטשענדיג, „באַטש די גאַנצע נאַכט דאָ בלייבען, און די נאַכט זאָל לאַנג, לאַנג דויערען!...“ זי האט דערויף געוואָלט עפּעס זאָגען, אָבער זי האט ניט געקענט. זי איז געווען באַזויפען פון זיין הייסען אָטהעם; דאָס שטילקייט מיט דעם פינסטערניש אַרום איהר האט זי פאַר׳כישוף׳ט; איהר יונגער קערפּער האט לייכט געציטערט און זי האט געפיהלט, אַז

מאַקס ציטערט אויך; און זיי האָבען זיך נאָך נעהנטער צוגערוקט און נאָך שטאַרקער זיך געדריקט איינער אַן צווייטענס אָרעמס און זיי האָט זיך אויסגעוויזען אַז דאָס פינסטערניש פון דער נאַכט, דאָס שטילקייט פון דער הערליכער נאַטור און אַלעס אַרום זיי שטימט אויך איין אויף זייער גליקליכער פעראייניגונג...

* * *

א קאַלטער רעגענדיגער טאָג אין מאַרטש.

שווערע שוואַרצע וואָלקענס טראָגען זיך אַרום איבער דעם בלייענעם הימעל, פון וועלכען עס פאַלט דעם גאַנצען טאָג אַ גוס רעגען, און אַ קאַלטער, מאַרצאַווער ווינט בלאָזט פון אַלע זייטען און צושמייסט און צו טראָגט דעם רעגען אַהער און אַהין, די סטריטען זיינען פּוסט, לעער און פאַרלאָזען; זעלטען ווען אַז עס באַוויזט זיך אַ לעבעדיגער מענש און לויפט אין איילעניש אַריבער פון איין זייט אויף דער צווייטער, ווי געטריבען מיט אַ בייזער שנעלקייט פון דעם שטאַרקען ווינד. אויף די ברעגעס פון די סיידוואָקס און אין מיטען די נאַסען ליגען איבעראַל איבערגעקעהרטע אמברעלאַס, צובראָכענע סיינס מיט אָרונטערגעריסענע אָונינגס, וועלכע האָבען ניט געקענט ביישטעהן דעם קאַמף מיט דעם פערניכטענדען ווינט־שטורם. אַלעס אַרום זעהט אויס ווי א חורבן!...

אין מיטען פון דעם גרויסען נאַטור'ס חורבן, דורכגענעצט און דורכגעווייקט פון דעם רעגען, אויסגעמאַטערט און נעפּייניגט פון שאַנדע, פון שמערצען, פון אינערליכע ליידען, פאַרקיהלט און פאַרגליווערט פון דעם ווינד, שטעהט דזשעני מיט איהר דריי־וואָכעדיג אַלטע בייבע אין איהרע אָרעמס, אונטער איין אַלטען צוריסענעם אָונינג פון אַ קאָרנער גראָסערי סטאָר, אַנגעשפּאַרט אין דער נאַסער וואַנד.

זי איז ערשט היינט אַרויס פון דעם סיטי האָספּיטאַל, וואו זי האָט מיט דריי וואָכען צוריק געבוירען איהר קינד; און אַזוי ווי זי

האָט נאָר פאַרלאָזען די פערי, וועלכע האָט זי געבראַכט פון דעם אינזעל האָט זי פערכאַפּט דער גוס־רעגען.

קוים, קוים וואָס די בייבי פישטשעט נאָך. דזשעני פיהלט אַז עס איז מעהר אַ שטיק פאַרגליווערט אייז וואָס זי האַלט אין איהרע אָרעמס איידער אַ לעבעדיג וועזען. וויפיעל זי קען נאָר וויקעלט זי דאָס קינד אַרום מיט איהר דינעם זומערדיגען דזשעקעט, און בוינט אַלע מאָל צו איהר מויל צו דעם קינד און טרייעט דאָס מיט איהר אָטהעם צו דערוואַרעמען. אָבער דער קאַלטער, שמייסענדער רעגען מיט דעם שניידענדען ווינט זיינען פיעל שטאַרקער פון איהר זומערדיגען דזשעקעט, פון איהר אָטהעם וואָס קומט אַרויס פון אַ צובראָכענעם, צו־וועהטאָגטען, פאַרפרוירענעם האַרצען. זי אַליין איז נאַס און פאַר־פרוירען, דער ווינט שאָקעלט מיט איהר אַהער און אַהין, און אַ שניי־דענדע, גיפטיגע קעלט נעהמט דורך איהר גאַנצען, שוואַכען קערפּער און דרינגט אַריין אין אַלע איהרע איברים. איהרע פיס זיינען ווי צוויי שטיקער אייז און זי קאָן זיי שוין קוים באַוועגען; די הענט זיינען ביי איהר בלוי פון קעלט, צונויפגעצויגען און איינגעשרומפּען און דאָס געזיכט שמאַרצט איהר פון אַזאַ מין נודנער נאַסקייט, אויס־געמישט פון איהרע טרעהרען מיט די טראָפּענס רעגען, וועלכע דער ווינט פערטראָגט אַלע מאָל צו איהר. נאָר אין קאָפּ פיהלט זי איז איהר היים, דער מוח ברענט איהר מיט אַ פיבערדיגער היץ פון דעם פייערדיגען געדאַנק, „וואוהין זאָל זי אַצינד געהן מיט איהר קינד? וואו זאָל זי זיך אַהינטאָהן מיט דעם צייכען פון איהר שאַנדע, מיט דער פרוכט פון איהר זינד?... איהר געליעבטער האָט זי פאַרפיהרט, באַ־טריעבט, באַטראָגען און פאַרלאָזען, איהרע עלטערן זיינען איבער איהר אַלט און קראַנק געוואָרען. ווי אַזוי קאָן זי אַצינד צו זיי קומען מיט דעם אונגעזעצליכען קינד אויף איהרע הענט? און וואָס מעהר דער געדאַנק ברענט איהר מוח, אַלץ שטאַרקער דריקט זי דאָס קינד מיט איהרע פאַרשטאַרטע הענד צו איהר קאַלטער טרוקענער ברוסט. דאָס קינד איז איהר גאַנצעס פאַרמעגען! איהר איינציגער פריינד אין דער גאַנצער וועלט! דאָס קליינע נפש'ל איז איהרס! איהר איינען

בלוט און פלייש! ווייטער האָט זי קיינעם, קיינעם ניט אין דער גאַנצער וועלט!... און עס ווייזט זיך איהר אויס, אַז דאָס גאַנצע וויסטעניש אַרום איהר, דער שרעקליכער שטורעם, דער שטאַרקער גוס־רעגען, די פאַרוואָלקענטע מרה־שחורה׳דיגע הימלען, די פאַרלאָזענע סטריטען מיט די נאַסע הייזער צערענען אַלע אויף איהר מיט דעם אונשולדיגען אונגעזעצליכען קינד, און זי דריקט דאָס נאָך שטאַרקער, נאָך פעסטער צו איהר מוטער־האַרץ, ווי צו באַשיצען דאָס פון אַ פּלעצליכען, גרויזאַמען איבערפאַל...

די נאַכט פאַלט צו. אַרום ווערט אַלץ טונקעלער און טונקעלער. דער רעגען ווערט וואָס אַמאָל גערינכטער און שטאַרקער, און דער ווינד בלאָזט מיט אַזאַ מין בייזער ווילדקייט, און וואָיעט און קלאָגט מיט אַזאַ שרעקליך טרויעריגען מאָטיוו, נאָך טרויעריגער פון איהר שיקזאַל. זי פיהלט, אַז די פיס בויגען זיך אונטער איהר און זי קען אויף זיי מעהר ניט שטעהן. אַרום איהר קרעכצען און זיפצען די סיינס, וועלכע דער בייזער ווינט שאָקעלט און וואַרפט אַהער און אַהין, און דער אַלטער צוריסענער אַונינג איבער איהר קאָפּ וואַרפט זיך דאָס אַרויף, דאָס אַראָפּ, אין פערצווייפעלטען קאַמף מיט דעם שטורעם, און איהר ווייזט זיך אויס, אַז אָט, אָט, רייסט ער זיך אָפּ און פאַלט אַרויף אויף איהר און פאַרדעקט זי פון דער וועלט מיט איהר אונגעזעצליכען קינד פון שאַנדע און זינד.

דאָס קינד האָט שוין לאַנג אויפגעהערט אַפילו צו פּישטשען. שטיל און באַוועגונגס־לאָז ליגט עס פאַרשטאַרצט און פאַרפרויערען ווי דער טויט אַליין. ביי דזשעני׳ן גיט עפּעס אַ ציטער אין האַרצען, און דער געדאַנק „אפשר איז עס טויט" פליהט פּלוצים דורך אין איהר ברענענדען מוח, און אין דעם אויגענבליק פאַנגט זי אָן צו טראַכטען פון טויט, פון שטאַרבען, שטאַרבען און פּטור ווערען פון דער גאַנצער מיאוס׳ער, פאַלשער, פאַרדאַרבענער וועלט... און, ווי ניט מיט איהר כוח, גלייכט זי זיך אויס און דערפיהלט די האַרטע שטיינער אונטער איהרע נאַסע, פאַרפרוירענע פיס. מיט אַ גלייכגילטיגער רוהיגקייט צוואַוויקעלט זי איהר דזשעקעט איבער דעם קינד און באַטראַכט עס

גוט. לאַנגזאַם פויגט זי צו איהר אויער צום קינדס הערצעלע און הערט זיך צו, אָבער זי הערט גאָר ניט... דערנאָך פיהרט זי מיט איהר גאַנצען געזיכט איבער דעם פיצעלעם קליינעם, בלויען פּנים׳ל, און גלעט עס ווייך און צאַרט מיט איהרע באַקען, און זי שפּירט נאָר קעלט און פראָסט, גלייך ווי זי וואָלט צוגעלייגט איהר געזיכט צו אַ שטיק אייז. „יא“, טראַכט זי, „עס איז טויט! איצט דאַרף איך נאָך שטאַרבען!“....

און אַזוי ווי זי טראַכט נאָר פון שטאַרבען, אַזוי ווערט איהר פּלוצים וואַרעם אין דעם גאַנצען קערפּער און אַ שוויים באַדעקט איהר לייב. זי עפענט ברייט פאַרנאַנדער די אויגען און זעהט גאָר ניט אַרום זיך; ניט דאַס וויסטעניש, ניט די פאַרלאָזענע, פּוסטע סטריטען, ניט די נאַסע הייזער, אפילו ניט איהר אייגען טויט קינד אין איהרע הענט; עס אַרט זי ניט דער גוס רעגען, זי פערגעסט אַז דעם ווינט, אַז די קרעכצענדע סיינס, און הערט ניט ווי דער אַלטער צוריסענער אונינג איבער איהר קאָפּ ראַנגעלט זיך מיט דעם ווילדען שטורעם. אין איהרע געדאַנקען שטעלט זיך אַצינד פאַר אַ זעלטען, צויבער־שעהן בילד, און זיסע עראינערונגען שווימען אַצינד אויף אין איהר זכרון.

און זי דערמאָנט זיך אַז אַ שעהנעם, אנגענעהמען שטילען מאַיאָווען אָבענד, אויף אַ הויכען בארג, וואו עס שפּרייט זיך פאַרנאַנדער אַ שעהנער, ברייטער פּאַרק, פול מיט שעהנע, געדיכטע אַלעען בוימער מיט פערשיעדענע צווייגען, אַנגעלעהנט אויף איהר געליעבטענס זייט, מיט זיין האַנד אַרום איהר טאַליע, צערטליך געלאַשטשעט פון איהם, געהט זי דאָרט אַרום צווישען די טונקעלע אַלעען; אַרום און אַרום פלאַקערען שעהנע ליכטעלעך און לאַנטערנעס, און פון אויבען איבער איהר קאָפּ פינקלען פייערדיגע שטערענדלאַך אין הימעל. און העט, העט פון ווייטענס הערט זיך דאָס לוסטיגע זינגען פון אַ סך יונגע שטימען: „אין דעם שאָטען פון אַן אַלטען עפּעלבוים“, און דער שעהנער, אויסגעשטערנטער הימעל, די פלאַקערדיגע פייערלאַך אין די לאַנטערנעס, די געדיכט־באַצווייגטע בוימער צוזאַמען מיט דעם שעהנעם געזאַנג ציהען זי צו מיט אַ צויבערהאַפטע קראַפט און שושקען

איהר אין די אויערען טויזענדער סודות פון ליעבע און גליק. עס איז אַזוי גוט דאָ צו שפּאַצירען! עס איז אַ מחיה דאָ ארומצוגעהן און צו שמעקען די ערקוויקענדע ריחות פון די גרינע גראַזען מיט די גערוכיקע בליהונגען!... און עס איז אויך ווייך און באַקוועם צו ליגען אויף דעם גרינעם גראַז־בעט איינגעשלאָסען אין זיינע אַרעמס!... און ער שעפּ־טשעט איהר אין אויער אַריין, „דאָס איז דער גליקליכסטער מאָמענט אין מיין לעבען!" ביי איהר איז דאָס אויך אַזוי, און זי גלויבט איהם. און ער קושט זי און שעפּטשעט ווייטער: „האָטש די גאַנצע נאַכט דאָ בלייבען, און די נאַכט זאָל לאַנג, לאַנג דויערען!"... און עס איז אַזוי מחיה'דיג גוט!... אַזוי מחיה'דיג אַנגענעהמען!... אַלעס ארום איז שאַ, שטיל, עס הערט זיך נאָר דאָס קלאַפּען פון איהרען מיט איהר געליעבטענס הארץ...

דזשעני דערפיהלט פּלוצים אַ שטאַרקען שטאָך אין ברוסט. דאָס בילד פערשווינדט שנעל פון איהר אויפגערעגטער פאַנטאַזיע, און זי דערזעהט וואָס אַרום איהר טוהט זיך, ווי זי איז און וואָס עס איז פון איהר געוואָרען. אַצונד פערשטעהט זי שוין, וואָרום ער האָט געוואָלט, אַז יענע נאַכט זאָל אַזוי לאַנג דויערען, ווייל מעהר ווי אויף איין נאַכט פון איהר פערגעניגען צו האָבען האָט ער זי ניט געוואָלט... און זי האָט איהם געליעבט און געגלויבט, געגלויבט און געטרויט, און ער האָט זי פערפיהרט און באַטריעבט, באַטריעבט און באַטראָגען, באַטראָגען און פערלאָזען, צו אַ טרויעריגען, גרויזאַמען שיקזאָל פון שאַנדע, פון שמערצען, פון עלענד און נויט... „אַך, פאַלשער!"... ווייל זי אויסשרייען, אָבער די ווערטער בלייבען ביי איהר שטעהן אין האַלז, אַ טויטע בלאַסקייט פערדעקט פּלוצים איהר געזיכט, איהרע ליפּען פערקרימען זיך פון אַ שרעקליכען וועהטאָג, אַ שטאַרקער קראַמפּ דרייט זי צונויף, און דער גרויזאַמער, בייזער ווינט שליידערט זי אום אַ טויטע צו די קאַלטע, נאַסע שטיינער פון סיידוואָק.

און אין דער מינוט רייסט זיך אָפּ דער אַלטער אוינינג און פאַלט אַרויף אויף די צוויי מתים און פאַרדעקט זיי...

⟡———⟡

# זי ליעבט איהם נאָך

עס איז שוין פינף יאָהר זייט זיי זענען זיך צוגאַנגען. אין דער צייט האָבען זיי זיך קיינמאָל ניט בעגעגענט. זי ווייסט אַז ער האָט אין דער צייט אויסשטודירט און איז געוואָרען אַ דאָקטאָר. זי אַליין האָט שוין אין דער צייט חתונה געהאַט, געבאָרען און פערלאָרען אַ קינד, און געגט זיך. זיי זענען איינער פון צווייטען זעהר, זעהר ווייט, דאָך פיהלט זי, אַז ער איז איהר זעהר נאָהענט, אַז ער איז ביי איהר אין הארצען...

עס איז געווען לאַנג צוריק. ווי איין רגע האָט ביי איהר אויסגעוויזען דער לאַנגער טאָג אין שאָפּ; די אַרבייט האָט ביי איהר גאָר ניט אויסגעמאַכט — זי האָט געאַרבייט פאַר איהם; זי האָט נאָר געטראַכט פון בעם אָווענד, ווען ער וועט צו איהר קומען און זיי וועלען געהן שפּאַצירען אין גאַס אָדער אין פּאַרק. ער וועט פעסט דריקען איהר האַנד און זי וועט זיך צוטוליען צו איהם, און זיי וועלען זיך איינער דעם אַנדערען דערצעהלען די פּאַסירונגען פון טאָג און ווי זיי בענקען איינער נאָך דעם צווייטען. זונטאָג זענען די שטאָדטישע גאַסען און פּאַרקען פאַר זיי צו ענג געווען; ווייט, ווייט אונטער'ן שטאָדט, ווייט פון דעם רעש און טומעל, פלעגען זיי אַוועק, און דאָרטען דעם גאַנצען טאָג לוסטיג אַרומלויפען, זיך וואַלגערען אויפ'ן ווייכען גראָז, זיך דריקען איינער אין צווייטענס אָרעמס און פערקליגען די הערליכע נאַטור מיט הייסע ליעבעס-קושען.

דער זומער, דער גליקליכסטער זומער אין איהר לעבען, איז אַוועק. אין די אָווענדען פלעגט ער שוין צו איהר ניט קומען; און ווען ער איז אַמאָל געקומען אין אַ זונטאָג, איז ער געבליבען נאָר אויף עטליכע מינוטען און האָט זעהר ווייניג גערעדט. נאָכדעם זענען אַוועק עטליכע

לאַנגע וואָכען און ער איז גאָר אינגאַנצען צו איהר ניט געקומען. זי האָט זיך בעשלאָסען, זיך אָנגענומען מוטה און איז צו איהם אַרויפּ־געגאַנגען. ער האָט איהר אפילו ניט געגעבען די האַנד, ניט געבעטען זי זיצען; ער האָט אַ כאַפּ געטוהן דעם ראָק מיט דעם העט און איז אַרונטער מיט איהר אין סטריט און האַלב בייז, האַלב אין פערלעג־ענהייט, איהר געמאַכט פאָרווירפע פאַר וואָס זי איז גאָר צו איהם געקומען אויף זיין לאָזשי.

איהר מח האָט געברענט, דאָס האַרץ האָט זיך מיט וועהטאָג געריסען. זי האָט איהם אָבער גאָר ניט געזאָגט. זי האָט זיך בע־שלאָסען פון איהם אוועקצוגעהן רוהיג און געלאַסען, אָהן פאָרווירפע און צו טרייען איהם אינגאַנצען צו פערגעסען גלייך ווי צווישען זיי איז גאָר ניט געווען...

---

די ערשטע צייט. אַך, וואָס פאַר אַ שווערע, טרויעריגע, שרעקליכע צייט דאָס איז געווען. זי איז כסדר אַרומגעגאַנגען פערביטערט, פער־צווייפעלט; די טעג זענען געווען אַזוי לאַנג און פינסטער, ווי דער אידישער גלות; ווען זי האָט געאַרבייט האָט זי דאָס געטוהן ווי אַ מאַשינע, ניט ווימענדיג וואָס זי טוהט; צו קיין עסען און טרינקען האָט זי זיך גאָר ניט געקענט נעמען; און ביי נאַכט האָט דער שלאָף גאָר ניט געוואָלט איהרע אויגען שליסען כאָטש אויף איין מינוט. נאָר זי האָט געוויינט, געוויינט און געקוקט אין דער טיעפער, שרעק־ליכער פינסטערניש און געדאַנקען, נאָך פינסטערער פון דער נאַכט, האָבען געברענט איהר מח...

זי איז געוואָרען שרעקליך מאָגער, די באַקען איינגעפאַלען, די אויגען אויסגעלאָשען, אָהן אַ פונק לעבען; מען האָט אין איהר מעהר ניט געזעהן ווי אַ לעבעדיגען סקעלעט.

צוויי יאָהר זענען אוועק און איהרע וואונדען האָבען זיך ביסלעכוויז אָנגעהויבען פערהיילען. זי האָט זיך ווידער אָנגעהויבען בעגעגענען מיט מענשען.

פון חתונה האָבען האָט זי ניט געוואָלט הערען.

מיט דער צייט איז זי אָבער אַלץ שוואַכער געוואָרען. ביי איהר טרייד איז יעדען סיזאָן געוואָרען אַלץ שווערער עפּעס צו פערדיענען, און דאָס טרויעריגע, אונערטרעגליכע לעבען, די פינסטערע, אונבע־קאַנטע צוקונפט אָהן אַ צוועק האָבען זי געשראָקען, און זי האָט געהייראָט.

בעת זי האָט איינגעשטימט צו הייראַטען מיט איהר מאַן, האָט זי גאַנץ ערנסט געמיינט, אַז זי האָט פערגעסען איהר פערגאַנגענהייט מיט דער פערגאַנגענער ליעבע מיט איהר געליעבטען, אַלעס, און אויף אייביג. אָבער באַלד, כמעט פון דער ערשטער מינוט נאָך זייער חתונה, האָט זי ביסלעכווייז אָנגעהויבען צו פערלירען דאָס ביסעל סימפּאַטיע וואָס זי האָט געהאַט צו איהר מאַן און זי האָט דערפיהלט, אַז זי האָט איהם פיינט, אַז זי קען מיט איהם ניט לעבען, און די צייט איז פאַר איהר געווען אַ שרעקליכע מאַטערניש.

נעטרייסט האָט איהר איין געדאַנק: אַ קינד.

איידער זי האָט געהאַט דאָס קינד, ווען זי פלעגט זיך פער־טראַכטען פון איהר געליבטען, פלעגט זי אימער גוט נאָכדענקען וועגען זיין אויסזעהען, און זי האָט זיך נאָר געוואונשען, אַז דאָס קינד זאָל אויך אַזוי אויסזעהן ווי ער, אַז עס זאָל האָבען זיינע מינעס, מיט זיין חן. אַה, ווי שטאַרק וואָלט זי דאַן דאָס קינד ליעב געהאַט...

אָבער דאָס קינד האָט געלעבט בלויז אַ פּאָר וואָכען. שטאַרק, שטאַרק האָט איהר וועה געטוהן דאָס האַרץ. פיעל, פיעל האָט זי דאָס פיצעלע בעוויינט, און ווידער האָט זי דערפיהלט דאָס פוסטקייט פון איהר פערהייראַטען לעבען. און, ניט קוקענדיג אויף קיין זאַך, ניט אויף דעם וואָס זי איז שטאַרק פערעלטערט און פערענדערט גע־וואָרען, ניט אויף דעם וואָס זי וועט אויף דאָס ניי דאַרפען אָנפאַנגען דאָס אָרימע, וויסטע שאָפּ־לעבען, האָט זי זיך באַלד נאָך איהר קינד'ס טויט געג'גט מיט איהר מאַן.

דעם גאַנצען טאָג אַרבייט זי שווער אין שאַפּ אום זיך צו ער־נעהרען. זי וואוינט ביי פרעמדע אונבעקאַנטע מענשען אין אַ פער־וואָרפענע, שטילע געגענד, ווייט פון איהרע אַמאָליגע פריינד און בעקאַנטע און האָט מיט קיינעם קיין שייכות ניט. איהרע אָוועגדען מיט איהרע ,פרייע טעג פערברענגט זי אַליין אין איהר צימער און דער איינציגער, ליכטיגער שטראַהל אין איהר לעבען איז אַלץ נאָך — ער...

⟡———⟡

# די אַלמנה מיט דעם יתומ'ל

די ווייבעל, די אלמנה מיט איהר קינד, דאָס יתומ'ל, האָבען געוואוינט אין אַ בעדֿ־רום אויף דעם טאָפּ־פלאָר פון דעם גרויסען טענעמענט. עס איז איבעריג צו דערצעהלען וואָס פאַר אַ סאָרט טע־נעמענט דאָס איז געווען. נאָר וואָס איז נוגע צו דעם ענין איז דאָס, וואס אין דעם טענעמענט האָבען זיך געפונען אַ געוויסע 35 טענענטס מיט טענענטקעס, מיט אַ 35 מאָל 4 אָדער 5 קינדערלאַך, און מיט נאָך אַמאָל אַזוי פיעל באָרדערס מיט באָרדערקעס. און יעדער פון דעם אונגעהויערען ערב רב האָט געהאַט אַ נאָמען מיט אַ ביינאָמען; נאר דאָס ווייבעל מיט דעם קינד, וועלכע האָבען געוואוינט אין דעם בעדֿ־רום אויף דעם טאָפּ־פלאָר, האָבען קיין אַנדערען נאָמען גאָר ניט געהאַט, ווי „די אלמנה מיט'ן יתומ'ל".

און אַזוי ווי יעדע מיסעס אין דעם טענעמענט האָט געוואוסט אפילו וואָס ביי דער צווייטער מיסעס קאָכט זיך אין טעפּעל, און אַלע מיסעסען האָבען באַלד געוואוסט דעם יחוס מיט דער לעבענס־בעשרייבונג פון אַלע באָרדערס און באָרדערקעס, וועלכע האָבען זיך צו יעדער צייט געפונען אין דעם טענעמענט, אַזוי האָבען זיי כמעט גאָר ניט געוואוסט פון דער אלמנה מיט דעם יתומ'ל. אַז זי איז אַ ווייבעל זענען אַלע געווען איינפערשטאַנען, ווייל זי האָט דאָך אַ קינד, און אַז זי איז אַן אלמנה האָבען זיי זיך געדרונגען דערפון וואָס זי טראָגט שוואַרצע קליידער, נעווים טרויערט זי נאָך איהר מאַן און אַז זי איז אַן אלמנה, איז דאָך איהר קינד אַ יתומ'ל; און צו וואס דאַרף מען זיך גאָר קימערען וועגען אַ שעהנערען נאָמען, וועלכען נאָמען קען מען דען ארויסרעדען מיט מעהר רחמנות, מיט מעהר שברת הלב?... און יעדען פריהמאָרגען, ווען די ווייבעל, די אלמנה,

איז צו דער אַרבייט געגאַנגען, האָט יעדע מיסעס, וועלכע איז אין איהר וועג געקומען, איהר דעם שעהנעם גוט־מאָרגען אָפּגעגעבען, צו איהר אַ טרויעריגען שמייכעל געטוהן, און נאָכגעקוקט איהר מיט סימפּאַטיע און אַכטונג. דאָס יתומ׳ל פּלעגט יעדען טאָג איבערבלייבען ביי דער מיסעס וואו זיי האָבען לאָזשירט, און זי פּלעגט שוין אויף דעם אָרימען יתומ׳ל אַכטונג געבען מעהר, ווי אויף איהרע אייגענע קינדער; און ווען דאָס יתומ׳ל איז אַמאָל צווישען די קינדער אין די האָלס איבער די שטיגען געלאָפען, האָט יעדע מיסעס איהם אַ גלעט געטוהן, איהם געזאָגט, ער זאָל ניט לויפען צו שטאַרק, ער קען נאָך חלילה פאַלען; און אַמאָל דערלאַנגט איהם עפּעס אַ פּרוכט, ווען זיי זענען פון דער סטריט מיט דעם באַסקעט געקומען. אַ קלייניגקייט, אַ יתומ׳ל!...

„ווען זי איז צו מיר געקומען דאָס ערשטע מאָל", האָט אַמאָל דערצעהלט די מיסעס, ביי וועלכען די אַלמנה מיט׳ן יתומ׳ל האָבען לאָזשירט, „איז זי זעהר שוואַך און בלאַס געווען, הפּנים עס איז געווען באַלד נאָך איהר מאַנ׳ס טויט. זי איז מיר פון דער ערשטער מינוט שטאַרק געפעלען געוואָרען. און איך האָב זי כמעט ליעב געקראָגען ווי מיינע אַ שוועסטער, און פון דעמאָלס אָן איז זי מיר טאַקע איינגעבאַקען אין האַרצען, זי איז זיך אַ שטילינקע, אַ צערטליכע, פערמשעפּעט ניט אפילו אַ פליעג אויף דער וואַנד, דער פריהמאָרגען טראָגט זי אַוועק און דער אָוונד ברענגט זי צוריק, אַרבייט נעבעך יעדען טאָג שווער און ביטער פון דעם קינד׳ס וועגען. און ווי זי האָט דאָס קינד ליעב!... איך האָב נאָך אַזאַ משוגע׳נע מאַמע ניט געזעהן; אינדערפריה איידער זי געהט אַוועק צו דער אַרבייט, בויגט זי זיך אַריבער איבער דעם קינד, וואָס שלאָפט נאָך דעמאָלס און קושט דאָס ביז זי צואַויינט זיך, און אַז זי וויינט זיך אויס, קושט זי דאָס ווידער און געהט אַוועק. און אַזוי ווי זי עפענט נאָר די טיהר, קומעדיג פון דער אַרבייט, כאַפּט זי דאָס קינד אויף די הענד, און פאַנגט דאָס אָן קושען, מאַמעלעך מיינע, ווי אַ ווילדע, ווי אַ צומראַגענע! און חתונה האָבען וועט זי שוין קיינמאָל ניט פון קינד׳ס וועגען, נאָר זי וועט אַרבייטען און שפּאָרען געלד וויפיעל זי וועט נאָר

קענען און מאַכען אַ ליט פון דעם קינד. אַט דאָס הייסט אַ מאַמע! ממש זי אַפּפערט זיך פאַר דעם קינד!...״

עס איז געווים איבעריג צו דערצעהלען וואָס די ווייבער פון דעם טענעמענט האָבען געפיהלט צו דער אלמנה נאָך דעם בעריכט. אלע האָבען זי שטאַרק רעספּעקטירט און פאַר איהר כמעט דעם וועג אָפּגעטראָטען. און זי איז זיך אלץ געגאַנגען יעדען טאָג צו דער אַר־בייט, איבערלאָזענדיג דאָס יתומ׳ל ביי דער מיסעס, נאָכדעם ווי זי האָט דאָס אפשר טויזענד מאָל געקושט און געוויינט. און ווען זי איז אין אָוונד אַהיים געקומען, האָט זי דאָס ווידער געקושט און איז געבליבען מיט איהם אין איהר רום ביז זי איז מיט איהם נע־נאַנגען שלאָפען. מען האָט זי קיינמאָל ניט געזעהן ערגעץ אַרויס־געהן און אפילו זונטאָג איז זי אויך געבליבען אין דערהיים, און האָט זיך נעפּונען עפּעס אַן אַרבייט אלץ פאַר דעם קינד׳ס וועגען, העמדע־לאַך, ווייסטעלאַך, הייזעלאַך און אַלעס וואָס אַ קינד דאַרף, און דאָס איז געווען איהר גאַנצעס פערגעניגען. אַמאָל, אַמאָל, אַז זי האָט גאָר קיין אַרבייט ניט געהאַט, פלעגט זי נעמען דאָס יתומ׳ל צו זיך אויף די הענד, איהם שטאַרק צודריקען צו איהר האַרץ און זיך צוזינגען מיט אַזאַ מין טרויעריגע, האַרצרייסענדע מעלאָדיע, אַז דאָס האָט ניט איין טרעהר אַרויסגעריסען ביי די ווייבער פון דעם גאַנצען טענעמענט, וועלכע פלעגען באַלד ווי זיי האָבען נאָר דערהערט איהר קול, אַוועק־וואַרפען אלע אַרבייטען, עפענען די פענסטער און זיך צוהערען בע־דויערענדיג און בעקרעכצענדיג די זינגערין.

איין מאָל, אין אַ פאַרנאַכט, ווען עטליכע ווייבער האָבען זיך צוזאַמענגעטראָפען אין גראָסערי מיט די מיסעס, ביי וועלכע די אלמנה מיט דעם יתומ׳ל האָבען לאָזשירט, און מען האָט וועגען זיי, ווי געוועהנליך אַ געשפּרעך געפיהרט, האָבען אלע גאָר ניט געקאָנט זיך אָפּלויבען פון איהר זינגען. אַ שאָד וואָס זיי קענען ניט כאַפּען די ווערטער! דער מאָטיוו איז גרויסאַרטיג! אַזוי טרויעריג אַז עס צופּט אַזש ביים האַרצען, די ווערטער מוזען נאָך טרויעריגער זיין! די מיסעס, ביי וועלכער די אלמנה האָט לאָזשירט האָט פערקנייטשט

דעם שטערן, עטליכע מאָל זיך אָנגעקראַצט דעם קאָפּ, און געפּרוּאווט צונויפצושטעלען די ווערטער, וויפיעל זי האָט געקענט געדענקען, בעת אַז אַנדער מיסעס האָט שטילערהייט אונטערגעהאַלטען מיט דער מעלאַדיע כדי די ווערטער צוזאַמענצופּאַסען.

די ווייבער האָבען דאָס לידעל אויסגעהערט אויפמערקזאַם און מיט טרויעריגע מינעס אויף די געזיכטער. נאָך אַ קורצער דעבאַטע איז ביי זיי אַלע געבליבען, אַז די אַלמנה האָט נעבאָך געמוזט איהר מאַן זעהר שטאַרק ליעב האָבען, און דער פּאַר וויל זי נעבאָך ניט חתונה האָבען און לעבט נאָר פון דעם יתומ׳לס וועגען, וואָס איז איהר געדעכניש פון איהר טרייער ליעבע. און זייער רחמנות און רעספּעקט צו דער אַלמנה מיט דעם יתומ׳ל איז אַלץ גרעסער און גרעסער גע־וואָרען.

דער מיסעס, ביי וועלכער די אַלמנה מיט דעם יתומ׳ל האָבען לאָזשירט, זענען די ווערטער פון דעם לידעל שטאַרק אין דער נאָז אַריין. זי האָט פון זיי ניט מעהר פערשטאַנען ווי די אַנדערע ווייבער, אַז די אַלמנה האָט איהר מאַן זעהר שטאַרק ליעב געהאַט; זי איז אָבער געוואָרען שטאַרק נייגעריג צו וויסען, ווי אַזוי זי איז צו דער ליעבע געקומען, ווי לאַנג האָט געדויערט ביז זי האָט מיט איהם חתונה געהאַט, און צי איז ביי זיי געווען עפּעס שטערעניש אין דער ליעבע. די מיסעס האָט געוואוסט, אַז אַ ליעבע איז אַן אינטערעסאַנטע זאַך און איהר נייגיר האָט זי נאָך מעהר בעפריינדעט מיט דער אַלמנה, און זי האָט נאָך בעסער אויפגעפּאַסט אויף דעם יתומ׳ל, און זי האָט אָנגעפאַנגען נעמען אַזאַ אינטערעסע אין זייער לאַגע, אַז די אַלמנה האָט איהר בעטראַכט ווי אַ מוטער אָדער אַ שוועסטער איהרע. אין אַז אַווענד, ווען די מיסעס איז צו איהר צוגעשטאַנען מיט ביטעס, אַז זי זאָל פּאַר איהר עפענען איהר שווער האַרץ און איהר דערצעהלען איהר פערגאַנגענהייט, האָט זי איהר ניט געקענט ענטזאָגען, נור זי האָט איהר פריהער בעשוואָרען ביי אַלעס הייליגעס, אַז דאָס זאָל בלייבען אַ סוד ביי איהר, און האָט איהר דערצעהלט דאָס פאָלגענדע:

„עס איז אַ קורצע אָבער אַ טרויעריגע געשיכטע" האָט זי אָנ־געפאַנגען, „אַזוי ווי איהר זעהט מיך, בין איך ערשט 25 יאָהר אַלט און איך בין שוין אַזוי אונגליקליך פון זעקס יאָהר. איך האָב זיך אין מיין מאַן פערליעבט, ווען איך בין נאָך גאָר אַ קינד געווען, קאַרגע זעבצעהן יאָהר בין איך דאַן אַלט געווען; ער האָט געוואוינט נעקסט־דאָר, ער איז געווען אַ שעהנער און אַ געבילדעטער און איך האָב איהם פערגעטערט. ער האָט מיך אויך געליעבט און ער האָט מיך געפיהרט צו לעקציעס, מיר געגעבען ביכער צו לייענען מיט מיר אַליין גלערענט און האָט מיך געוויזען ווי אַזוי אויף דער וועלט און אויף דעם לעבען צו קוקען. מיינע עלטערען האָבען איהם ניט געגליכען, מחמת ער איז געווען אַ פריידענקער און האָט פון אַלע רעליגיעזע זאַכען געלאַכט. דערוויילי בין איך געוואָרען אַ פרייגעזאָננענע און האָב מיט איהם געשטימט. און אַזוי ווי מיינע עלטערן האָבען סיי ווי סיי ניט געוואָלט, אַז איך זאָל מיט איהם חתונה האָבען, האָב איך מיינע עלטערן פער־לאָזען און בין געאַנגען מיט איהם וואוינען".

„ניט חתונה געהאַט?" האָט איהר די מיסעס איבערגעשלאָגען די רייד, און אַ וואָלקען האָט זיך איבער איהר געזיכט פערשפּרייט.

„וואָס הייסט דען חתונה געהאַט, ווען ניט איבערגעבען זיך איינער צום אַנדערען מיט היים־ליעבענדע הערצער?" האָט די אַלמנה איבער־געפרעגט און האָט פאָרטגעזעצט, „מיר זענען זעהר גליקליך געווען, אָבער דאָס גליק האָט ניט פיעל געדויערט. מיין מאַן איז באַלד שטאַרק קראַנק געוואָרען אויף שווינדזוכט. איך האָב איהם באַלד אַוועק־געשיקט קיין קאַלאַראַדאָ און האָב איהם אַפּגעשיקט יעדען סענט וואָס איך האָב נאָר געקאָנט אַפּשפּאָרען, אָבער דאָס האָט פיעל ניט גע־האָלפען. ער איז דאָרטען איין אַ יאָהר אָרום געשטאָרבען".

אַרויסזאָגענדיג די לעצטע ווערטער האָבען זיך צוויי גרויסע טרע־רען אַראָפּגעקייקעלט איבער איהרע באַקען, און צודריקענדיג צום האַרצען דאָס קינד, וועלכעס איז געשלאָפען ביי איהר אויף די הענד, האָט זי דאָס געקושט און געוויינט, און האָט גאָר ניט בעמערקט

ווי ביי איהר מיסעס האָט זיך דאָס געזיכט געמינעט, בעת זי האָט געענדיגט איהר ערצעהלונג און איז זיך גלייכגילטיג ארויסגעגאַנגען פון צימער אהן אַ גוד־נייט.

פון דעמאָלס אָן איז איהר מיסעס צו איהר זעהר גלייכגילטיג געוואָרען. זי האָט איהר איינפאַך אין די אויגען ניט געקענט קוקען. ווער שמועסט רעדען צו איהר אודאי ניט. ווען די אַלמנה איז אריינגעקומען אין קיטשען, איז די מיסעס אַריין אין פראָנט־רום, און פלעגט איהר אינגאַנצען אויסמיידען. און אויף דעם יתומ׳ל, וועלכער איז נאָך אַלץ געבליבען יעדען טאָג ביי דער מיסעס, האָט זי זיך נאָך וועניגער אומגעקוקט ווי אויף איהר קאַץ, און האָט איהם איינפאַך געלאָזט פערשמאַכטען און פערהונגערען. און איין מאָל, ווען דאָס קינד האָט שטאַרק געוויינט און זי האָט צו איהם געשריען: „שאַ ממזר!“ האָט דאָס אַ שכנה אויף דעם פלאָר דערהערט און זי האָט ביי איהר געפרעגט, פאַר וואָס זי בעהאַנדעלט דאָס אָרימע יתומ׳ל אַזוי שלעכט און רופט עס גאָר ממזר. די מיסעס האָט שוין לענגער דאָס ניט געקענט אויסהאַלטען, און ברעכענדיג איהר שבועה, האָט זי דער שכנה אַלעס דערצעהלט, אויסזאָגענדיג:

„וואָס זאָגט איהר ניט צו אַזאַ פּאַרלע, ליעבט זיך איין, האָט אַ ממזר, און מופט נאָך דערמיט צווישען לייטישע מענשען... איך ווייס גאָר ניט ווי אַזוי מען ווערט פון איהר פּטור...“

„מען מאַכט זי פּשוט צו מופען“, האָט יענע זי געראַטהען און האָט באַלד צונויפגערופען אַלע ווייבער פון דעם טענעמענט אויף אַ קאָנסוליום. די ווייבער זענען אַלע ווי פון אַ דונער דערשלאָגען געוואָרען, ווען זיי האָבען די שרעקליכע געשיכטע דערהערט: קללות מיט שימפּווערטער האָבען פון אַלע זייטען גענומען פליהען אויף דער אַלמנה׳ס קאָפּ, און עס איז בעשטימט געוואָרען, אַז אַזאַ חצופה דאַרף מען באַלד מאַכען צו מופען.

דעם זעלבען אָוונד האָט די אַלמנה מיט איהר יתומ׳ל געמופט פון דעם טענעמענט.

# גסיסה

די אַלטע פערעל ליגט אויף איהר בעט אַ גוססטע.

זי איז שטאַרק אונרוהיג, וואַרפט נערוועז מיט די הענט און פיס, איהר טרוקענע ברוסט בעוועגט זיך קוים, און אין האַלז באַרכעלט ביי איהר שרעקליך; איהר שטערען איז באַדעקט מיט אַ קאַלטען טוידטענ־שווייס און איהרע אויגען ציהען זיך איבער מיט אַ גלעזערנעם שטאַרען קוק; איהר הויט ווערט וואָס אַמאָהל בלאַסער און אַלע איהרע געזיכטס־ציגע פערקרומען זיך פון אַ שרעקליכען וועהטאָג. עס איז קענטיג, אַז זי ראַנגעלט זיך צו בעקעמפען דעם טוידט, וועלכער איז אַזוי נאָהענט צו איהר...

צום סוף ווערט איהר אַ ביסעל גרינגער און זי בערוהיגט זיך, די שמערצען לאָזען איהר נאָך און איהרע אויסגעקרומטע איברים גלייכען זיך אויס, און קומענדיג צו זיך אַביסעל, וואַרפט זי צווערשט אַ בליק אויף איהר מאַן, וועלכער שטעהט ביי דעם צוקאָפּענס פון איהר בעט מיט אַן איינגעבויגענעם קאָפּ, פערטרויערט און פערצווייפעלט, דערנאָך קוקט זי זיך אום אין בײדע זייטען פון איהר בעט, וואו איהרע צוויי קינדער, בײדע מיידלאַך, שטעהען פערברעכענדיג די הענט און גיסען מיט ביטערע, ביטערע טרעהרען.

אויף די בלאַסע ליפּען פון דער שטאַרבענדער בעוויזט זיך אַ צופריעדענער שמייכעלע.

אַצינד, ביי דער ענדע פון איהר לעבען, זעהט זי צום ערשטען מאָהל איהר קליינע פאַמיליע שטעהן לעבען איהר פעראייניגט, און אַלע אינאיינעם אינטערעסירען זיך מיט איהר.

איהר מאַן, איהר אַליעזר, וועמען זי האָט תמיד, פון נאָך זייער חתונה, הייס געליעבט, מיט דער אמת׳ער, צערטליכער, צניעה׳דיגער

ליעבע פון א כשר'ער אידישער טאכטער, איז צו איהר אימער געווען פרעמד, גלייכגילטיג און קאלט.

ביי איהם אין הארצען האט אימער געבלוטעט א וואונד פון א האלב דערשטיקטער ליעבע צו אן אנדערער, און מיט איהר האט ער חתונה געהאט, ווייל זיינע עלטערען האבען איהם געצוואונגען דערצו.

פון דאמאלס אן זענען זיי איינעם צום צווייטען זעהר פרעמד געווען, כאטש די וועלט און די לעבענס אינטערעסען האט זיי וואס אמאהל ענגער פערבונדען. זייענדיג פעראייניגט זענען זיי זיך בע־זונדער געגאנגען אין פערשידענע זייטען פון דעם לאנגען לעבענס־וועג.

אומזיסט איז געווען די גוטסקייט, די ערליכקייט, די ליעבע און טרייהייט וואס זי האט צו איהר מאן בעוויזען, ער איז קיינמאהל, קיינמאהל איהרער ניט געווען... און ווען די פרוי האט געזעהן, אז זי קען דעם מאן פאר זיך ניט געוואונען, האט די מוטער בעשלאסען, איהרע שעה'ען, איהר לעבען, איהר וועלט און אלעס, אלעס אויף דעם מזבח פון איהרע קינדער צו אפפערען, און אין זייער גליק אליין גליקליך צו זיין.

דער שיקזאל, דער גרויזאמער, מענשליכער שיקזאל האט אבער אזוי ניט געוואלט.

איינגאנצען האט זי פערמאגט צוויי שטיקלאך קינדער, און ביידע מיידלאך. די עלטערע האט זיך פון קינדוויז אן פלייסיג געלעהרענט, געבילדעט, און איז געווארען אן אויפגעקלעהרטע, א דענקערין און זי האט מיט איהר מאמעס אלטע אנשויאונגען ניט געשטימט. די יונגערע איז געווען א ווילדע, א צעלאזענע, א פרייליכע, און איהר יונג לײדענשאפטליך הארץ האט ניט געקאנט פאלגען דעם קאלטען שכל פון איהר געטרייער מאמען.

און אזוי איז די גאנצע פאמיליע געווען צובראכען אין בעזונדערע טהיילען. לעבענדיג שטענדיג אונטער איין דאך האבען זיי קיינמאהל צווישען זיך קיין געמיינשאפטליכעס ניט געהאט. זיי האבען ניט גע־טהיילט זייערע ליידען און פריידען, ניט אינטערעסירט זיך איינער מיט דעם צווייטענס לאגע, און קיינמאהל ניט פערשטאנען זיך.

און די אונגליקליכע פרוי און מוטער האָט זעהר שווער געליטען. שרעקליך געליטען. אין איהר אייגענעם הויז האָט זי זיך איבעריג געפיהלט, ביי איהר אייגענעם מאַן איז זי אַ פרעמדע געוועהן און צווישען איהרע אייגענע קינדער איז זי אימער געבליבען אַן עלענדע, אַ פערלאָזענע.

אליין פאַר זיך האָט זי אימער געלעבט; אַליין מיט זיך האָט זי זעלטען, זעלטען ווען געלאַכט; און אַליין אין זיך האָט זי אָפט, כמעט אימער געוויינט, ביטער געוויינט אויף איהר פינסטערען שיקזאַל.

נאָר אַצינד, ביי די ענדע פון איהר טרויעריגען לעבען, ווען דער שוואַכינקער, דינענקער פאָדעם איז באַלד, באַלד איבערגעהאַקט, איידער זי שיידט זיך מיט זיי אויף א־ביג, אַצינד האָבען זיי זיך פעראייניגט לעבע״ איהר און מיט איהר.

און דער שמייכעלע אויף איהרע בלאַסע ליפּען צושפּרייט זיך איבער איהר גאַנצען קראַנקען געזיכט; איהרע פערגלעזערטע אויגען ווערען עטוואָס ריינער און קוקען מיט ליעבע, מיט צופריעדענהייט און מיט דאַנקבאַרקייט, דאָ אויף איהר מאַן, און דאָ אויף איהרע קינדער, וועלכע וויינען אַזוי איבער איהר.

ענדליך איז געקומען דאָס גליק נאָך וועלכען זי האָט איהר גאַנץ לעבען געגאַרט! אַה, וואָס פאַר אַ גליק! וואָס פאַר אַ גליק! פאַר דעם אַליין איז שוין דער לעבען כדאי געוועהן — — — — — — — — — — — — — — —אָבער דער זיסער, גליקליכער מאָמענט איז פער־ביטערט, פערביטערט פון אַ טרויעריגען, שרעקליך טרויעריגען געדאַנק, וועלכער עגבערט איהר מח און לאָזט זי ניט רוהיג שטאַרבען.

די צוויי קינדער,ביידע מיידלאַך, זענען שוין ווייט, ווייט ניט קיין יונגינקע; דער צווייטער איז שוין באַלד זעקס און צוואַנציג יאָהר, און זיי האָבען נאָך זייערע ריכטיגע זיווגים ניט אָנגעטראָפען.

צו וואָס האָט זי געלעבט? וואָס האָט זי גאָר פון דעם גאַנצען לעבען? אַך, ווען זי זאָל כאָטש האָבען איין קינד חתונה געמאַכט?!...

# אַ גוטער שידוך

ווי פיעלע אַנדערע יונגע אידישע לאָיערס פון דער איסט סייד, האָט קאָנסעלאָר יודסאָן געהאַט אַ סיין, וואָס איז געהאָנגען פאָר דעם הויז, אין וועלכען ער האָט געוואוינט מיט זיינע עלטערן, און אַ דעסק מיט אַ „רעוואָלווינג טשער“, און אַן אָפיס ערגעץ וואו אין אַ דאַון־טאונער בילדינג; אַ חוץ דעם האָט ער אויך געהאַט עטליכע סעטס ביכער, פאַר וועלכע ער האָט ניט געהאַט די מינדעסטע אַבזיכט צו בעצאָהלען, ווען ער האָט זיי געקויפט אויף אינסטאָלמענטס דורך אַ בוך־איידזשענט.

זיין פּראַקטיס איז, ווי ביי פיעלע אַנדערע יונגע אידישע לאָיערס פון דער איסט סייד, געווען זעהר אַ בעשרענקטע. עס זענען ביי איהם געווען אַ פּאָר סטעדי קליענטען, וועלכע ער האָט מעהר אָדער ווייניגער אָנשטענדיג בעהאַנדעלט פאַר די פּאָר דאָלער, וואָס ער פלעגט ביי זיי שלעפּען גאַנץ אָפט מיט פערשיעדענע פּרעטענזיעס, און וועלכע וואָלטען איהם שוין פון לאַנג געווען אָוועקגעוואָרפען, ווען זיי זאָלען ניט זיין ביי איהם אין די הענד מיט אַלע זייערע פּאַפּירען און ביזנעס סעקרעטען. פון אַנדערע קליענטען, וואָס פלעגען אַ מאָל פער צופאַל צו איהם אַריינפאַלען מיט אַ פּראָצעס, פלעגט ער נאָר טרייען צו ערשט אַרויסקריגען זיין „פי“, און וואָס מעהר נאַטירליך, בעסער, דערנאָך האָבען די אָרימע קליענטען זיך בעדאַרפט מעהר קימערען אום זייער אַדוואָקאַט, איידער ער וועגען זיי. אין דער פריה, ווען דער פּראָצעס האָט בעדאַרפט פאָרקומען, פלעגט ער אָפט פערשלאָפען אַ פּאָר שטונדען, און נאָכמיטאָג איז ער ענטוועדער געגאַנגען צו אַ וואָדעוויל אָדער אַ בורלעסק שאָו, אָדער נאָר ערגעץ שפּילען אַ פּאָקער אין אַ פּריוואַט־רום פון אַן אַנדערען לאָיערס אָפיס.

פון די געשעפטען מיט דעם סאָרט אויפפיהרונג האָט קאנסעלאר יודסאָן נאַטירליך ניט געקענט אַנזאַמלען קיין גרויסע פערמעגענס, פון דעסטוועגען האָט ער דאָך אימער אויסגעזעהן „פּראָספּערוס“, און געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ טיכטיגען לאָיער מיט אַ גוטע פּראַקטיס, און דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס ער פּלעגט זיך זעהר שעהן און סטיילישׁ קליידען, צוליעב וואָס פיעלע סטאָר-קיפּערס מיט קאַסטומער-שניידערס האָבען געהאַט אַ סך חובות ביי איהם, מיט ווייניג האָפנונג די זעלבע אַמאָל אויפצומאַהנען.

קאנסעלאר יודסאָנ׳ס עלטערן, גראַדע גאַנץ בעל־הבית׳ישע מענשען האָבען גאָר ניט געהאַט קיין גרויס פערגעניגען פון זייער זוהן׳ס אויפפיהרונג, און זיי האָבען ניט איינמאָל געפּרופט איהם מאַכען פאַרווירפע דערפאַר. דאָס אָבער האָט גאָר ניט געהאָלפען. ער האָט בעהויפטעט, אַז ער וועט האָבען צייט צו ווערען „געסעטעלט“, ווען ער וועט הייראַטען, און דערפאַר האָבען די אָרימע עלטערן געהאַלטען אין איין בעטען גאָט, אַז ער זאָל זיי העלפען צו דערלעבען מיט איהם אַ גוטען שידוך צו טוהן און איהם חתונה מאַכען.

אַ „גוטער שידוך“ האָט ביי קאנסעלאר יודסאָנ׳ס עלטערן געהייסען אַ רייכער שידוך. דאָס הייסט אַ שידוך מיט אַ רייכע פאַמיליע, מיט אַ גרויסען נדן, מיט גוטע ביזנעס טשענסעס, און קאנסעלאָר יודסאָן אַליין האָט גראַדע אין דער הינזיכט געשטימט מיט זיינע עלטערן און ער האָט געוואָרט אויף זיין „מאַטרימאָניאל טשענס“.

---

מיס בוירדיק איז געווען די טאָכטער פון פּנחס באָרדיקאָוויטש, אָדער פיליפּ בוירדיק.

אָבער לאָמיר זיך צוערשט בעקענען מיט מיסטער בוירדיק.

באָרדיקאָוויטש איז נאָך געווען זיין פאַמיליען־נאָמען אין קיטאַרעד, אַ קליין שטעדטעלע אין רוסלאַנד, וואו ער איז געווען אַ מעקלער פון תבואה און אַ שטאַרקער חשוב ביים פּריץ פון שטעדטעל. ווען

ער איז צוריק מיט א סך יאהרען געקומען קיין אמעריקא און האט געהאנדעלט צווישען לאנדסלייט מיט לאטערי־טיקעטס, טהעע און קאפע מיט נאך אזעלכע זאכען. האט ער זיך נאך אלץ געהאלטען ביי דעם נאמען; זאגאר שפעטער, ווען ער איז געווארען א דזשועלרי־פעדלער און האט דערנאך געעפענט א גרויסע דזשועלרי סטאר אויף ריווינגטאן סטריט, האט ער אלץ זיין נאמען ניט געענדערט אדער פערקירצט. נאר צוריק מיט א פאר יאהר האט בארדיקאוויטש נעבעך געהאט צוויי מאל „ביזנעס טראבעל", דאס ערשטע מאהל איז ער געווען שטארק געענגט אין געלד און זיינע קרעדיטארען האבען מיט איהם אפגעסעטעלט אלע זיינע חובות מיט 10 פראצענט, און דאס צווייטע מאל האט ער אין א שעהנעם טאג פערקויפט זיין גרויסען סטאק און האט זיך ערקלעהרט באנקראט. נאכדעם האט ער אוועק־געמופט אין אן אפטאונער „פעשינעבעל" אפארטמענט־הויז, האט זיך אנגעהויבען צו רופען „מיסטער פיליפ בוירדיק" און גענומען קויפען א ביסעל ריעל־עסטייט אויף מיסעס בוירדיק'ס נאמען.

איצט וועלען מיר זיך בעקענען מיט מיס בוירדיק.

איהר ריכטיגער עלטער איז, ווי ביי אנדערע פון איהר געשלעכט, א רעטעניש, וואס איז שווער צו טרעפען, און פון איהר אויסזעהן איז נאך שווערער דאס צו דערגעהן. וויפיעל זי איז אלט, ווייסט זי נאר אליין און איהרע עלטערן; זיי ווילען אבער דאס קיינעם ניט אויסזאגען. און וועגען איהר אויסזעהן זענען פאראן צוויי מיינונגען ביי צוויי פערשידענע קלאסען מענשען. דער ערשטער קלאס דענקט, אז זי איז גאר א שעהנע, און דער צווייטער קלאס—פונקט פערקעהרט,—אז זי איז גאר א מיאוס'ע. צום ערשטען קלאס בעלאנגט זי אליין מיט איהרע ווייב־הערציגע עלטערן, און צום צווייטען קלאס בעלאנגען די דיענסטען, וואס בייטען זיך ביי זיי אין הויז אלע מאנאט איבער איהר; די חתנים, וועלכע קומען זי אלע מאל אנקוקען, און קומען שוין ניט צוריק נאך דעם ערשטען בעגעגעניש, און אלע איבעריגע אונפארטייאישע מענשען. נאר מאלע וואס פאר א מיינונגען מענשען האבען! אבער איין זאך איז זיכער, אז אין דער פריה און דורך

דעם גאַנצען טאָג, ווען מיס בוירדיק דרעהט זיך אַרום אין הויז פאַר־שמאַדערט און צושויבערט, בייז און נכפה׳וואַטע, און שילט זיך און זידעלט זיך מיט די עלטערן, מיט די דינסטען, זאָגאַר מיט דער קאַץ, און זי האַלט נאָר אין איין טראַכטען וואָס פאַר אַ סאָרט „דרעסגודס״ צו קויפען, וואָס פאַר אַ סטייל זיך צו מאַכען, וועלכער „טיילאָר״ עס איז מעהר „פענסי״ אָדער „פעשעניבעל״ און עהנליכע זאַכען. דאַן זעהט זי אויס זעהר שרעקליך, אי מיאוס, אי אַלט. אַבער אין אָוונד, נאָך דעם, ווי זי באָדט זיך אויס, וואַשט זיך, רייבט זיך, פּוידערט זיך, פּוצט זיך, ציהט אָן דעם קאָרסעט, וואָס מעהר צו מאַכען דעם „שייפּ״ שטאַרק „איידעל״ און טוהט זיך אָן אַן ענגען קאָלנער מיט רווישעלעך אַרום דעם האַלז, כדי דאָס געזיכט זאָל זיין רונדער, פולער, דאַן ווערט זי גאָר ווי אַ ניי-געבוירענע, אי אינגער, אי שעהנער.

מיס בוירדיק רעכענט זיך אויך פאַר „אַ „ריפיינד״ און פאַר אַ זעהר „עדיוקייטעד״ יונג ליידי, און איהרע עלטערן זענען אויך מיט דער מיינונג; וואָרים, הגם זי האָט ביז פופצעהן יאָהר גאָר קיין פאָרטשריט ניט געמאַכט אין סקוהל און געמוזט אויפגעבען דאָס לערנען, פון דעסטוועגען לעזט זי יעדען אָווענד דעם „איוונינג דזשוירנאַל, וואו זי גלייכט אַמבעסטען ביעטרים פעירפאַקס׳ „עצות צו די פערליעבטע״, און פון צייט צו צייט פערטיעפט זי זיך אין אַ „דיים נאָוועל״, וועלכע איהרע אַ פריינדין רעקאָמענדירט צו איהר, אַלס אַ העכסט אינטערע־סאַנטע „לאַוו סטאָרי״. אַ חוץ דעם קען זי זעהר גוט טאַנצען, צימבלען אויף דער פּיאַנאָ, וועלכע זי טוהט געוועהנליך נאָר דאַן, ווען עס איז דאַ „קאַמפּאַני״.

וויפיעל מיס בוירדיק האָט געוואָלט חתונה האָבען, האָבען איהרע עלטערן נאָך מעהר געוואָלט זי חתונה מאַכען, אָבער נאַטירליך, ניט מיט אַ וועמען עס איז. מיס בוירדיק אַליין האָט נאָר געוואָלט אַ „פּראָפעשיאָנעל״ פאַר אַ מאַן, אַ דאָקטאָר אָדער אַ לאָיער, אי דאָס נאָר אַזאַ איינעם, וואָס זאָל זיך אין איהר פערליעבען און איהר נדן זאָל ביי איהם זיין נאָר אַ נעבענזאַך; איהרע עלטערן ווידער האָבען געדענקט, אַז עס קומט זיי מיט רעכט אַ דאָקטאָר אָדער אַ לאָיער

פאר אן אײדים, װײל זײ האבען גענוג געלד און קענען פאר איהם גוט בעצאהלען. און די בױרדיקס האבען „אן דהי קװײט" פערטרױט כמעט יעדען אײנעם פון זײערע בעקאנטע װיפיעל און װאס זײ װילען געבען פאר א נדן, װען עס זאל זיך זײ מאכען אזא און אזא שידוך, און װאס פאר א שמאלץ־גרוב עס װעט בײ זײ זײן פאר דעם צו־קונפטיגען אײדים. און דערװײל האבען זײ אזױ געבעטען יעדען בע־זונדער, אז מען זאל זוכען עפעס א שידוך פאר זעהר שעהנער, קלוגער און געפאנעטער טאכטער, װעלכע האט כסדר, אזױ לאנג װי זי איז נאך א כלה ניט געװארען, בעהױפטעט, אז זי װיל גאר ניט חתונה האבען, װארים זי איז נאך „װערי יאנג" און עס איז נאך „טיים אינאף".

---

מיסטער סאדאגורניק איז זעקס טעג אין װאך געװען א פעקער בײ ראפערס בײ זײנעם א לאנדסמאן אין שאפ, װאו ער האט אױך געהאט א פריװילעדזש צו האלטען אין א װינקעל א מין אײז־באקס, פון װעלכען ער האט סופלײט די איבעריגע ארבײטער מיט פערשידענע עסענװארג, געטרענקע, פרוכטען און קענדיעס. אין די װאָכענדען און אין דעם זיבעטען טאג פלעגט ער ארומגעהן צװישען לאנדסלײטע און בעקאנטע, און איז מיט יעדען געװען א גוטער ברודער, א גוטער פרײנד, האט יעדען גע׳חנפ׳עט, געשמײכעלט, און געטרײעט צו פערקױפען א לאָ־טערי־טיקעט, א פונט טהעע און קאפע, א גלאז שנאפס אדער װײן. אז עמיצער האט געװאלט א גאלדענעם רינגעלע, א װאטש און טשײן, א שיפסקארטע, פױרניטשור צום אפצאהלען, אדער גאר באר־גען עטליכע דאלער אױף א גוטען פראצענטעל, האט מען דאס בײ איהם אױך געקראגען. אפטמאל פלעגט מיסטער סאדאגורניק צורעדען די ארער יענע מיסעס, אז זי זאל קױפען איהר נײ־מאשין דורך איהם; װען בײ אײנעם האט זיך געענדיגט דאס יאהר פון דער פײער־אינ־שורענס פאליסי, האט מיסטער סאדאגורניק אפגערעדט דעם אינשור־טען פון דעם פריהערדיגען אגענט און ער פלעגט מאכען די נײע פאליסי דורך אן אנדער אגענט, צו מאכען עטליכע סענט קאמישאן,

און צו די אַלע זאַכען איז נאָך מיסטער סאַדאַגורניק געווען אַ שדכן אויך, און ווען ניט ווען, אַז עס איז איהם געלונגען, האָט ער אויסגע־פיהרט אַ שידוך און פערדינט שדכנות־געלד.

מיסטער סאַדאַגורניק איז געווען אַ לאַנדסמאַן פון די בוירדיק׳ס און אַן אָפטער אריינגעהער צו זיי אין הויז, ווייל זיי פלעגען איהם תמיד געבען אַ שאַו און ביי איהם אָדער דורך איהם עפּעס קויפען. אין דער אמת׳ן האָבען די בוירדיקס אָנגעהאַלטען זייער נאָהענטסטע פריינדשאַפט מיט איהם, ווייל זיי האָבען געהאָפט, אַז ער וועט גע־פינען אַ גרויסאַרטיגע פּאַרטי פאַר זייער טאָכטער, און ניט איינמאָל האָט מיסטער בוירדיק פון זיין זייט, און מיסעס בוירדיק פון איהר זייט פערשפּראָכען סאַדאַגורניקען צו געבען איהם אַ שעהנעם פּרעזענט אַ חוץ דאָס רעגעלע שדכנות־געלד, ווען די גוטע שעה וועט קומען און זייער טאָכטער וועט דורך איהם פערלאָבט ווערען. און מיסטער סאַדאַגורניק האָט דאָס טאַקי גוט אין זינען געהאַט. קוים האָט ער נאָר ערגעץ געהערט פון אַ דאָקטאָר אָדער אַ לאָיער, האָט ער באַלד נאָכגעפּרעגט אויב דער בעטרעפענדער איז שוין אַ בעווייבטער אָדער ניט און אויב יענער איז נאָך געווען אונפערהייראַט, אַזוי האָט ער זיך באַלד אַוועקגעלאָזט בעקענען זיך מיט איהם. צו אַ דאָקטאָר איז ער געגאַנגען מיט אַן אויסרייד, אַז ער איז עפּעס קראַנק, צו אַ לאָיער איז ער כלומרשט געגאַנגען פרעגען אַן עצה, און דערווייל איז ער געוואָרען היימיש, האָט פערפיהרט אַ געשפּרעך מיט׳ן דאָקטאָר אָדער לאָיער, ביז ער איז צוגעקומען צו זיין הויפּט־ציעל, און פאַר־געשלאָגען זיין שידוך מיט מיס בוירדיק, און דערצעהלט וואָס פאַר אַ גליק עס איז ביי איהר פאַראַן. מאַנכע האָבען אפילו גאָר ניט געוואָלט הערען פון דעם גליק, אַנדערע האָבען זיך גאַנץ גערען גע־לאָזט רעדען און פיעלע זענען זאָגאַר געגאַנגען אָנקוקען די כלה און געטרייט זיך צו ערקונדיגען אויב עס איז טאַקי ביי איהר דאָ אַזאַ גליק ווי סאַדאַגורניק האָט פאַרגעשטעלט. עס האָט זיך אָבער אַלץ אויסגעלאָזען מיט גאָר ניט.

אויף דער אָרט און וויזע איז סאַדאַגורניק באַקאַנט געוואָרען מיט קאַנסעלאַר יודסאָן, און גראָדע אין אַ צייט, ווען דער לעצטער

האָט דורכגעלעבט אַ פינאַנציעלען קריזיס, און ער האָט פשוט ניט געהאַט זיין רענט צו בעצאָהלען און די הויפּט־פראַגע איז ביי איהם געווען, וואו מען קריגט געלד. און דערפאַר האָט ער ביי סאַראַגורניקען נאַכגעפרעגט וויפיעל נדן עס איז דאָ, און דער לעצטער האָט איהם פערזיכערט, אַז עס איז דאָ „פלענטי“ גענוג. ביי די בוירדיקס האָט סאַראַגורניק רעקאָמאַנדירט יודסאָנען פאַר אַ זעהר טיכטיגען לאָיער מיט אַ גוטע פּראַקטיס, און ער האָט דערוויייל אָפּגערעדט מיט מיס בוירדיק בעזונדער און מיט קאַנסעלאָר יודסאָן בעזונדער, פער־זיכערענדיג יעדען איינעם פון זיי, אַז דער צווייטער ווייסט גאָר ניט דערפון, און האָט אַראַנזשירט, אַז די צוויי יונגע מענשען זאָלען זיך כלומרשט פער צופאַל צוזאַמענטרעפען אין אַ רעסטאָראַנט אויף גרענד סטריט און גאָר אונערוואַרטעט בעקאַנט ווערען.

ווען קאַנסעלאָר יודסאָן מיט מיס בוירדיק האָבען זיך צום ערשטען מאָל צוזאַמענגעטראָפען אין רעסטאָראַנט און פערבראַכט די צייט ביי אַ בעזונדערען טישעל אין אַ ווינקעל, האָט מיס בוירדיק ביי זיך געטראַכט, אַז ווען זי זאָל שוין האָבען איהר פאָטערס גאַנצען פער־מעגען אין די הענט, וואָלט זי דאָס אין דעם מאָמענט אַוועקגעגעבען יודסאָנען, אבי ער זאָל שוין מיט איהר חתונה האָבען, ער זאָל זי מאַכען פאַר זיין פרוי, און זי בעפרייען פון דעם שרעקליך־שווערען יאָגד נאָך אַ מאַן, אַז זי זאָל שוין מעהר ניט זיין אַן אַלטע מויד און שונאים זאָלען מעהר ניט רעכענען איהרע יאָהרען, ווי לאַנג זי האָט שוין געוואַרט און ווי לאַנג זי וועט נאָך וואַרטען אויף אַ מאַן. קאַנסעלאָר יודסאָן ווידער האָט ביי זיך אין הארצען זיך אַליין פאַרווירפע געמאַכט, דערפאַר וואָס ער האָט ביז איצט ניט געטרייעט אַפּצוהיטען זיין פּראַקטיקע, צו פערדינען אַ ביסעל מעהר און אָפּ־שפּאַרען עפּעס געלד, אַז ער זאָל איצט ניט זיין אַזוי „געבראָכען“, און ניט דאַרפען זוכען אירגענד וועלכע אַלטע מיאוס׳קייט מיט אַ נדן פאַר זיין כלה. נאָר ווען זיי האָבען זיך צורעדט און זענען אין פער־לויף פון זייער געשפּרעד געקומען צו די פּראַגען פון ליעבע, הייראַט, פאַמיליען־לעבען און עהנליכעס, האָט מיס בוירדיק גאַנץ נאַאיוו זיך

אויסגעשפּראָכען, אַז זי קען גאָר ניט פערשטעהן, ווי אַזוי מענשען הייראַטען אָהן ליעבע און נאָר צוליעב געלד, אָדער אַנדערע אורזאַכען; און זי האָט געענדיגט דערמיט, דאָס זי האָפט צו הייראַטען נאָר דעם, וועמען זי וועט ליעבען, און וועמען זי וועט אויך ליעבען. קאַנסעלאַר יודסאָן האָט פאָלשטענדיג איינגעשטימט מיט איהר מיינונג, האָט זעהר סימפּאַטיזירט מיט איהרע איידעלע, צאַרטע געפיהלען און איהר הערצליך געוואונשען, אַז איהר האָפנונג זאָל ערפילט ווערען, און ער האָט בוכשטעבליך פערדאַמט די מענער, וואָס פערקויפען זיך און הייראַטען נאָר פאַר געלד. און נאָך דעם זעלבען אָווענד, ווען ער האָט זי בעגלייט אַהיים, און דערנאָך, ווען ער האָט זי אַ פּאָר מאָל בעזוכט ביי איהר אין הויז, האָט קאַנסעלאַר יודסאָן כסדר געשפּיעלט די ראָלע פון אַ ליעבהאָבער, און מיס בווירדיק פון איהר זייט האָט זיך אויך זעהר ראָמאַנטיש פערהאַלטען צו איהם, האָט איהם געגעבען קוראַזש און געציינט ליעבע, און האָט געטרייט פון איהם אַרויסצוקריגען אַ דייטליכע ערקלעהרונג. ער איז אָבער געווען פאָרזיכטיג, ווי אַ לאָיער, ניט צו מאַכען קיינע ערקלעהרונגען, ניט צו געבען קיין פערשפּרעכען, ביז זיין פאָטער האָט זיך ניט ערקונדיגט וועגען אַלע מאַטעריעלע אַנגעלעגענהייטען, און האָט זיך גאַנץ ביזנעסמעסיג צונויפגערעדט מיט מיסטער בווירדיק, אום צו וויסען גענוי וואָס און ווען מכוח נדן; און ווען מיסטער בווירדיק האָט דעם אַלטען יודסאָן פערזיכערט, אַז צו דער פערלאָבונג וועט זיין אַנגעגרייט אַ „סערטיפייד טשעק“, ווי עס געהט צווישען לאָיערס און ריעל-עסטייטניקעס, אויף גאַנצע פינף טויזענד דאָלער, דאָן האָט זיך קאַנסאַלאַר יודסאָן אָפיציעל ערקלעהרט מיס בווירדיק אין ליעבע, האָט ביי איהר געבעטען די האַנד, וועלכע זי האָט ערשט געגעבען, ווען זי האָט זיך אַנגעפרעגט ביי דעם „פּאַ“ און „מאַ“, און נאָכדעם האָט מען געפּראַוועט אַ „רעספּעפּשאָן“, ביי וועלכען מיס בווירדיק, שטראַהלענדיג פאַר גליק, האָט אונטערגעהאַלטען איהרע פריינד און פאַר יעדען פאָרגעשטעלט קאַנסעלאַר יודסאָן אַלס איהר „דאַרלינג לאָוו“ וועלכער האָט זיך אין איהר פערליעבט „עט פוירסט סייט“,

און באַלד דערויף געציינגט יעדען איינעם דעם טייערען דיימאַנד רינג, וואס ער האָט איהר געגעבען.

אַז קאַנסעלאָר יודסאָן האָט געקראָגען דעם „סערטיפייד טשעק" אויף די פינף טויזענד דאָלער, האָט ער זיך באַלד איבערגעפוירנישד זיין אָפיס און האָט זיך גענומען וואַרטען אויף די נייע קליענטען מיט די פרישע ביזנעס, וועלכע מיסטער בוירדיק, זיין „אינטענדענט פאַטהער אין לאָ", האָט פערשפּראָכען איהם צו פערשאַפען. און דער־ווייל איז ער אַרומגעגאַנגען דעם גאַנצען טאָג אין אַ שעהנעם „פּרינץ אַלבערט" ראָק מיט אַ צילינדער הוט, האָט געסמוקט גוטע סיגאַרען, און אַז ער האָט בעגעגענט אַ גוטען ברודער, האָט ער זיך געהייסען גראַטולירען און איהם אַריינגערופען אין דעם נאָהענטסטען סאַלון צו טריטען. און דאָרטען האָט ער איהם ביי אַ גלעזעל „ראָק ענד ראַי" אָדער „הייבאָל" אָדער עפּעס אַנדערש, דערצעהלט, אַז ער איז פערלאָבט געוואָרען, און אַז זיין כלה איז אַ „פיין סאָרט אָף איי גוירל", אַז איהרע „אָלד פאָלקס" זענען „וועריִ, וועריִ וועלטי", און דאָס ער קריעגט „פּלענטי דאָו". די בוירדיקס האָבען דערווייל זיך גענומען שטאַרק צו דער אַרבייט איהם בעקאַנט צו מאַכען צווישען זייערע פריינד און בעקאַנטע, האָבען איהם אַדווערטייזט אַלס פוירסט־קלעס ריעל עסטייט לאָיער, און אַז ער קען פיהרען די גרעסטע קייסעס, ווייל ער איז איבעראַל בעקאַנט אי. האָט „פול" מיט אַלע דזשאַדזשעס און פּאָליטישענס; מיסטער בוירדיק פלעגט יעדען טאָג קומען אין אָפיס אַ שמעק טוהן, אויסגעפינען, אויב עס רודערט זיך עפּעס, וואָס האָט אויף זיין לשון געמיינט, אויב עס קומט עפּעס צו ביזנעס; און מיס בוירדיק, די גליקליכע כלה, האָט יעדען טאָג אַ פּאָר מאָל אָפּגערופען איהר חתן אויף דעם טעלעפאָן, כדי עס זאָל איהם ניט לאַנגווייליגען פון בענקעניש נאָך איהר, האָט איהם גערופען, „דיער", „דאַרלינג", „לאַוו", און ער האָט איהר גערופען „אוטסי טוטסי", „בייבי", „קיד" און עהנליכע נעמען און ער האָט איהר פערשפּראָכען צו ברענגען אין אַ וואָנד אַ „באָקס אָף קענדיעס".

איצט איז שוין דריי מאָנאַט נאָך דער פערלאָבונג און עס רעש׳ט זיך שוין מיט דער חתונה, וועלכע דאַרף קירצליך שטאַטפינדען. אין דער צייט איז די ליעבע צווישען קאנסעלאָר יודסאָן און מיס בוירדיק אין גאַנצען אָפּגעקיהלט געוואָרען, און עס איז שוין צווישען זיי אַ פּאָר מאָל געקומען צו גראָבע רייד, זידלעריי און ברוגז׳ן, אַז מיס בוירדיק האָט שוין ניט איינמאָל געטראַכט ביי זיך, אַז זי וואָלט אָפּגעלאָזט דעם שידוך, ווען ניט די מורא פּאָר דער שאַנדע, וואָס לייט וועלען זאָגען, און אַז זי זאָל ערשט ווידער אָנפאַנגען דאָס פער־צווייפעלטע יאָגעניש נאָך אַ מאַן; און קאנסעלאָר יודסאָן פון זיין זייט וואָלט שוין אויך געוועזן געשלאָגען כפּרות מיט איהר, ווען ער זאָל ניט מורא האָבען פאַר טראָבעל מיט אַ „בריטש אָף פּראָמיס“ קייס, און די איינציגע זאַך וואָס האַלט נאָך איהם צו ביי דעם שידוך, איז די האָפנונג מיט דער צייט גאָר רייך צו ווערען דורך די בוירדיקס. און דערווייל געהט דאָס יונגע פּאָרל יעדען אָווענד אין וויזיט צו דעם אָדער צו יענעם קרוב, און לאַדען איין אַלעמען אויף זייער האָכצייט, און מען הערט גאָר ניט אויף צו רעדען און צו דערצעהלען פון דער ליעבע, וואָס עס איז צווישען זיי, און פון די טייערע פּרעזענטען, וואָס זיי גיבען זיך און וואָס זיי קריגען פון די עלטערן, פון פריינד און בעקאַנטע, און יעדער איינער איז מקנא די גליקליכע מיס בוירדיק מיט דעם איבערגליקליכען קאנסעלאָר יודסאָן, און אַלע, אַלע זאָגען, אַז עס איז „אַ גוטער שידוך“.

# די סוקסעספולע פאַרשטעלונג

די באַריהמטע שוישפּיעלערין, פרייליין מ. איז געזעסען אין איהר גאַרדעראָב צימער פאַר דעם גרויסען שפּיעגעל און האַט זיך צוגע־גרייט צו דער פאַרשטעלונג, וועלכע האָט געזאָלט זיין איהר ערשטער אויפטריט אין אַ נייער ראָליע פון אַ נייע פּיעסע.

זי איז געווען כמעט האַלב נאַקעט. נעבען איהר אויף דער וואַנט זענען געהאנגען איהרע נייע קליידער, וועלכע זי האַט ספּעציעל גע־מאַכט פאַר דער אויפפיהרונג פון דער נייער פּיעסע, און זי האָט גע־וואַרט אויף די פרוי, וועלכע העלפט איהר אימער זיך אָנטאָהן, און זי האַט זיך דערוויל לאַנגזאַם געשמינקט און געפּודערט דאָס געזיכט.

בעת דער צייט, וואָס איהר געזיכט האָט אַלע מאָל אָנגענומען אַ אינגערען און שעהנערען אויסדרוק, האַט זי געשמייכעלט צו זיך אַליין און האַט זיך פאַרטראַכט איבער איהר נאָך גאַר קורצער קאַריערע אויף דער ביהנע און דעם אונגעהוירען סוקסעס, וואָס זי האַט גע־מאַכט, ניט אַזוי מיט איהר גרויסען און אָריגינעלען טאַלאַנט, ווי מיט איהר געזיכט און פיגור, וואָס איז נאָך אַלץ יונג און שעהן און וויל זי פאַרשטעהט זיך צו קליידען מיט געשמאַק אין קאָסטבאַרע קליידער.

איהרע געדאַנקען האָבען געוואַנדערט פון איין ראָליע צו דער צווייטער, אין די פאַרשיעדענע פּיעסען אין וועלכע זי האַט געשפּיעלט, ביז זי האַט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער לעצטער נייעסטער ראָליע פון דער נייער פּיעסע, און אַ קוק טהוענדיג, פון צייט צו צייט, אויף איהרע נייע קליידער, האַט זי אָנגעהויבען איבערצוקלערען דעם כאַראַקטער פון דער העלדין וואָס זי דאַרף באַלד פאַרשטעלען און די פאַרשיעדענע סצענען, וואָס זי האַט דורכצופיהרען, און קוקענדיג דערנאָך אין שפּיגעל אַריין האָט זי אַלע מאָל געענדערט די מיענע אויף איהר געזיכט,

לויט ווי עס פּאַסט צו מימיקירען אין די פאַרשיעדענע סצענען. אָט שמייכלענדיג קאָקעטיש און צו־ווינקענדיג מיט די אויגען, פערהאַלטענדיג זיך צאַרט און גוט מוטהיג צו איהר געליעבטען, כדי ביי איהם וואָס מעהר נושא חן צו זיין און איהם אין גאַנצען צו געווינען; באַלד ערנסט, קאַלט אָדער גלייכגילטיג ווי זי דאַרף זיך צו איהם פאַרטראָגען אין דעם צווייטען אַקט, כדי ער זאָל ניט מיינען, אַז ער איז שוין אין גאַנצען זיכער מיט איהר און אין איהם מעהר צו רייצען די ליעבע אָדער ליידענשאַפט; שפּעטער אַביסעל געערגערט, נערוועז אויפגערעגט, ווילד פערצווייפעלט ווי זי האָט צו שפּיעלען אין דעם דריטען אַקט, ווען זי ערפאַהרט פּלוצים, אַז זי האָט איהר געליעבטען פאַרלוירען דורך איהר קאַלטער באַנעהמונג צו איהם און קאָקעטיערען...

ווען זי האָט אין דעם שפּיגעל דערזעהן דאָס געזיכט פון דער פרוי וואָס העלפט איהר זיך אַנטהון, וועלכע איז צו איהר צוגעגאַנגען מיט שטילע טריט און האָט אָנגעפאַנגען צו קעמען איהרע לאַנגע האָאַר, האָט זי אַזוי ווי ערוואַכט פון איהר איללוזיע און איהרע געדאַנקען האָבען זיך אומגעקעהרט צו איהר ווירקליכען לעבען. און מערקווירדיג; זי האָט ערשט אַצינד צום ערשטען מאָל באַמערקט, אַז דאָס, וואָס האַנדעלט זיך אין דער נייער פּיעסע און וואָס עס פּאַסירט מיט דער העלדין איז ערשט ניט לאַנג פאַרגעקומען אין איהר אייגענעם לעבען, אַז זי האָט דאָס אַלצדינג אַליין דורכגעלעבט, גלייך ווי דער פערפאַסער וואָלט אין דער פּיעסע זי אַליין מיט איהרען אַ ראָמאַן געשילדערט.

גראָדע ווי די העלדין פון דער דראַמאַ ליעבט איהר יונגען קאַוואַליער, האָט זי היים געליעבט און זאָגאָר פאַרגעטערט דעם יונגען דאָקטאָר ק., וועלכער איז פון איהר בעצויבערט געוואָרען, אָבער זי האָט מיט איהם קאָקעטירט, געררייצט זיינע געפיהלען, כדי ער זאָל זי נאָך שטאַרקער, נאָך ליידענשאַפטליכער ליעבען, און ווען ער איז שוין אונצעהליגע מאָהל פאַר איהרע פיס געלעגען אין זיין הייסע ליעבע צו איהר אין שטורעמענדע ליידענשאַפטליכע ערקלעהרונגען אויסגעדריקט, האָט זי אויך ווי די העלדין אין איהר נייער ראָליע, אָנגעפאַנגען

צו זיין קאַלט און גלייכגילטיג צו איהר געליעבטען, וויל זי האָט פאַר־געניגען געהאַט איהם צו זעהן זיך ראַנגלענדיג אין דעם קאַמף מיט זיין ליעבע צו איהר. זי האָט געוואָלט, אַז ער זאָל וויסען, אַז זי איז אַ טהייערער שאַץ, וועלכען מען קען ניט לייכט געווינען, און פונקט ווי די העלדין האָט זי אויך איבערגעצויגען די מאָס און איהר געליעב־טער, מיעד און ענטוישט פון איהר האַנדלונג געגען איהם, האָט זי פלוצים פערלאַזען און האָט געזוכט זיין גליק אין די אָפענע אַרעמס פון איין אַנדערער.

אַ קורצער אָבער שטאַרקער קלונג פון אַ גלעקעל האָט איבער־געריסען איהרע געדאַנקען און זי דערמאָהנט, אַז מען וועט באַלד אָנ־פאַנגען צו שפּיעלען. זי איז שנעל אויפגעשפּרונגען פון איהר זיץ, האָט זיך גענומען האַסטיג אָנטהאָן, זי האָט אַליין אויף זיך אַלסדינג צונעשפּיליעט, האָט פאַרריכט איהרע האָאַר און דא און דאָרט אויס־געגלייכט אייניגע שטריכען אויף איהר געזיכט און זי איז צו דער סעקונדע פּינקטליך ערשיענען אויף דער ביהנע און האָט אָנגעפאַנגען צו שפּיעלען איהר ראָליע מיט דעם גאַנצען פייער פון איהר אַרטיס־טישען טעמפּעראַמענט. און ווען עס איז געקומען צו דער לעצטער סצענע פון לעצטען אַקט, אַ סצענע פון גרויסער אויפּרעגונג און טיעף־ליידענדער פערצווייפלונג, האָט זי זי דורכגעפיהרט מיט אַזוי פיעל רעאַליסטישער קונסט, אַז זי האָט זיך אַליין איבערטראָפען...

◇◇

דעם נעכסטען טאָג זיינען אַלע צייטונגען געווען פול מיט לויב־געזאַנגען איבער דער זעלטענער פאַרשטעלונג פון דער נייער פּיעסע, און אַלע, אַלע קריטיקער האָבען צוגעגעבען, אַז פריילין מ. האָט געשאַפען דעם אונגעהויערען גרויסען סוקסעס פון דער פּיעסע, וויל זי האָט ניט געשפּיעלט איהר ראָליע, נאָר איינפאַך זי האָט זי דורכ־געלעבט פון אָנפאַנג ביז'ן סוף.

# מיסטער פעמפיקס פרינציפען

שמואל ליב הויכמאן איז געווען פון די היימישע, בעל־הבית׳ישע יונגע לייט, וועלכע האבען קיינמאהל פון קיין צרות ניט געוואוסט. זיין טאטע איז ניט געווען קיין רייכער מאן, אבער ער איז תמיד געווען, וואס מען רופט, א פערפונדעוועטער בעל הבית, מיט אן אייגענער דירה אין מיטען מארק און א גרויסע קראם פון כל טוב.

שמואל ליב האט זיך געהאדאוועט אהן זארג, ער האט זיך גאנץ גוט געלערענט, איז געווען א משכיל, האט בעלאנגט צו די „חובבי ציון" און האט זיך איבערהויפט שטענדיג מתעסק געווען מיט טובת הכלל. ווען ער האט חתונה געהאט, אדער בעסער געזאגט, ווען מען האט איהם חתונה געמאכט, איז ער אנגעקומען פאר אן איידים צו א רייכען מחותן, האט געקראגען א שעהנעם נדן וועלכען מען האט איינגעלעגט ביי אן איש בטוח אויף א שטר היתר עיסקא, און אזוי ווי זיין ווייבעל איז געווען א בת יחידה האט מען איהם צוגעזאגט איבינגע קעסט.

נאטירליך האט זיך שמואל ליב ניט שטארק געפלאגט ביי די אומשטענדען און ער האט פון קיין צרות מיט דאגות ניט געוואוסט, זאגאר דאן ווען ער האט שוין געהאט פיער קינדערלאך. און ווען ניט די מלחמה, דערנאך די פאגראמען מיט דער רעוואלוציע אין רוסלאנד, וואלט זיך איהם אפילו ניט געווען געחלומ׳ט פון אמעריקע.

די פאסירונגען אין די לעצטע פאר יאהר אין רוסלאנד האבען אבער שמואל ליב׳ס עקזיסטענץ אויך ניט זיכער געמאכט, און ער האט געמוזט אוועק קיין אמעריקע מיט די לעצטע עטליכע רובעל וואס ער האט פערמאגט. און ווען ער איז דא געווען פיער וואכען אין לאנד, האט דאס ביסעל געלד, וואס איז איהם געבליבען פון די

רייזע-קאסטען, זיך באלד אויסגעלאזען ביי איהם, און ניט האבענדיג קיין שום ארבייט האט ער אנגעפאנגען איינפאך צו הונגערען.

די שלעכטע לאגע האט אויף איהם זעהר שטארק געווירקט און ער איז כמעט אויס מענש געווארען. עס איז איהם אבער זעהר שווער געוועהן זיך צו ערנידעריגען צו עמיצען, צו א לאנדסמאן צום ביי־שפיעל, אום ביי איהם צו בעטען עפעס שטיצע און ער איז גוט פער־שווארצט געווארען. נאר, אז ער האט געזעהן אז דאס וואסער איז שוין אריבער דאס מויל, האט ער זיך וואו ניט איז, ארויסגערעדט פאר מאנכע לאנדסלייט פון זיין ביטערער לאגע. אבער וואס קענען ארימע לאנדסלייט העלפען? בארנעט דער ניעפענטס אפערייטאר, וואלט מיט'ן לעבען געטרייעט פועל'ן ביי זיין באס אז ער זאל איהם ערלויבען צוצושטעלען א מאשין לעבען זיינער, כדי ער זאל קענען שמואל ליב'ן אויסלערנען די ארבייט, איז אבע'ר א וויסטער סלעק ביים טרייד. דזשייק, דער לידיעס-וועיסט-מייקער, וואלט איהם אויך גערען ארויפגענומען צו זיך אין שאפ אריין, איז אבער דארטען איינ־געפיקסט געווארען „עלעקטריק פאוער" און גאר לערען א גרינעם ביי עלעקטריק?... און ביי אנדערע לאנדסלייט זענען דא אנדערע צרות אויפ'ן פוד.

איין לאנדסמאן האט דא שמואל ליב, א געוויסער מיסטער פעמפיק וועלכער איז אליין א מאנופעקטשורער און בעשעפטיגט א סך הענד. מיט מיסטער פעמפיק האט שמואל ליב נאך אלס קליין אינגעל אין איין חדר געלערענט און זאגאר אין איין כתה געוועזען און ער געדענקט אז פעמפיק איז ניט געוועזען קיין שלעכטער יונג. אבער, ווייל ער געדענקט איהם אזוי גוט, כמעט אלס חבר, איז איהם זעהר שווער געוועהן זיך צו בעשליסען צו איהם ארויף צו געהן, עפעס האט זיך איהם אויסגעוויזען אז ער וועט חלש'ן ווען יענער וועט נאר אויף איהם געבען א רחמנות'דיגען בליק.

מאכט זיך גראדע, אז שמואל ליב איז איין טאג ארויף געקומען צו אן אנדערען לאנדסמאן און דער לאנדסמאן האט איהם דערצעהלט,

אַז ער האָט אין יענעם טאָג בעגעגענט פּעמפּיק'ן און אַז דער לעצטער, האָט זיך גאָר פּערוואונדערט ווען ער האָט דערהערט אַז שמואל ליב הויכמאַן איז אין אַמעריקע און ער האָט געזאָגט, אַז ער וואָלט איהם ווילען זעהען. די נאַכריכט האָט שמואל ליב'ן עפּעס ערמוטיגט, פּאַרט אַ יוגענד־פריינד, האָט ער ביי זיך אַ טראַכט געטהון, און ער איז נאָך דעם זעלבען אָוענד אַוועק געגאַנגען צו מיסטער פּעמפּיק.

ווען ער איז צוגעקומען צו דעם אַפּאַרטמענט הויז, אין וועלכען פּעמפּיק האָט געוואוינט, האָט ער דריי מאָהל שטאַרק געדריקט דעם בעל ביז די האָל־טיהר האָט זיך געעפענט, און ווען ער האָט אויף דעם צווייטען פלאָר אָנגעקלאַפּט אין פּעמפּיק'ס טיהר, האָט ער פון אינוועניג דערהערט אַן איינגעהאַלטענעם „קאַם אין", פון וועלכען עס איז איהם עפּעס קיהל געוואָרען אונטערען הארצען און ער האָט זיך געוואָלט אומקערען. ער האָט שוין אָבער געהאַט אַ דרעה געטהון מיט דעם קנאָפּ פון דעם שלאָס און די טיהר איז געווען האַלב אָפען.

אַריינקומענדיג אין אַ קליינעם פּאַר־צימערל, האָט זיך שמואל ליב'ן אויסגעוויזען אַז ער האָט דייטליך געהערט פון דעם צווייטען צימער אַ פרויען שטימע אויסרופענדיג מיט כעס, „איך דאַרף היינט ניט קיין געסט!", „זיי פּעהלען מיר יעצט ניט!", אָבער אין דער מינוט האָט זיך פּעמפּיק בעוויזען אויף דער טיהר און האָט געענטפערט אויף זיין „גוט אָווענד". ער האָט פּעמפּיק'ן באַלד דערקאַנט, אָבער יענער האָט זיך צוערשט גוט איינגעקוקט אין זיין געזיכט, דערנאָך האָט ער פאַרשעהנדיג באַטראַכט זיינע גרינע קליידער, און רייכענדיג איהם לאַנגזאַם די האַנד, האָט ער אַרויסגעשטאַמעלט, „דאָס מוז זיין שמואל ליב הויכמאַן".

שמואל ליב האָט זיך געלאָזט דערקאַנען.

„נו אויב אַזוי, קום זשע ווייטער, קום אַריין!" האָט פּעמפּיק איהם גערופען און ער האָט איהם געפאָלגט.

אין דעם צווייטען צימער, וועלכעס איז געווען זעהר שעהן און רייך בעפּוצט, האָט שמואל ליב געטראָפען אַ יונגע פרוי, מיט אַ פּאַטלאַכען גוידער און מיט היבשע דיימאַנדס אין די אויערען, זיך

וואַקלענדיג מיט גדלות אין אַ ווייכען ראָקינג־טשער. זי האָט פיל און ניט ווילענדיג אַ שאָקעל געטהון מיט׳ן קאָפּ אויף זיין פערנייגונג און ווען פעמפּיק האָט זי איהם פאָרגעשטעלט אַלס מיסעס פעמפּיק און האָט צו איהר געזאָגט, „דאָס איז מיינער אַ לאַנדסמאַן, יו נאָו, אַ קאַמעראַד פון צו הויזע, מיסטער הויכמאַן״ האָט זי איהם געגעבען אַ האַלבע, קאַלטע האַנד און האָט עפּעס געזאָגט אונטער דער נאָז, אַז שמואל ליב האָט ניט געוואוסט וואָס זי מיינט.

„נו זיץ!״ האָט פעמפּיק צו איהם געזאָגט אָנווייזענדיג אויף אַ בענקעל לעבען טיש, און האָט געבעטען זיין פרוי אַז זי זאָל זיך בע־מיהען מאַכען טעע. יענע האָט זיך פיל אויפגעהויבען און איז אַרויס־געגאַנגען פון צימער און פעמפּיק האָט שמואל ליב׳ן ערקלעהרט, אַז זיין פרוי, די „מיסעס״ איז נעבעך מיעד, וויל די „סערוואַנט״ האָט איהר געסטערען פערלאָזען, האָט זי בעדאַרפט היינט אַלעס טהון און זי איז צו דעם ניט געוואוינט. דערנאָך האָט ער ביי איהם געפרעגט וואָס עס הערט זיך אין די „אָלד קאַונטרי״.

„צרות, צרות״, האָט שמואל ליב איהם מיטגעטיילט, „עס איז אַ חורבן, אַ וויסטעניש אין גאַנץ רוסלאַנד, מסחר איז טויט! אַרבייט איז נישטאָ און אָרימע מענשען שטאַרבען ממש פון הונגער, געהן אַרום לעבעדיגע מתים, פיעלע זענען זיך צופאַהרען, צולאָפען, אַ סך האָט מען גע׳הרג׳עט און געראַניעט אין דער מלחמה, אַנדערע אין די פּאָג־ראָמען, עס איז פון אַלעמען געוואָרען אַן איבערקערעניש, אַ תל!״

ווען שמואל ליב איז פאַרטיג געוואָרען מיט זיין רעפּאָרט פון די צרות אין רוסלאַנד, האָט מיסטער פעמפּיק זיך אויסגעצויגען אויף זיין ברייטען בעקוועמען אָרם־טשער, אַ צופריעדענער שמייכעל האָט זיך צושפּרייט איבער זיין דיקען רויטען געזיכט און אָנקלאַפּענדיג זיך אין זיין פּעטער, ווייכער ברוסט האָט ער שטאָלץ אויסגערופען:

„וועל, עס האָט מיך אָפּגעקאָסט אַ לאָט מיט געלד, יאָו נאָו! איך האָב געגעבען אַ סך דאָניישאַנס, דהאַטס מיי פּרינציפּל, יו נאָו! מיר איז דאָ גוט, וואַיי נאָט?״

שמואל ליב האָט דערווייל אָנגעפאַנגען צו טראַכטען וועגען א גע‏לעגענהייט מיט זיין לאַנדסמאַן צו מאַכען עפּעס א געשפּרעך וועגען זיך אַליין, און ער האָט בעמערקט:

„איך האָב דאָ געהערט, אַז דיר איז דאָ גאַנץ גוט, דו ביזט א געשעפטסמאַן, א פאַבריקאַנט.“

„סוירטענלי א ביזנעסמען, א מאַנופעקטשורער!“ האָט מיסטער פּעמפּיק שטאָלץ צוגעגעבען, „פון זינט איך בין צו מיין שכל געקומען, איז מיין פּרינציפּ נאָר ביזנעס, יו נאָו, ווען איך בין געקומען אין דהים קאַונטרי, האָב איך באַלד געזעהן אַז פון ארבייט קאָן מען זיך ניט ארויפאַרבייטען, האָב איך אָפּגעשפּאָרט עטליכע דאָלער און זיך גענומען צו ביזנעס, זאָלען אַנדערע אויף מיר ארבייטען, דהאַטס מיי פּרינציפּל, יו נאָו!“

„ווי איך האָב געהערט ארבייטען ביי דיר הונדערט מענשען כסדר.“ האָט שמואל ליב זיך אָפּגערופען.

פּעמפּיק האָט זיך ארויפגערוקט אויף זיין אָרם־טשער און האָט זיך צורעדט מיט היץ, כמעט שרייענדיג.

„דהאַטס רייט! דהאַטס רייט!“ האָט ער אָנגעפאַנגען „פאַר די לעצטע קאָפּל יאָרס, יו נאָו, אַרבייטען ביי מיר סטעדי צוויי הונדערט הענט, סיי אין ביזי, סיי אין סלעק, מיי פּרינציפּל, יו נאָו, איז סאָ, אַז איך נעמען נאָר אוים דאָס אַרטיקעל וואָס וועט געהן אין מאַרקעט דעם נעקסטען סיזאָן, קויף איך די גודס און טרייב די פעקטאָרי, יו נאָו! דהאַטס א ביזנעס פּרינציפּל! ווען עס איז סלעק און אַנדערע שעפּער זענען געשלאָסען, קריג איך דעם ארבייטער ביליג, יו נאָו, קאָסט מיך די וואַרע וואָס איך ארבייט אויף זעהר טשיעפּ, ביליגער ווי אַנדערע מאַנופעקטשורער, קאָן איך מיט זיי קאָנקורירען, אַנדער־סטענדמי? דהאַטס א ביזנעס־פּרינציפּ! אַ פּרינציפּל! און ווען עס ווערט ביזי און די ארבייטער ווילען סטרייקען — איי דאָנט קעיר א ביט! וואָרען איך האָב דאָך שוין די גודס רעדי, אַנדערסטענד? דאָס איז אַ פּרינציפּ יו נאָו!“

כאָטש שמואל ליב האָט אַ העלפט פון פעמפּיקס מאָנאָלאָג ניט פערשטאַנען, פונדעסטוועגען האָט ער געוואוסט וואָס דער פּרינציפּ איז און ער איז פון איהם גאָרניט שטאַרק נתפּעל געוואָרען. ער האָט אָבער דעריבער ניט געקאָנט פיעל טראַכטען, וואָרען דאָס שעהנע, רייכע פערפּוצטע צימער אין וועלכען ער האָט זיך געפינען, און דאָס דיקע צופריעדענע געזיכט פון זיין גליקליכען לאַנדסמאַן פאַר זיינע אויגען האָבען איהם נאָך מעהרער עראינערט און געלאָזען פיהלען זיין איינענע ביטערע לאַגע און ער האָט געזוכט אַ געלעגענהייט ווי אַרום זיך צו ווענדען צו זיין לאַנדסמאַן מיט אַ בקשה, אַז ער זאָל פאַר איהם עפּעס געפינען אַן אַרבייט. און פּאַלענדיג פּלוצים אויף אַ סטראַטע־גישען פּלאַן, וואָס נאָר אַ קריטישער, פערצווייפעלטער מאָמענט קאָן אמאָהל שאַפען, האָט ער מיט אַ געצוואונגענעם שמייכעל געמאַכט פעמפּיק׳ען אַ קאָמפּלימענט:

„פונדעסטוועגען, דענק איך“, האָט ער צו איהם געזאָגט, „אַז דו ביזט אַ גוטער באָס, פאַרט אַן אינטעליגענטער מענש.“

„דאָס וועט דיר יעדער ארבייטער זאָגען!“ האָט פעמפּיק בע־שטעטיגט, און זיין דיקע געזיכט איז ווי בעלויכטען געוואָרען פון צופריעדענהייט מיט זיך זעלבסט און ער האָט פאָרטגעזעצט:

„איך בין אַ באָס מיט אַ פּרינציפּל, יו נאָו! איך האָב ליעב אַן אַרבייטער אַ שאָו צו געבען, אַז ער זאָל ביי מיר אַ לעבען מאַכען. ווען איינער איז ניט פויל, יו נאָו, מעג ער קומען אין מיין שאָפּ פיער אוהר פאַרטאָג צו דער אַרבייט און אַרבייטען ביז צעהן, עלף אין דער נאַכט. מיך אַרט ניט, יו נאָו, וואָס עס ברענט די געז, וואָס די עלעק־טריק פּאַוער לויפט, וואָרען אַז דער אַרבייטער נעמט ביי מיר אַפּ אַ גרויסע פּעי, איי עם סאַטיספייד! איך האָב פערגעניגען דערפון! וואָרען מיין פּרינציפּ איז, ,לעבען און לעבען לאָסען!׳ יעס סער!“

שמואל ליב האָט גוט פערשטאַנען די צווייטע זייט פון פּרינציפּ און עס האָט איהם אַן עקעל געטהון צו קוקען פעמפּיק׳ען אין געזיכט אַריין. „איז עס מעגליך“, האָט ער ביי זיך געטראַכט, „אַז אין אַמעריי־

קע זאָלען מענשען אזוי פיעל און שווער ארבייטען אויף דעם לעבען?"
ווי וועל איך דאס קענען?" האָט ער ביי זיך געפרעגט, ער האָט אָבער באַלד דערפיהלט, אז דאָס הארץ נאָגט איהם, ווייל ער האָט דעם גאַנצען טאָג געפאַסט און ער האָט זיך דערמאַהנט, אז ער דאַרף באַלד געהן שלאָפען אויף אַן אָרימער לאָזשי ביי אַן אָרימען לאַנדסמאַן, פאַר וועלכער ער האָט ניט קיין אויסזיכט צו האָבען צו בעצאָהלען און אין דערהיים, אין רוסלאַנד, הונגערט זיין פאַמיליע, אַ פרוי מיט פיער קינדערלאַך און עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז ער וואָלט זיך אין דער מינוט פערקויפט אויף אייביג אַ שקלאַף צו זיין, אום ניט צו דאַרפען הונגערען, צו האָבען וואו דעם קאָפּ אַוועקצולעגען און ניט צו לאָזען זיין אָרימע פאַמיליע שמאַכטען אין רוסלאַנד און ער האָט זיך געמאַכט מוטה ארויסצורײדען גאַנץ שטיל די פאָלגענדע עטליכע ווערטער:

„ביי אַזאַ באָס ווי דו וואָלט איך געוואָלט ארבייטען. איך וויל דיך טאַקע בעטען, אַז דאָס געפעליגקייט זאָלסטו מיר טהון און מיך אריינגעמען אין דיין שאָפּ..."

אבער פעמפּיק האָט איהם גאָרניט געלאָזט ענדיגען די רייד.

„מיין פּרינציפּ איז", האָט ער אָנגעפאַנגען, „מיט קיין גרינע הענט אין מיין שאָפּ ניט צו ארבייטען. דהי באַדער דאַנט פּיי! עס איז צופיעל טראָבעל, יו נאָו! אפילו מיין אייגענעם טאַטען ניט! זעהסטו, אַ גמילת חסד אויף אַ פּאָר דאָלער, וועו עס קומט צו מיר אַ געברא־ בענער לאַנדסמאַן, דאָס איז אַן אַנדער פּרינציפּ! איך האָב ליעב אַ לאַנדסמאַן צו טהון אַ פייוועך, יו נאָו!" און ער האָט אויסגערעכענט עטליכע לאַנדסלייט וועלכע ער האָט געליהען צוויי, דריי, פינף און איינעם זאָגאַר אַכט דאָלער און זיי האָבען איהם נאָך ביז יעצט ניט אָפּגעגעבען.

שמואל ליב'ן איז פינסטער געוואָרען פאַר די אויגען. ער האָט דערפיהלט אַ קאַלטען סקרוך איבערגעהן איבער זיין גאַנצען קערפּער, און אינוועניג האָט איהם גענאָגט דאָס הארץ און עס האָט זיך צו־

זאַמענגעדרעהט ווי אין קאָנוואולסיעס, ער האָט ניט געוואוסט וואָס ער זאָל טהון, ער האָט געפיהלט אַז ער קען זיך ניט אויפהויבען פון שטוהל, ווייל ער וועט פאַלען פון שוואַכקייט, רעדען עפּעס האָט ער אויך ניט געקענט, עס האָט איהם געטרוקענט אין האַלדז און אין גומען, און דער געדאַנק אַז ער איז ווידער האָפנונגסלאָז, אַז ער האָט ווידער קיין אויסזיכט צו עפּעס צו צוקומען, קיין אויסוועג פון דער ביטערער, פערצווייפעלטער לאַגע, האָט איהם שרעקליך געברענט אין מוח און דער קאָפּ האָט זיך איהם געדרעהט.

אין דער צייט האָט מיסעס פּעמפּיק אַריינגעבראַכט צוויי גלעזער טהיי און אוועקשטעלענדיג איינס נעבען שמואל ליב׳ן, האָט זי זיך פאַר איהם עקסקיוזט, אַז זי וואָלט „אָף קאָורס״ געגעבען „סאָמטהינג״ צו פערבייסען, באַט אונגליקליכערווייזע האָט די „סאָירוועגט״ זי נעסטערען פערלאָזען און עס איז קיינער ניטאָ אַרויפצונעמען „סאָמ־טהינג״ פון דער „בעיקערי״.

שמואל ליב האָט אפילו ניט גיפיהלט דעם טעם פון דעם טעע, זיינע חושים זענען געווען ווי בעטויבט, ער האָט נאָר געטראַכט פון זיין פינסטערער ביטערער נויט, פון דעם שרעקליכען הונגער וואָס פּלאָגט איהם דאָ, אין אַמעריקע, אין דעם גאָלדענעם לאַנד, און זיין פרוי און קינדערלאַך, דאָרט אין דעם וויסטען, פערשאָלטענעם רוס־לאַנד. ווען ער איז פאַרטיג געוואָרען האָט ער זיך באַלד אויפגעהויבען און זיך גלייך געזעגענט אוועקצוגעהן. פּעמפּיק האָט איהם בעגלייט אוים דער טיהר און ווען זיי זענען שוין געווען אין האָל, האָט ער צו איהם געזאָגט:

„מעי בי, דו דאַרפסט אַ פּאָר דאָלער? שעהם זיך ניט, מיר זענען דאָך היימישע, יו נאָו, כמעט קאָמעראַדען! מיין פּרינציפּ איז אַ לאַנדסמאַן צו טהון אַ פייוואָר...״

שמואל ליב האָט איהם געזאָגט אַז ער דאַרף ניט זיינע טובות, האָט איהם געדאַנקט און איז שנעל אַרונטער געלאָפען פון די טרעפּ,

און ווען די שווערע טיהר פון דעם גרויסען אפּאַרטמענט הויז, האָט זיך הינטער איהם צוגעמאַכט, האָט ער דערפיהלט צוויי הייסע שטראָמען טרעהרען אראָפּרינען איבער זיינע איינגעפאַלענע באַקען און ער האָט זיך צום ערשטען מאָהל אין זיין לעבען צעוויינט...

# דער פארליבטער

ער האָט זי שוין געקענט אַ פּאָר יאָהר און ער פלעגט זיך מיט איהר אָפט באַגעגענען און זאָגאַר אַ מאָהל מיט איהר שפּאַצירען אויך. מיט דער צייט איז די באַקאַנטשאַפט מיט איהר ביי איהם געוואָרען עפּעס אַזוי ווי אַ געוואָהנהייט און עס פלעג איהם תּמיד ציהען אַהין, וואו ער האָט אינסטינקטיוו געפיהלט אַז ער וועט זיך דאָרט מיט איהר באַגעגענען און אַז ער וועט שוין ממילא האָבען אַ געלעגענהייט מיט איהר צו נעמען אַ „וואָוק", און נאַטירליכער ווייזע מיט איהר זיך דורך צו ריידען, און דאָס איז איהם זעהר אָנגענעהם געווען.

יעדעס מאָהל וואָס ער האָט זיך מיט איהר באַגעגענט, האָט מיט איהר פאַרבראַכט און זי בעאָבאַכטעט, איז זי אַלץ מעהר און מעהר געוואַקסען אין זיינע אויגען און ער האָט זי אַלע מאָהל געזעהן שעהנער, רייצענדער, מעהר גראַציעז און פול מיט חן, ביז ער האָט אָנגעפאַנגען אויף איהר צו קוקען אַזוי ווי אויף עפּעס אַן אונגעוועהנליכעס וועזען, און אַזוי האָט ער אָנגעפאַנגען אַלץ מעהר און מעהר צו טראַכטען פון איהר, און דאָס שטענדיגע טראַכטען פלעגט אָפט אויף איהם ברענגען אַ שרעקליכע בענקעניש נאָך איהר, ביז אין איין טאָג, ווען ער איז שיעור־ניט קראַנק געוואָרען פון דעם שרעקליכען בענקען נאָך איהר, האָט ער פּרובירט מיט אַנשטרענגונג פון זיין שטאַרקען ווילענס קראַפט זיך אַליין גובר צו זיין און לאַנגזאַם און דייטליך זיך אַליין צו בעט־טראַכטען און אָפּגעבען זיך אַ רעכענונג פון זיינע געפיהלען און שטימונגען, ביז ער איז געקומען צום בעשלוס אַז ניט אַנדערש נאָר ער איז אין איהר פערליבט.

די דאָזיגע ערפאַהרונג האָט אויף איהם אַ גוואַלדיגען איינדרוק געמאַכט. אַן אַנגענעהמער וואַרימער געפיהל האָט זיך צו־גאָסען ביי איהם אין האַרצען. ער איז געווען אי שטאָלץ אי גליקליך פון דעם געדאַנק

אַז ער איז פאַרליעבט און אַז זי איז די וואָס האָט דאָס געפיהל ביי איהם אַרויסגערופען. אַזוי ווי אַ טרייע היים־ליעבענדע מוטער פיהלט איבער טויזענטערליי צערטליכקייטען צו איהר פיצעלע אונשולדיגען ברוסט־קינד, אַזוי האָט ער געפיהלט עפּעס אַ מין איידעלע צערטליכקייט, אַן אונגעהייערע ווייכע מילדקייט צו זיין נאַר־וואָס געבוירענעם געדאַנק, צו דעם נאַר וואָס ענטדעקטען געפיהל, און עס האָט איהם שרעקליך געצויגען צו איהר צו געהן, זיין ליפּען, פליהען, און איהר באַלד, נאָך דעם זעלבען טאָג מיט טהיילען פון זיין גרויסער, הייליגער ליעבע צו איהר.

זיין אייגען ליעבע און דאָס שטאַרקע געפיהל פון זעלבסט רעס־פּעקט, האָט איהם אָבער צוריק געהאַלטען. ער האָט געוואוסט און האָט פאַרשטאַנען דערפון וואָס ער האָט אַמאָל געהערט און געלעזען, אַז עס איז גאַנץ מעגליך אַז אַ מיידעל זאָל זיך פאַרהאַלטען נאַר פריינד־ליך צו אַ יונגען מאַן און איהם דאָך ניט ליעב האָבען, און ער האָט שטאַרק מורא געהאַט אַז דאָס קען אויך זיין דער פאַל מיט איהם, אַז כאָטש זי איז מיט איהם זעהר נאָהענט באַפריינדעט, קען אויך זיין אַז זי פיהלט צו איהם ניט קיין ליעבע, און זי וועט דערפאַר ניט קענען זיין ליעבע ערווידערען. דער געדאַנק האָט איהם שרעקליך געפּלאָגט עפּעס אַזוי ווי אַ טיעפער אונבאַגרייפליכער טרויער האָט איהם אַרום גענומען און ער האָט זיך אין גאַנצען פאַרלוירען פאַר דער מורא טאָמער ליעבט זי איהם ניט און זיין ליעבע צו איהר איז אומ־זיסט און דאָס האָט נאָך מעהר געררייצט אין איהם זיינע געפיהלען צו איהר און ער האָט באַשלאָסען דאָס אויסצוגעפינען ביי דער ערשטער בעסטער געלעגענהייט.

דעם זעלבען אָבענד האָט ער זי אין איהר וואָהנונג באַזוכט און ער האָט זיך געפיהלט אין גאַנצען באַהערשט פון איהר. אַ מערק־ווירדיגער געפיהל פון טיעפער אַכטונג, רעספּעקט און איבערגעבענ־הייט צו איהר האָט דורך געדרונגען זיין גאַנצעס וועזען ווען ער האָט זי באַגריסענדיג איהר האַנד געדריקט. זיצענדיג דערנאָך קעגען איהר און ריידענדיג פון פאַרשיעדענע זאַכען האָט ער קוים געוואַגט

אויף איהר צו קוקען אויס מורא אז זי זאל חלילה ניט ערפאהרען זיין געהיימנים. זיין הארץ האט שטארק געקלאפט, דאס בלוט איז שנעל געלאפען אין זיינע אדערען, דאס געזיכט האט ביי איהם געפלאמט און ער האט געפיהלט שרעקליך היים. אך, ווען ער זאל איצט קענען זי ארום נעמען, אומארמען זי, און צו דריקען זי צו זיין יונגער ברוסט און באדעקען איהר געזיכט מיט זיינע הייסע ליעבעס קושען! ער האט דאס אבער ניט געקענט טהאן. ער האט געפיהלט שווער, אזוי ווי צו־געשמידט צום ארט, און האט אפילו ניט געוואגט צו קוקען איהר גלייך אין די אויגען אריין, אזוי קליינלאך און נישטיג האט ער זיך לעבען איהר געפיהלט.

ענדליך האבען זיי אנגעהויבען צו רעדען איבער דער אימער אלטער און דאך נייער טעמע „ליעבע“, און ער האט געפאסט מוטה און זי געפרעגט: „זאגט מיר דעם אמת, זענט איהר פארליעבט?“

זי האט אויף איהם דרייסט א קוק געטוהן און האט קורץ געענט־פערט „יא!“

דער ענטפער האט איהם אביסעל מעהר מוטה געגעבען און ער האט אזוי ווי אין שפאס געפרעגט „און ווער איז דער גליקליכער?“

„דאס הילט איהר שוין צופיעל וויסען“, האט זי געענטפערט מיט א קאקעטישען שמייכעלע, וואס האט ביי איהם אין גאנצען זיין קוראזש אוועק גענומען. ער האט זיך אבער געפלייסט ניט ארוים צו ווייזען זיין אינטערעס און אוועק קוקענדיג אן א זייט האט ער געשטאמעלט: „איך וויל גאר ניט אזוי שטארק וויסען ווי איך ווייזט זיך אוים. איך פרעג גלאט אזוי אויס גוט פריינדשאפט“.

„זענט איהר מיר ווירקליך אזא גוטער פריינד?“ האט זי איהם דערביי געפרעגט.

„געוויס!!!“ און נאך וואס א פריינד!“ האט ער געוואלט אויס־רופען, און האט זיך באלד צוריק געכאפט, ווארטענדיג אז זי זאל ווייטער רעדען. זי האט זיך אבער אויף עפעס פארטראכט און האט אויך געשוויגען.

א וואָרעמער אַנגענעמענער געדאַנק, אַז פיליכט מיינט זי איהם, איז דורך געפלויגען אין זיין מוח און ער האָט געבראָכען די קורצע שטילקייט מיט דער פראַגע:

„נו, מעג איך וויסען ווער איהר ליעבט?"

„ניין!" האָט זי געענטפערט, „איהר טאָרט ניט". ווען זי האָט דעם קורצען ענטפער ארויסגעזאָגט, האָט זי אויפגעהויבען איהרע שעהנע אויגען צום סילינג און האָט זיך פאַרטראַכט.

ער האָט פון איהר זיינע אויגען ניט אראָפּ גענומען און עס האָט זיך איהם אין דער מינוט אויסגעוויזען, אַז ער קען לייענען איהרע געדאַנקען, און אַז זי טראַכט פון איהם, און אַז איהרע געדאַנקען וועגען איהם זיינען ווי זיינע וועגען איהר. ניט־מעהר זיי האָבען ניט קיין מוטה איינער צום צווייטען די געפיהלען און געדאַנקען צו אַנט־פּלעקען, און דער געדאַנק האָט געשמייכעלט זיין פאַנטאַזיע, אַז ניט אַנדערש נאָר זי איז פאַרליעבט אין איהם ווי ער אין איהר, נאָר זי קען דאָס איהם ניט זאָגען. דאָס איז אָבער ניט געווען גענוג פאַר איהם, זיין אייגען ליעבע האָט אין איהם בעשטייגט פון מינוט צו מינוט און ער איז ביי זיך אַליין גרעסער און ווירדיגער געוואָרען. אַננעהמענדיג זיך מיט מעהר מוטה האָט ער זי פאַרשענדיג געפרעגט:

„ווי אַזוי זעהט אוים אייער געליעבטער?"

זי האָט אויסגעדרעהט איהר געזיכט צו איהם, און גלייך ווי זי וואָלט דאָס לעזען פון זיין געזיכט האָט זי אַנגעפאַנגען אויסמאַהלען פאַר איהם דאָס אויסזעהן פון איהר געליעבטען, און מערקווירדיג ווי יעדער שטריך האָט זיך געפּאַסט צו איהם. שוואַרצע געקרויזטע האָר, (זיינע האָר זענען שוואַרץ און קרויזיג), טיעפע קלוגע אויגען, („דאָס זענען דאָך מיינע אויגען", האָט ער ביי זיך געטראַכט), דאָס געזיכט רונד, גוט מוטהיג, מיט אַ שטענדיגען ליעבליכען שמייכעלע. (זיין שמייכעל האָט זיך דערביי צושפּרייט איבער זיין געזיכט, וואָס ער איז געווען זיכער איז אי רונד, אי גוטמוטהיג).

„דאס בין איך דאך!" האט ער געוואלט אויסרופען און זיך ארויף ווארפען אויף איהר און זי באדעקען מיט זיינע הייסע קושען. ער האט זיך נאך אבער אלץ צוריק געהאלטען. זיין גליק האט געשטיגען, זיין פרייד איז געווען גרויס, די אויגען האבען ביי איהם געשטראהלט פון גליק און פרייד. ער האט גאר ניט געצווייפעלט אז דאס איז ער. ער איז זאגאר געווען זיכער, שטארק זיכער, נאר ער האט געוואלט ארויס ציהען זיין נאמען פון איהר מויל. ער האט געוואלט מיט זיינע אויערען הערען ווי זי, מיט איהרע שעהנע ליפען, רעדט ארויס זיין נאמען, און רופט איהם אלס איהר געליעבטען, איהר געוועהלטען און דערנאך וועט ער איהר אויך זאגען ווי היים ער ליעבט זי, ווי טהייער און ווי הייליג זי איז ביי איהם, און זיי וועלען זיך ביידע איבערגעבען איינער צום אנדערען מיט דעם פולען באוואוסטזיין פון זייער שטארקער געגענזייטיגער ליעבע.

און בעת זי האט ענטהוזיאסטיש גערעדט פון איהר געליעבטענס אויסזעהן, און זיין אייגענער בילד איז געוואקסען פאר זיינע אויגען מיט דעם חן און שעהנקייט וואס זי האט פאר איהם געמאהלען דאס געזיכט פון איהר געליעבטען, האט ער זיך צו איהר צוגערוקט אלץ נעהנטער און נעהנטער, און אנגעמענדיג איהרע הענט און זיי ווארעם דריקענדיג, האט ער זי האלב בעטענדיג און האלב באפעהלענדיג געפרעגט: „און זיין נאמען? אה, פליעז, רעדט ארויס זיין נאמען!"

ער האט עס ביי איהר גע'פועל'ט. דאס איז אבער ניט געווען זיין נאמען, נאר דער נאמען פון זיינעם א חבר וועלכער האט אין דער אמת'ן אויסגעזעהן ווי זי האט געשילדערט. ווען ער האט דערהערט דעם נאמען האט ער דערפיהלט אזוי ווי עפעס אן אונגעהויערע שווערע זאך איז איהם גלייך אויפ'ן קאפ אראפ געפאלען, און אין הארצען האט זיך ביי איהם עפעס אפ געריסען. ער האט אבגעלאזט איהרע הענט און האט זיך פון איהר אויטאמאטיש אפגערוקט. עס האט איהם אנ־געהויבען שרעקליך באנג צו טהאן צו דעם גאנצען אבענד און ווארום ער האט זי אזוי דרינגליך אויסגעפארשט. ווען ער איז דער נאך אביסעל צו זיך געקומען האט ער איבער געדרעהט דעם געשפרעך אויף

עפּעס אנדערש און אין אַ קורצער ווײַלע אַרום האָט ער זיך מיט אָנ־געשטרענגטער גלײַכגילטיגקייט מיט איהר גענעגענט און איז פון איהר אַוועקגעגאַנגען.

• • •

ווען ער איז אַראָפּ פון די טרעפּען פון איהר הויז, האָט איהם באַגעגענט אַ העללע ליכט פון דער פולער זילבערנער לבנה, וועלכע איז דאָן געשטאַנען אין דעם לויטערן הימעל גראַדע קעגען דעם הויז. אין דער גאַס אַרום איהם איז אַלעס געווען שטיל. די לאַנגע שורות הויכע הײַזער מיט די ווײַסע פאָרהאַנגען אין די פענסטער האָבען ווי פאַר־חלום'טע זיך געבאָדען אין דעם העלען לבנה־ליכט וואָס האָט געהאַנגען איבער זײערע דעכער און אין דעם בלוילינען אויר פון דער נאַכט. אַ זאַנפטער, קיהלער ווינטעלע האָט איהם געבלאָזען אין געזיכט אַרײַן און געפּרופט אָפּטריקענען די גרויסע שוויים־טראָפּענס וועלכע זײַנען אַרויסגעטראָטען אויף זײַן שטערען ווען ער איז שנעל אַראָפּ־געלאָפען פון די טרעפּען. ער האָט דאָס אַלעס ניט באַמערקט און ניט געפיהלט. פאַר איהם איז אַלעס געווען שוואַרץ און פינסטער. זײַן זעעלע באַטריעבט און געערגערט און אין האַרץ האָט בײַ איהם עפּעס האַסטיג שנעל געקלאַפּט און אַ שרעקליכער וועהטאָג האָט איהם גע־דריקט. ער איז געגאַנגען מיט שנעלע טריט, גלײַך ווי עמיצער וואָלט איהם נאָך געלאָפען און אין מוח האָבען זיך בײַ איהם געיאָגט טויזענדער, פאַרשיעדענע, צוריסענע, פאַרפּלאָנטערטע, פינסטערע און בייזע געדאַנקען אַרום דעם נאָמען פון זײַן חבר, וועמען זי האָט איהם געזאָגט, אַז זי ליעבט אנשטאָט איהם.

# מיסעס בינסקים תפלה

א שבת אין דער פריה אין מאי, זיצענדיג ביי דעם פענסטער פון איהר פראנט־רום, וועלכע האט ארויס געקוקט אויף פראספעקט עוועניו, די לאנגע ברייטע גאס אין די בראנקס, וועלכע איז לעצטענס אזוי געדיכט באזעצט מיט אידען, האט די אלטע מיסעס בינסקי שטיל שווייגענדיג נאכגעפאלגט די בעוועגונגען פון איהר יונגסטער טאכטער מרים, וועלכע האט זיך אנגעטאהן אין אייליגעניש, און צווישען איין שוך און צווייטען אדער צווישען איין מלבוש און אן אנדערען, האט זי שנעל אנגעביסען א טרוקענעם קרעקער און האט פערטרונקען מיט קאפע, וועלכע איז שוין לאנג קאלט געווארען.

די אלטע מיסעס בינסקי איז אן אלמנה. מיט פיעל יאהרען צוריק, ווען איהר מאן איז פלוצים געשטארבען, נאך גאר א יונגער־מאן, האט ער זי איבער געלאזט מיט זיבען קליינע קינדערלאך, זיבען יתומים, איינס קלענער פון אנדערען. די עלטסטע איז דאמאלס צוועלף יאהר אלט געווען און דאס יונגסטע קוים צעהן וואכען, און דאס פערמעגען וואס ער האט פאר זיי איבערגעלאזט איז געווען א קליינע גראסערי סטארקע מיט זעהר ווייניג סחורה און מיט א קליינער צאהל ארעמע קאסטימערס אויף דער איסט סייד.

אין דעם מאמענט פון איהר גרעסטער נויט און צער האט מיסעס בינסקי ניט פערלארען איהר מוטה. מיסעס בינסקי איז געווען א גלויבינגע. זי האט געגלויבט אז דער וואס לעבט אייביג ווייסט וואס אויף דער וועלט טוהט זיך און אז קיין זאך פאסירט ניט אהן זיין ווילען, און אז ער איז א בעשיצער פון שוואכע אלמנות און ארעמע יתומים. זי האט געגלויבט אז גאט ברוך הוא וועט אויף איהר מיט איהרע קינדער גרויס רחמנות האבען און וועט זיי ניט פערלאזען אין דער נויט און אז ווען ער האט איצט ביי איהר צו גענומען איהר מאן

און ברויט-געבער און ביי זיי דעם טאטען און פארזארגער, וועט ער זיך שוין מסתמא זארגען פאר זיי אלעמען.

מיט דעם גלויבען טיעף איינגעווארצעלט אין איהר מוח און אין איהר הארץ, האט מיסעס בינסקי אפּ געווישט די טרעהרען וואס האבען געקוואלען פון איהרע אויגען בשעת מען האט איהר טויטען מאן זיין רעכט געטוהן און ווען מען האט איהם אין טויטען־קאסטען אין דעם קבר אראפגעלאזט און מיט ערד פארשאטען. ווען זי איז פון דער סעמעטערי אהיים געקומען, האט זי ארום זיך צונויף גענומען די טרויעריגע פערוויינטע און דערשראקענע קינדערלאך, וועלכע האבען נעבעך נאר ניט פערשטאנען און ניט געוואוסט וואס מ׳טוהט דאס מיט זייער „פאפא“. זי האט זיי אלעמען צו זיך צוגעטוליעט אפגעוואשען און אפגעווישט די טרעהרען פון זייערע פנים׳לאך, דעם געגלעט און די געקושט און האט זיך מיט זיי געטרייסט. און אזוי ווי די שבעה טעג זענען נאר אריבער האט זי געעפענט די גראסערי סטארקע, אויסגעגלייכט דאס ביסעל סחורה, און זיך גענומען צו ביזנעס און האט זארג פעליג און פינקטליך אטענדעט צו די אלטע קאסטימערס און האט געטרייעט ווי ווייט מעגליך צו קריגען נייע.

און דער שיקזאל איז צו מיסעס בינסקי גוט געווען. אם וועניגסטען האט זי אליין אזוי געגלויבט. אמת איהר דאליע איז ניט געווען זעהר א גוטע. אמת זי האט נעבעך געארבייט שוועהר און ביטער און קיין זאך איז איהר ניט אנגעקומען גרינג, איבערהויפט די ערשטע צייט. אמת, זי איז געווארען שטארק פארעלטערט, געקנייטשט און נעקארטשעט, נאך פאר פערציג יאהר, אבער פלעגט זי זיך אליין אויסרעדען, ווען א מאמע האט זיעבען קליינע קינדער אויף איהרע הענט, און דארף זיי אויסכאווען און דערנעהרען מיט איהרע אייגענע כוחות, אהן א טאטען, יעדען בעקליידען און בעשיכען נאר, טאהר מען זיך ניט אומקוקען אויף זיך אליין. און זי האט זיך חלילה פאר קיינעם ניט בעקלאגט. תמיד געפלייסט זיך אויסצוזעהן מונטער, אימער א שמייכעלע אויף איהר געזיכט, און האט פאר יעדען קאסטימער א גוט ווארט געהאט. און אזוי האט זי צו זיך צו געצויגען אלע פרויען פון

איהר נאכבארשאפט, וועלכע האבען אויף איהר מיט איהרע קינדער גרויס מיטלייד געהאט און זענען געקומען זי פאטראנייזען און נאר מיט געבראכט זייערע שכנות אדער רעקאמאנדירט צו איהר קאסטימער פון ווייטערע געגענדען. ביי איהר אין גראסערי צו קויפען זייערע בעדערפנישען, און די ביזנעס זענען אהן עין הרע געוואקסען און געוואקסען.

ווי יעדעס איינס פון מיסעס בינסקיס קינדער זענען נאר אונטער געוואקסען, האט זי געהאט צייט־ווייליגע געהילפע אין דער גראסערי. די קינדער האבען מיט איהר געארבייט אין סטאר און איהר געהאלפען טראגען די לאסט פון דעם געשעפט. אבער קיינער פון זיי האט חלילה ניט פערנאכלעסיגט צו געהן אין סקוהל אריין און צו לערנען ווי עס בעדארף צו זיין. פארקעהרט, ווי ביזי מיסעס בינסקי איז ניט געווען, האט זי ניט אראפ געלאזט איין אויג פון די קינדער און האט איבערהויפט געזעהן אז זיי זאלען זיך גוט לערנען, געהן אין צייט אין סקוהל און מאכען זייערע לעסאנס. זי האט פאר די באיעס געדונגען א „היברו טיטשער”, און פון די מיידלאך ווענען האט זי אפגעריסען געלד צו קויפען א פיאנא און זיי געלאזט לערנען שפיעלען אויף דעם אינסטרומענט. די צייט, די ערפארונג און די פערשיעדענע לעבענס שוועריגקייטען האבען דער יונגער שוואכער אלמנה געשטארקט און איהר געגעבען מוטה און קוראזש און זי איז געווען זעהר ערפאלגרייך ניט נאר אין א מאטעריעלען זינן אין איהר ביזנעס, אין איהרע האנדלונגען מיט איהרע קאסטימערס און מיט די קרעדיטארס, די האלסיילערס, אין דעם שטענדיג פערגרעסערטען געשעפט, נאר אויך אין א מאראלישען זינן אין דער ערציהונג פון איהר גרויסע פאמיליע האט זי די פעראנטווארטליכקייט דורכגעפיהרט מיט גרויס סוקסעס. זי האט שטענדיג געטרייעט ווי ווייט מעגליך ביי יעדער געלעגענהייט אויס צו איבען דעם ריכטיגען איינפלוס אויף יעדען קינד אז עס זאל זיך פיהרען ווי זי האט געוואלט מיט לייטען גלייך. זי האט געשפיעלט די דאפעלטע ראליע פון מוטער און פאטער צו זיי. אלס די מוטער האט זי שטענדיג אפגעהיט אז עס זאל זיי חלילה קיין זאך ניט

פעהלען; האט אכטונג נעגעבען אויף זייער געזונד, און אלס א גע־טרייער פאטער האט זי זיי געפיהרט אויפ'ן ריכטיגען וועג און געצייגט זיי אין צייט די ריכטיגע זאך צו טוהן און זיך צו בילדען און צו ווערען מענשען. אזוי נאך זענען די קינדער אויסגעוואקסען, שעהנע, געזונטע און געראטענע, און זיי האבען זי אלע ליעב געהאט און זי אויך רעספעקטירט. פון קינדהייט אן, העט ביז נאך זייער חתונה, האט יעדער פון זיי געפאלגט די מאמען אין יעדער הינזיכט. יעדער האט זיך גענומען צו דער פראפעסיאן, האט זיך געלערנט די מלאכה, אדער געטוהן די ביזנעס וואס די מאמע האט געראטען און ווען די־צייט איז געקומען האט זי פאר די זיהן שעהנע לייטישע כלות אויס־געקליבען און האט מיט די טעכטער אויך גוטע שידוכים געטאהן, און יעדען פון זיי געגעבען דאס וואס זי האט גערעכנט אז עס קומט זיי, און האט זיי, ווי מ'זאגט, מיט אלדאס גוטס בעזארגט.

אזוי האט עס פאסירט, אז ווען מיסעס בינסקי איז שוין געווען פינף און צוואנציג יאהר אן אלמנה און איז דריי און זעכציג יאהר אלט געווארען, האט זי שוין געהאט זעקס אויסגעגעבענע זיהן מיט טעכטער, וועלכע האבען אלע געוואהנט אין די בראנקס און זי איז געווען א באבע פון עטליכע אייניקלאך וועלכע זי האט שטארק ליעב געהאט, און די אייניקלאך האבען די באבען אויך ניט וויינינגער געליעבט, געאכט און געשעצט.

און צוליעב דער גרויסער ליעבע וואס זי האט געפיהלט צו די טהייערע אייניקלאך, האט זי זיך ענדליך בעשלאסען צו פערקויפען איהר גרויסע גראסערי ביזנעס צו א פאר קלוירקס וואס האבען ביי איהר געארבייט די לעצטע עטליכע יאהר. און זי האט זיך אויך בע־זעצט אין די בראנקס. דא האט זי כמעט דעם גאנצען טאג פערבראכט דאס ביי דעם זוהן דאס ביי דער טאכטער אין הויז און האט געניאנ־טשעט און זיך געשפיעלט מיט די קליינע קינדערלאך, און זי האט צווישען זיי און מיט זיי געפיהלט יונגער און דערפרישט. עפעס אזוי ווי א ניי לעבען וואלט אויף איהר געקומען, פאר וועלכען זי האט כסדר גאט געלויבט און איז איהם זעהר דאנקבאר געווען.

איין זאך בלויז האָט געשטערט מיסעס בינסקי׳ס גליק און פער־גניגנען, דאָס איז געווען דער מאָדנער און זאָנדערבאַרער אַרט לעבען וואָס איהר יונגסטע טאָכטער מרים האָט געפיהרט.

מרים איז חלילה ניט געווען אונגעהאָרכזאַם צו איהר אַלטער מוטער, אָה ניין! די יונגסטע און שעהנע טאָכטער איהרע האָט ווי די עלטערע זיך גוט געלערענט אין פּאַבליק סקוהל און האָט געענדיגט היי סקוהל און שפּעטער דעם קאָלעדזש וואו זי האָט שטודירט צו זיין אַ טיטשער. די אַלטע מאַמע, די אלמנה איז אודאי געווען שטאָלץ מיט איהר יונגסטער טאָכטער און איהר האַרץ האָט אָנגעקוואָלען פון נחת ווען זי איז בעשטימט געוואָרען אַלס אַ טיטשערין אין אַ הויכען קלאַס פון פּובליק סקוהל מיט אַ זעהר גוטען יעהרליכען געהאַלט. מרים איז אָבער ווי מאַנכע אַנדערע מיידלאַך, אַפּגעריסען געוואָרען פון קאָנווענציאָנעלען געזעלשאַפטליכען לעבען און האָט זיך אָנגעהויבען צו אינטערעסירען מיט וויכטיגע לעבענס פראַגען און איז געוואָרען זעהר טהעטיג אין פערשיעדענע ראַדיקאַלע אָרגאַניזאַציאָנען און בע־וועגונגען.

טיעף אין האַרצען האָט מיסעס בינסקי געפיהלט אַז איהר שעהנע יונגע טאָכטער לעבט עפּעס אַ סאָרט הויכען אידיעאַלען לעבען, כאָטש זי האָט קוים בעגריפען איהר טאָכטער׳ס מאָטיווען און נייגונגען און האָט ניט אַפּט פערשטאַנען איהרע האַנדלונגען, פון דעסטוועגען האָט זי אינסטינקטיוו געפיהלט, אַז זי איז אַ בעגייסטערטע פון אַ גרויסען אידעאַל וואָס מאַכט זי גליקליך. זי האָט אָבער אויך איינגעזעהן אין איהר טאָכטער איז ווייט, ווייט אַנדערש פון איהרע אַנדערע קינדער און אַז זי איז גאָר ווייט פון זיי און פון איהר אַוועק געגאַנגען. און דאָס האָט ניט געשטימט מיט די פּלענער וועלכע זי האָט פון איהר יונגסטער טאָכטער וועגען, לאַנג, לאַנג געמאַכט ביי זיך אין געדאַנק, וועגען איהר קינדס צוקונפטיגען גליק. ווייל וואָס זי האָט ניט געטוהן פאַר די אַנדערע קינדער ווען זי האָט זיי צו לייטען געבראַכט, האָט זי נאָך געוואָלט און געקאָנט מעהר טוהן פאַר איהר יונגסטער טאָכטער. איהר געבען אַ גרעסערען נדן מיט אַ שעהנערען אויסשטייער, ווען זי

זאָל נאָר וועלען חתונה האָבען. מרים איז שוין אָבער געווען אַריבער פינף און צוואַנציג יאָהר און האָט גאָר ניט געוואָלט טראַכטען פון תכלית, כאָטש אונצעהליגע יונגע לייט האָבען כמעט איהר טיהר אָפּגעריסען און האָבען געוואָלט מיט איהר חתונה האָבען.

די אַלטע אַלמנה האָט דעריבער זיך געפיהלט שטאַרק געערגערט און דאָס האָט איהר ביסעלע גליק אויף די עלטערע יאָהרען געשטערט. זי האָט געהאָפט איהר מרים'לען צו זעהן אַ גליקליך פערהייראַטע פרוי, ווי די אַנדערע טעכטער, און אַ מאַמע פון קינדערלאַך. אָבער אַזוי? ווי קען זי גאָר רוהיג לעבען ווען דאָס מיידעל ווערט וואָס אַ מאָהל עלטער און וויל זיך אפילו ניט לאָזען ריידען פון חתונה האָבען ווי מיסעס בינסקי האָט שוין עטליכע מאָהל פּרובירט.

דעם שבת איז דער פריה ווען מיסעס בינסקי האָט שטיל שווייגענ־דיג בעאָבאַכטעט מרים'ן ווי זי האָט זיך שנעל אָנגעטוהן איהרע קליידער און געאיילט זיך אַוועק צו געהן, האָט זי ביי זיך בעשלאָסען מיט איהר אַן ערנסטען שמועס צו טוהן און אויב עס וועט נויטיג זיין מיט איהר רעדען שטרענג וועגען אַ תכלית. מרים האָט שוין געהאַט נעענדיגט איהר איינפּאַכען טואַלעט ווען די אַלטע האָט זי נעפרעגט: „וואוהין אַזוי פריה, מיין קינד?"

„צו אַ מיטינג". האָט מרים נעענטפערט.

„וואָס פאַר אַ מיטינג?" האָט די מוטער געוואָלט וויסען.

„דו ווייסט דען ניט, מאַמע!" האָט מרים אָנגעפאַנגען איהר ערקלעהרען, „דער היינטיגער פאַרמיטאָג איז בעשטימט געוואָרען אויף אָפּצוהאַלטען עטליכע פּראָטעסט־מיטינגען אין פערשיעדענע געגענדען פון שטאָדט צו פּראָטעסטירען געגען דער ברוטאַלער און טיראַנישער אויפפיהרונג פון דער פּאָליציי געגען די סטרייקענדע קלאָוק־מאַכער".

מיסעס בינסקי האָט נעקוקט אויף איהר טאָכטער אַ פערוואונ־דערטע. „אָבער וואָס דאַרפסטו אַוועק אַזוי פריה פון הויז?" האָט זי געפרעגט.

„ווייל איך בין איינע פון די רערנער און איך דארף בעגעגענען א פאר מענשען פון דער אראנדזשעמענט קאמיטע", האט איהר מרים געענטפערט און זיך געוואלט לאזען געהן. די מוטער האט זי אבער ניט געלאזט אוועק געהן.

„טאכטער מיינע!" האט זי זיך צו איהר געווענדעט, „זאג מיר נאר, ביז ווען וועסטו פיהרען דעם סארט לעבען".

„וואס איז דער מעהר מיט דעם סארט לעבען?" האט מרים איבערגעפרעגט אנשטאט צו ענטפערען.

„גאר ניט. אבער דו ביזט דאך א אידישע טאכטער, מיין קינד".

„איך בין א מענש, מוטער", האט מרים איהר געענטפערט און האט פארטגעזעצט, „איך פיהל־מיט מיט דער גאנצער מענשהייט. מיין הארץ בלוטעט ווען איך זעה ווי די גרויסע מאסען ארבייטער ווערען עקספלואטירט, און ווען זיי געהן ארויס אין סטרייק אום אויס־צו־קעמפען פאר זיך בעסערע לעבענס בעדינגונגען איז די רעגירונגס מאכט געגען זיי, און העלפט זייערע עקספלואטאטארס".

„שא, שא!" האט מיסעס בינסקי אויסגערופען. „דו ווייסט גוט אז איך בין א פראסטע אידישע פרוי און איך קען ניט פערשטעהן דיינע לאנגע ווערטער. דו ביזט א אידישע טאכטער, מרים, אין דיינע יאהרען דארפסטו שוין האבען א פאמיליע און פערגעסען אן מיטינגען מיט ספיטשעס"....

„מוטער!" האט מרים איהר איבערגעשלאגען די רייד, „אויב דו ווילסט ווידער ריידען וועגען חתונה האבען, האב איך פון דעסטוועגען איצט קיין צייט ניט".

„דו האסט איצט ניט קיין צייט און איך וועל שוין אפשר קיינמאל קיין צייט ניט האבען", האט מיסעס בינסקי געענטפערט און אנ־פאנגענדיג זיך צו בעטען ביי איהר מיט טרעהרען אין די אויגען, האט זי געזאגט, „קינד מיינס, איך בין שוין אלט און צובראכען. דריי און זעכציג יאהר האב איך געלעבט אויף דער וועלט און אלע ביטערע פערוואגעלטע יאהרען זענען זיי געווען. פול מיט צרות, מיט ליידען און

נוים. איך ווייס ניט ווי לאַנג מיר איז נאָך אין גאַנצען בעשעהרט צו לעבען אויף דער וועלט. אַבער, מרים׳ל קינד, איצט אויף דער עלטער ווען איך האָב שוין דאַנקען גאָט, ביי די אַנדערע קינדער דער־לעבט אַביסעל נחת, פאַרשטעהרסטו מיר דאָס ביסעלע גליק".

„פאַר וואָס, מאַמע?" האָט מרים ניט פערשטאַנען.

„ווייל", האָט די אַלטע געענטפערט כמעט וויינענדיג. „אַ מיידעל, אַ אידישע טאָכטער אין דיינע יאָהרען דאַרף שוין זיין פערהייראַט און האָבען קינדער. און דאָס, קינדעלע, איז מיין איינציגער און לעצטער וואונש, צו זעהן דיך פאַרזאָרגט מיט אַ גוטען מאַן אין אַ גוטער היים, דערנאָך וועל איך שוין קענען רוהיג שטאַרבען".

„אַבער, מאַמע טהייערע", האָט מרים זי געגלעט. „מ׳האָט דאָך ניט חתונה בלויז צופריערען צו שטעלען אַז אַלטע מאַמע און ווייל זי ווינשט אַזוי".

„זאָג זשע מיר, קינד מיינס", האָט די אַלטע זיך אויסווישענדיג די טרעהרען, זי געפרעגט. „פאַרוואָס האָסטו ניט חתונה? דו ביסט דאָך אַ מענש גלייך מיט אַנדערע פרויען, און גאָר פיעלע מענער וואָלטען זיך געשעצט גליקליך מיט דיר".

מרים האָט געפיהלט אַז די איינפאַכע און אָפענהערציגע פראַגע דאַרף געענטפערט ווערען. זי האָט זיך אַוועק געזעצט לעבען איהר מוטער, האָט איהר צערטליך אַ קוש געטוהן אין געקנייטשטען שטערן און האָט אָפּגעווישט אַ טרעהר וואָס איז ציטערענדיג געלעגען אין אַ קנייטש פון איהר געזיכט און זי האָט צו איהר גערעדט שטיל און ווייך אָבער מיט קלאָהרע און ריינע ווערטער.

„זיי זיכער, מאַמעניו", האָט זי צו איהר געזאָגט. „אַז איך בין פונקט אַזוי מענשליך ווי מיינע שוועסטער און אַנדערע פרויען, און אַז די הייראַט איז ביי מיר אויך אַ ציעל און צוועק אין לעבען. איך קען אָדער ניט הייראַטען בלויז צו זיין אַ פערהייראַטע פרוי. די מענער וויי... מיך ביז איצט געוואָלט און וואָס וואָלטען זיך געשעצט ... ...יך, ווי דו האָסט געזאָגט, האָבען מיך געוואָלט פאַר

מיין שענהייט און אויך צוליעב מיין נדן. זיי האבען זיך געוואלט אויס־שטאטען א „היים" נאך וועלכע זיי בענקען נאך פיעל יאהרען פון זינדיגען אונמאראלישען לעבען. איך וויל אבער אזוי און מיט אזא מאן ניט הייראטען, זיי זיכער, מאמעניו, אז איך וויים וואס איך וויל. איך וויל א מאן וואס וועט מיך אמת ליעבען און פארשטעהן און וועט צו מיר זיין ניט נאר א מאן נאר א פריינד קאמעראד, אזא איינעם וועל איך אויך קענען ליעבען און מיט איהם לעבען גליקליך און צו־פריעדען, און איך האף, מאמעניו, און איך בין זיכער אז ערגעץ וואו וועל איך ווען עס איז אזא פריינד און געליעבטען בעגעגענען און אזוי שנעל ווי איך וועל איהם בעגעגענען וועל איך זיין ליעבע ער־אידערען און מיר וועלען בעלאנגען איינער צום אנדערען מיט ליעבע און גליק".

מרים'ס געזיכט האט אזוי ווי אויפגעשטראהלט ווען זי האט דאס ארויסגערעדט און אין איהרע אויגען האט זיך אנגעצונדען א פייערל פון יוגענדליכער בעגייסטערונג. ריידענדיג האט זי ארויסגעקוקט פון פענסטער, וייט, ווייט צום האריזאנט און דערנאך איז זי געבליבען זיצען א פערטראכטע. פיעלייכט האט זי געטראכט פון דעם גליק און פון דער ליעבע אויף וועלכער זי האט געהאפט.

מיסעם בינסקי האט איהר ניט געענטפערט פאר עטליכע מינוטען. האט זי אויך ארויסגעקוקט אין סטריט אריין אבער ניט צו די מענשען וועלכע האבען דארטען שפאצירט און ניט אויף די הייזער געגענאיבער נאר גלאט אזוי אין דער ווייטער לופט אריין און אין איהר געקנייטש־טען שטערען האט מען געקאנט דערקענען אז ביי איהר אין מוח זענען געלאפען און געיאגט זיך פערשיעדענע געדאנקען, וואס איהר טאכטערס רייד האבען ביי איהר ארויסגערופען. מאדנע, נייע סארטען גע־דאנקען, וועלכע האבען זי ניט אין גאנצען בערוהיגט, אבער זי האט דאך אנגעהויבען צו פיהלען בעסער ווי פריהער. ענדליך האט זי זיך אפגערופען צו מרים'ען. „נו, נעה שוין, געה, מיין קינד, און טוה וואס דו דארפסט".

„אלרייט!" האט מרים געזאגט, און קושענדיג די מוטער איידער

זי איז אוועקגעגאַנגען האָט זי פאַרטגעזעצט. „ווען דו זאָלסט וועלען מיט מיר מיט געהן, מוטער, וואָלסטו געזעהן“.

„ניין, ניין מיין קינד, איך בין שוין צו אַלט דערויף. איך דאַרף באַלד געהן אין שוהל אריין“.

---

עטליכע מינוטען שפּעטער, נאָכדעם וואָס מרים איז פון הויז אַרוים האָט די אַלטע מיסעס בינסקי זיך אָנגעטאָהן איהרע שבת'דיגע בגדים, האָט גענומען דעם סידור און דאָס פאַרזיכטיג איינגעוויקעלט אין אַ זיידענעם טיכעל און איז אוועק דאַוונען אין אַ שוהל ניט ווייט פון איהר הויז.

ווען מיסעס בינסקי איז געקומען אין שוהל אריין, און האָט זיך גע־זעצט אויף איהר פּלאַץ איז די שוהל געווען פול מיט מענשען און מ'האָט שוין געהאַלטען אין מיטען דאַוונען. דער חזן האָט צוערשט געזאָגט די תפלות און די דאַוונערס האָבען אַלע מאַלן אונטער־געכאַפּט די ענדע פון דעם זאַץ און פערענדיגט מיט'ן זעלבען ניגון.

מיסעס בינסקי האָט אויפגעמישט דעם סידור און האָט באַלד אויסגעפונען די תפלה וועלכע דער חזן האָט דאַן פאַרגעבעטען און זי האָט באַלד צוזאַמען מיט די איבעריגע מיטגעדאַוונט. זי האָט אבער אַלץ געטראַכט פון איהר יונגער, שעהנער טאָכטער, פון איהר מרים'לען און פון די רייד וואָס זי האָט פריהער, איידער זי איז אַהער געקומען מיט איהר גערעדט. טראַכטענדיג אַזוי פון איהר און גאָר אונ־בעוואוסטזיניג האָט די אַלמנה אויפגעהערט צו דאַוונען פון דעם סידור און איהרע אַלטע ליפּען האָבען געמורמעלט אַ גאָר אַנדער געבעט.

„גאָט פון מיינע אבות!“ האָט זי שטיל און הארציג געשעפּטשעט, „היט אָפּ מיין קינד פון דעם סאָרט מענער וואָס וויל מיט איהר חתונה האָבען בלויז פאַר איהר שעהנקייט אָדער פאַר איהר נדן. שיק איהר צו, גאָטעניו, אַזאַ סאָרט מאַן וואָס וועט זי אמת ליעבען און פערשטיין און וואָס וועט צו איהר זיין אַ טרייער פריינד אין לעבען און ווענען זי וועט אויך ליעבען און שעצען, אַזוי אַז זיי זאָלען זיך קענען איינס אַנאַנדער גליקליך מאַכען, אמן סלה“.

# חנה׳ס ערײנערונג

עס איז אַ קאַלטער רעגנדיגער טאָג.

אין חנה׳ס שאָפּ איז סלעק און זי איז געבליבן אין דער הײם. זי זיצט בײ זיך אין רום, בײ דעם פענסטער, און קוקט װי דער װינט אין דרויסן שמײסט די דריבנע טראָפּענס רעגן אין די שויבן אַרײן, װעלכע װערן אַלץ נאַסער און טונקעלער.

קוקנדיג אין פענסטער אַרײן פערטראַכט זיך חנה אויף איהר „הײם" אין רוסלאַנד. און ס׳דוכט זיך איהר, אַז זי זעהט, פון װײטען, דורך די נאַסע שויבן, אַלע הײזער פון איהר הײמאַטס-שטעדטעל, װאָס ליגען צואװאָרפען אונטער דער הויכער סקאַלאַ, אויף װעלכער עס געפינען זיך אַזוי פיעל װינט-מיהלען.

װען די װינט-מיהלען קומען איהר אויפ׳ן זינען געהט אַ שוידער איבער איהר קערפּער, זי דערפיהלט אַ קלעמעניש בײם הארצען, און עס װערט איהר שרעקליך אומעטיג.

זי דערמאַנט זיך אַן אַלטער קאַפּעל׳ס, דעם אײגענטהימער פון די װינט-מיהלען, אַן זײן זוהן מאָיסײ, דער פּראָװיזאָר, מיט װעלכען זי האָט זיך געליעבט נאָך צוריק מיט עלף יאָהר, װען זי איז קוים צװאַנציג יאָהר אַלט געװען.

„אַך, װי ער האָט מיך געליעבט!" שעפּטשען שטיל איהרע ליפּען פאַר זיך, און די ערײנערונג טוהט איהר אַ קלאַפּ איבער דעם קאָפּ װי מיט אַ האַק.

זי געדענקט װי ער פלעגט צו איהר רעדען פון ליעבע און גליק; זי געדענקט װי ער פלעגט איהר מאָלען איהר יוגענדליכעס אויסזעהן, איהר שעהנקײט, איהר נאַאיװקײט; איהר אײנפאַכען, אונשולדיגען

בליק פון איהרע שוואַרצע אויגען, האָט ער געליעבט. און זי, זי האָט איהם פערגעטערט, זיין געזיכט האָט פאַר איהר געשיינט ווי דאָס געשטאַלט פון אַ הייליגען און זיינע רייד האָט זי אַזוי זשעדנע גע־שלונגען, ווי די רייד פון אַ נביא.

זי שליסט צו די אויגען, פערלייגט די הענד איבער'ן קאָפּ, און פון הארצען ווערט ארויס אַ זיפץ נאָך אַ זיפץ אַלץ שווערער און שמערצליכער...

„וואָס פאַר אַ גאָלדענע, גליקליכע צייט דאָס איז געווען!" טראַכט זי ווייטער. נאָר, זי ווייסט ניט פאַרוואָס, פאַר ווען, זי קען זיך נאָך אַצינד קיין רעכענונג ניט אָפּגעבען פון וואַנען און פון ווענען זי האָט זיך דאַן אויסגעלערענט אַזוי צו האַנדלען. זי געדענקט איין זאַך, אַז מיט דער צייט איז עס ביי איהר געוואָרען עפּעס אַ זעלטענער פערגעניגען איהם צו קוועלען און פּייניגען מיט איהרע קאַפּריזען.

זי האָט איהם גאָר אָנגעהויבען אויסצולאַכען מיט זיין וואַרימער, אויפריכטיגער ליעבע צו איהר; ווען ער האָט ביי איהר געפרעגט, צו זי ליעבט איהם אויך, האָט זי ביי זיך געפּאַסט ניט ארויסצו־ווייזען איהרע געפיהלען און האָט געזאָגט, אַז זי ווייסט גאָר ניט וואָס ליעבע איז; און אויף זיין פאָרשלאַג חתונה צו האָבען מיט איהם, האָט זי געזאָגט, אַז זי דאַרף פרעגען דעם טאַטען, די מאַמען, די גאַנצע משפחה, און נאָך אַזעלכע תירוצים...

אויס פערדרוס און קרענקונג האָט ער זי אַמאָל גערופען „קאָ־קעטקע", און דערפאַר האָט זי אָנגעהויבען נאָך מעהר צו קאָקעטירען, ביז ער איז אַוועקגעפאַהרען פון שטעדטעל און האָט איהר אפילו קיין „זיי געזונד" ניט געזאָגט. און ווען עס איז אין שטעדטעל ארויס אַ קלאַנג, אַז ער איז אין אדעס אַ חתן געוואָרען, האָט זי מיט אַ געקרענקטע הארץ פול מיט חרטה און בענקעניש פערלאָזען איהר היים און איז אַוועק קיין אַמעריקע.

יעצט טראַכט זי איבער איהר לאַגע פון דעם טאָג וואָס זי איז אין דער גאָלדענער מדינה, און וואָס פאַר אַ טרויעריגע, פינסטערע בילדער עס שוועבען פאַר איהרע אויגען...

די ערשטע צייט, אלס גרינע, איז זי אנגעקומען ארבייטען צו איהרען א לאנדסמאן, וועלכער איז געוועזן אן אלמן און האט געוואלט מיט איהר חתונה האבען, איהר ערקלעהרענדיג, אז ער גלייכט זי, ווייל זי איז נאך א גרינע, פול מיט פארב און מיט כוח, און וועט זיין א געזונדע ווייב...

זי איז אוועק פון איהם און האט געזוכט אן אנדער שאפ. און ווען זי האט שוין געארבייט איינינע וואכען אומזיסט, אום זיך אויסצו־לערנען ביי ליידיס־וויימטס, איז געווארען סלעק פונקט ווען זי האט שוין געקענט עפעס פערדינען; און פון דאמאלס אן ציהט זיך פאר איהר אלץ דאס זעלבע טרויעריגע לידעלע פון ביזי, פון סלעק, פון סטרייקען, פון סטאפען, און פון „טרייען א דזשאב" און קריגען גע־סעקט פון פארמאן, ווייל זי האט איהם געענטפערט אויף זיינע גראבע רייד. וואס פאר א טרויעריגעס, עלענדעס, איינזאמעס לעבען, אהן א פריינד, אהן א חבר און איז שוין באלד, באלד, דרייסיג יאהר אלט.

„דרייסיג יאהר!" טראכט זי איבער און קוקט זיך ארום אין דעם צימער. „דרייסיג יאהר אלט", און אנשטאט צו ליעבען און צו לעבען מיט דעם וואס זי ליעבט אין גליק און צופריעדענהייט צווישען עלטערן און פריינד, איז זי יעצט נאך א באדערקע ביי פרעמדע לייטע, און לעבט אליין אין דעם אומעטיגען, גרין־געפארבטען בעד־רום.

„אך, ווען איך זאל ניט געוועזן זיין א קאקעטקע!... ווען איך זאל ניט געוועזן האבען די נארישע קאפריזען געגען מיין ערשטען און לעצטען היים־געליעבטען מאיסיי!..."

איהרע אויגען ווערען איהר פערלאפען מיט טרעהרען, דורך די נאסע שויבען, וועלכע זיינען דערווייל נאך טונקעלער געווארען, זעהט זי אין דעם נעבעל פערשווינדען דאס בילד פון איהר היימאטס־שטעדטעל וואו זי איז אמאל גליקליך געוועזן. נאר דאס בילד פון איהר געליעבטען מאיסיי שוועבט אום אין איהרע געדאנקען, און דאס הארץ קלעמט איהר פון חרטה און בענקעניש...

# דזשעני'ס געבורטס־טאָג פּאַרטי

נאָך מיט אַ וואָך בעפאָר האָט דזשעני אָנגעפאַנגען צו אָנאָנסירען צווישען איהרע לאַנדסלייט, פריינדע, בעקאַנטע און שאַפּ־ארבייטער, אַז דעם קומענדען זונטאָג וועט זי פּראַווען אַ געבורטסטאָג פּאַרטי.

זי האָט זיי אַלעמען גוט־מוטיג איינגעלאַדען, און האָט יעדען איינעם פאַרשפּראָכען, אַז מען וועט זיך גוט אַמוזירען. כמעט יעדער האָט איהר צוגעזאָגט צו קומען און איניגע האָבען זי זאָגאַר געפרעגט, וואָס פאַר אַ פּרעזענט מען זאָל פאַר איהר קויפען.

די ווייזדזשעס וואָס דזשעני האָט שבת אָפּגענומען פאַר דער לעצטער וואָך ארבייט, האָט זי אין גאַנצען פאַרשפּענט אויף פּראָדוקטען, קענדיעס מיט אַנדערע נאַשערייען. זי האָט אויך ניט פאַרגעסען איהר טואַלעט־באָקסעלע און האָט עס באַזאָרגט מיט אַ פּושקעלע פּוידער, מיט אַ פלעשעלע פּאַרפיומען, מיט אַ שטיקעל ליפּען פּאָמאַדא און נאָך זאַכען און זי האָט געהאָפט אַז דאָס צוזאַמען מיט דער נייער זעהר סטיילישער דרעס וועלכע זי האָט פאַר זיך געלאָזט מאַכען ספּעציעל פאַר דעם טאָג וועט זי מאַכען אויסזעהן גאָר, גאָר שעהן.

אייגענטליך האָט זיך דזשעני גאָר ניט געיעהרינט אין יענעם טאָג. זי האָט גאָר קיינמאָל ניט געוואוסט דעם גענויען טאָג אין וועלכען זי איז אויף דער וועלט געקומען. איהר אייגענע מוטער וואָלט אויך ניט געקענט אויף זיכער זאָגען דעם דאַטום ווען דזשעני איז געבוירען געוואָרען. זי האָט אָבער געוואוסט, זיכער געוואוסט אַז אין איינעם פון די דריי הונדערט פינף און זעכציג טעג פון דעם יאָהר ווערט זי שוין אַכט און צוואַנציג יאָהר אַלט און ניט צוואַנציג ווי זי האָט אַלעמען געזאָגט. זי האָט אָבער די פּאַרטי ניט געמאַכט ווייל זי איז חלילה אויסען געווען די פּרעזענטען וואָס איהרע פריינד

װעלען איהר געבען, נאָר זי האָט דערבײַ געהאַט נאָר אײן אַנדערען צװעק.

ערשטענס האָט זי טאַקע געװאָלט מאַכען אַלעמען צו גלױבען, אַז זי איז נאָך נאָר יונג אין גאַנצען צװאַנציג יאָהר אַלט. צװײטענס האָט זי געהאַט דאָס געלעגענהײט, צװישען אַנדערע אױך אײַנצולאַדען מאָריס גערשמאַן, דעם דעזײַנער, װעלכער פאַרפערטיגט זיך צו די רידזשענטס עקזאַמינײשאַנס צו שטודירען אױף דאָקטאָר.

די לעצטע פּאָר מאָנאַט האָט מאָריס זי שױן עטליכע מאָהל באַגלײט פון שאָפּ ביז צום הױז, ער האָט אַ פּאָר מאָהל מיט איהר פערװײלט בײַ דעם „סטופּ" און גאַנץ אינטים גערעדט. זי האָט אָבער ביז יעצט ניט געהאַט דעם מוטה איהם צו פאַרבעטען צו זיך אין רום אָדער אױף איהר לאָזשי; יעצט אָבער אױף אַ „געבורטסטאָג פּאַדי", האָט דזשעני גערעכענט, איז גאָר אַן אַנדער זאַך. און װען מאָריס האָט איהר צוגעזאָגט, אַז ער װעט זיכער אַרױף קומען אין אװענד, האָט דזשעני אַראַנזשירט, אַז איהר לאָזשי־מיסטער זאָל זיך פאָרשטעלען פּאָר אַ שדכן און מאָריס׳ן רײדען אַ שידוך מיט איהר. און זי האָט שױן פאַנטאַזירט, אַז פון דער „געבורטסטאָג פּאַדי" װעט אַרױס קומען אַן „ענגײדזשמענט פּאַדי" און זי װעט מיט דער צײַט זײַן די פרױ פון דאָקטאָר גערשמאַן.

זונטאָג איז דזשעני געשלאָפען שפּעט, װײַל זי האָט זיך געװאָלט גוט אױסרוהען און אױסצוזעהן פריש און מונטער אױף דער פּאַדי. װען זי איז אױפגעשטאַנען האָט זי געהאָלפען איהר מיסעס אױף רױמען די רומס און די פראָנט־רום האָט זי אַלײן אױף געפּוצט נאָך איהר בעסטען געשמאַק. נאָכמיטאָג האָט זי זיך גענומען פאַרפּוצען און כאָטש איהר מיסעס מיט אַ פּאָר אונטערגעקומענע חבר׳טעס האָבען איהר געהאָלפען, האָט דאָס געדױערט אַ היבשע פּאָר שטונדען און זי האָט געהאַלטען אין אײן קוקען אין שפּיגעל אַרײַן, װײַל זי איז זיך אַלײן שטאַרק געפעלען געװאָרען.

נאָך אַכט אַזײגער אָבענדס זענען כמעט אַלע געסט שױן געװען פערזאַמעלט. יעדער האָט דזשעני׳ן הערצליך גראַטולירט און איהר פיעל

גליק געוואונשען. ענדליך איז אויך מאַרים געראַשמאַן געקומען. ער האָט געבראַכט אַ שעהנעם בוקעט בלומען פאַר דזשעני'ן און ווען ער האָט איהר די בלומען איבערגעריכט האָט ער זי העכסט פריינדליך גראַטולירט און איהר געוואונשען אַ גליקליכע צוקונפט.

די „פּאַרטי" איז ערשט דאַן אריין אין פולען גאַנג. מאַנכע פון די געסט וועלכע זענען געווען אונבעקאַנט זענען פאַרגעשטעלט געוואָרען איינער פאַרן צווייטען און זענען גאַר שנעל גוטע באַקאַנטע געוואָרען. באַלד האָבען איבער דער פראָנט־רום געקלונגען פאַרשיעדענע געשפּרעכען איבער פיעלע אַלטעגליכע זאַכען. מ'האָט גערעדט פון דער מלחמה, פון סטרייקס, פון מענער וואָס פאַרלאַזען זייערע פרויען און קינדער, פון פרויען וואָס באַטריגען זייערע מענער און לעבען אַ גוטען טאָג מיט אַנדערע. מ'האָט גערעדט פון ליעבע, האַס, הייראַט, אייפער־זוכט און ראַכע; פון יונגע לייט וואָס געהן אַרום אַ שטיק צייט מיט מיידלאַך און לאָזען זיי דערנאָך שטעהן ניט אַהער און ניט אַהין; פון מיידלאַך וואָס לאָזען אַרעסטירען יונגע לייט און קלאָגען זיי פאַר „בריעטש אָף פּראָמיס", כאָטש יענע האָבען זיי גאָר קיינמאָל קיין זאַך ניט געפּראָמיסט. מאַנכע זיינען אַזוי ריידענדיג אַרויף געקומען אויף דער טהעמאַ פון דענסינג סקוהלס, בעללער, פּיק־ניקס, עקס־קורשענס און עהנליכע אַמיוזמענטס. אַנדערע ווידער האָבען זיך גע־לאָזט קריטיקירען די אידישע טהעאַטער קונסט, און מ'האָט קודם כל געמאַכט וועטטעס אויף דער צאָהל פּלעצער וואָס עס איז דאָ אין יעדען אידישען טהעאַטער און מ'האָט באַשטימט דאָס אויסצוגעפינען דורך די בריעף־קאַסטענס פון די אידישע צייטונגען. דערנאָך האָט מען געטרייעט צו באַווייזען וועלכער טהעאַטער עס האָט די גרעסטע ביהנע, ביז מ'האָט דערלאַנגט צו די אַקטיאָרען און צו די סאַמע סטאַרס און יעדער איינער האָט אָפּגעגעבען זיין מיינונג, וועלכער פון זיי עס איז דער בעסערער שוי־שפּיעלער, דער גרעסטער קינסטלער און ווער עס האָט אַן אויטאָמאָביל און ווער ניט.

דזשעני מיט איהר מיסעס זענען דערווייל שטאַרק טרוד געווען דערלאַנגענדיג פאַרשיעדענע זאַכען צו די טישען. זי האָט געבעטען

יעדען גאַסט צו געניסען פון אַלעמען. יעדער האָט שעהן געדאַנקט, ניט געלאָזט זיך פיעל בעטען און גענומען זיך דערקוויקען דאָס האַרץ. מ'האָט צעקנאַקט ניס און מען האָט געמאַכט אַ שווייג אויב די יאַדרע איז געווען פויל ביטער; מ'האָט זשערנע אַריינגעכאַפּט קענדיעס אין מויל אַריין און מען האָט דערנאָך בעדאַרפט שווער צו אַרבייטען ביז מ'האָט די ציהען אַרויסגעשלעפּט פון די זיסע טייגאַכץ, און ווען מ'האָט אַרונטער געשלונגען אַביסעל סעלצער אָדער סאָדא וואַסער האָט מען זיך ניט געקענט העלפען פון פאַרקרימען דאָס געזיכט מיט אַ זויערע גרימאַסע אַזוי וואָרעם און אונבע'טעמ'ט איז עס געווען.

ווען אַלע אנוועזענדע האָבען זיך גענומען געשמאַק צו עסען און טרינקען האָט זיך זיי אויך פאַרגלוסט עפּעס אַמוזאַנטעס. אַ יונג בחור'ל מיט לאַנגע האָר און מיט אַ גרויסען ווינדזאָר טיי אונטער אַ נידריגען קאָלנער האָט דעקלאַמירט פון „באַוושאַווער'ס און ערעל־שטאַט'ס" געדיכטע. דערנאָך האָט אַ פריילײן, וועלכע האָט זיך צוערשט געלאָזט זעהר פיעל בעטען, אָנגעפאַנגען צו זינגען אידישע און ענגלישע „סאָנגס" און האָט ניט אויפגעהערט, ביז מ'האָט איהר „פּאַלייט" געדאַנקט און געגעבען צו פאַרשטיין אַז עס איז שוין פּלענטי געזונגען.

וועהרענד דעם זינגען האָט זיך דזשעני'ס לאָזשי־מיסטער געפונען אַן אויסרייד אַרויסצורופען מאָריסען פון פראָנט־רום און איז מיט איהם אַריינגעגאַנגען אין דעם לעצטען צימער, וועלכעס איז געווען דזשעני'ס בעד־רום. דזשעני האָט זיך אונבאַמערקט אַרויס גע'גנב'עט אין האָל אַריין און מיט אַ קלאַפּענדיגע האַרץ האָט זי זיך אָפּגעשטעלט ביי איהר בעד־רום־טיהר אום זיך איינצוהערען וואָס איהר מיסטער וועט רעדען און ווי אַזוי ער וועט איהם ענטפערען.

זי האָט דייטליך געהערט ווי איהר מיסטער האָט זי פאַר מאָריס'ן אויסגעלויבט, וואָס פאַר אַ לייטיש בעל־הבית'יש קינד זי איז; קלוג, אינטעליגענט, אַ בריה מיט אַלע מעלות. מאָריס האָט זיך אויפמערק־זאַם צוגעהערט און אויף אַלעמען איינגעשטימט און האָט ענדליך גע־

פרעגט איהר לאַזשי־מיסטער, וואָס ער איז אויסען דערמיט וואָס ער לויבט אַזוי דזשעני׳ן פאַר איהם.

„איך וויל צווישען אייך מאַכען אַ שידוך", האָט איהר לאַזשי־מיסטער געענטפערט.

„אַה, אַ שידוך?!" האָט זי געהערט מאַריסען אויסרופען פאַר־וואונדערט און זי האָט זיך אַנגעשטרענגט צו הערען וואָס ער וועט ווייטער זאָגען, ער האָט אָבער ווארשיינליך געשוויגען, דען זי האָט באַלד דערהערט אַז איהר לאַזשי־מיסטער רעדט ווידער אַ מאָהל טאַקע פון איהר.

„איך זאָג אייך, מיסטער גערשמאַן", האָט זי איהם געהערט זאָגען, „זי איז זעהר אַ פיין מיידעל און אַ שעהנע איז זי אויך".

„דאָס ווענדט זיך אין איינעמס געשמאַק", האָט מאַרים איהם גע־ענטפערט.

„און אַ יונגע מיידעל איז זי נאָך אויך", האָט איהר לאַזשי־מיסטער ווייטער געזאָגט.

„זי איז ניט אַזוי יונג ווי איהר מיינט". האָט זי געהערט מאַריסעס ענטפער, און זי האָט דערפיהלט גלייך ווי ביי איהר אין האַרצען האָט זיך עפּעס אָפּגעריסען.

„אַט ערשט היינט איהר צוואַנציג געוואָרען", האָט איהר לאַזשי־מיסטער באַהויפּטעט.

מאַרים האָט זיך צו לאַכט, דאָס געלעכטער האָט אין דזשעני׳ס אויערען געקלונגען העכער און שטאַרקער ווי דאָס שיסען פון קאַנאָנען. קוים איינשטעהענדיג אויף די פיס האָט זי אַוועקגענומען דעם אויער פון דער שפּאַרינע, מאַריסעס רייד האָבען אָבער צו איהר דער־גרייכט.

„דאָס איז אַ גאַנץ קליינער סמן וואָס זי פּראָוועט ערשט היינט איהר צוואַנציג יעהריגען געבורטסטאָג", האָט ער אַרגומענטירט. איך קען זי שוין אַ יאָהר פינף און ווען איך האָב זי צום ערשטען מאָהל דערקענט איז זי שוין זיכער מעהר פון פופצעהן יאָהר אַלט געווען.

איבערהויפּט זאָלט איהר האָבען אַ כלל", האָט ער פאָרטגעזעצט, „אַז ווען אַ מיידעל פּראָוועט היינטיגע צייטען אַ צוואַנציג יאהריגען געבורטסטאג איז זי שוין באַלד, באַלד, אויב ניט אַריבער, דרייסיג יאהר אַלט".

* * *

דזשעני האָט זיך געשטאַרקט און איז וואוּ־ס׳איז־ניט־איז צוריק אַריין אין הויז. זי האָט זיך געפּלייסט איהר אויפרעגונג צו באַהערשען און קיינער פון די געסט האָט אין איהר גאָר ניט בעמערקט. מאָריס וועלכער איז באַלד פערטיג געוואָרען מיט זיין שדכן, איהר לאָזשי־מיסטער, איז דערנאָך ניט זעהר לאַנג פערבליבען. ער איז געוועזן דער ערשטער מיט איהר זיך צו געזעגענען און אַוועק צוגעהן. נאָכדעם האָבען כמעט אַלע מיט אַמאָל איין געזעהן אַז עס איז שוין שפּעטלאַך און האָבען זיך אָנגעפאַנגען צו־צוגעהן און יעדער איינער האָט ביים אַוועק געהן אויסגעדריקט די מיינונג, „אַז ער אָדער זי האָט זיך פיין אונטערהאַלטען ביי דער „פּאַדי" און דאָס דער אונטערהאַלט איז אין אַלגעמיין געוועזן אַ גרויסער ערפאָלג". בלויז דזשעני אַליין האָט ביי זיך אין הארצען געפיהלט אַז איהר „בוירט־דעי־פּאַדי" איז געוועזן אַ מיאוס'ער, אַ שרעקליכער דורכפאַל און ווען זי האָט יענע נאַכט לאַנג, לאַנג ניט געקענט איינשלאָפען, האָט זי זיך גאַנץ גוט אויסגעוויינט און האָט זיך אַ נדר געגעבען, אַז זי זאָל מעהר קיין געבורטסטאָג „פּאַדיס" אין איהר לעבען ניט מאַכען.

# דער אַלטער צייטונגס־פּעדלער

„כי לכלב חי הוא טוב מן האריה המת".
(קהלת).

יעדען פּאַרנאַכט, אויף מיין וועג אַהיים, ווען איך קום צו נאָהענט פון דעם קאַרנער, וואו ער שטעהט ביי זיין סטענד, דערהער איך פון דעם מיש־מאַש זיין חריפֿלעם קול שרייענדיג, „פּייפּערס, פּייפּערס".

ער איז אַן אַלטער, איינגעבויגענער מאַן, אפשר איבער אַכציג יאָהר אַלט, מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד וואָס הענגט מיט שטאָלץ אַראָפּ פון זיין שטאַרק געקנייטשטען פּנים, אויף זיינע מוטנע אויגען טראָגט ער אַ פּאָר גרויסע שפּאַקולען.

ווען ער דערזעהט מיך צוקומען, כאַפּט ער אַרויס מיט זיינע ציטערנדיגע הענד צוויי צייטונגען, טראָגט זיי מיר אַקעגען און צו־נעמענדיג די פּאָאַר פּעניס, שרייט ער ווייטער מיט זיין חריפֿלעם קול, „פּייפּערס, פּייפּערס".

יעדעס מאָהל ווען איך דערלאַנג איהם די פּאָר פּעניס, האָב איך ליעב אויף שנעל אַריינצוקוקען אין זיינע מוטנע אויגען, און עס ווייזט זיך מיר אויס אַז איך זעה אין זיי אַ לאַנגען, לאַנגען עבר מיט פיעל, פיעל סודות פון פערגאַנגענע צייטען און דורות.

נאָר אַפּט בייט איך מיט איהם איבער עטליכע רייד. געוועהנליך, פרעג איך איהם צוערשט:

„ווי געהט עס אייך, אַלטער?"

„איך לעב." — ענטפערט ער קורץ און ער בעטאַנט אַזוי די צוויי ווערטער, אַז איך פערשטעה דאָס ער מיינט צו זאָגען, אַז עס מאַכט ביי איהם גאָר ניט אויס ווי אַזוי אָדער פון וואָס ער לעבט. אַבי ער לעבט נאָר. און ער וואַרפט זיינע מוטנע בליקען צווישען די פאַרביי־

געהער אום ניט דורכצולאָזען חלילה זיינעם אַ קאַסטימער, און אַז איך זאָל פאַרשטעהן דאָס מיין אודיענץ איז געענדיגט.

איינמאָהל בין איך אהיים געגאַנגען פיעל שפּעטער ווי געוועהנליך. דער רעש און הו־האַ פון די אונגעהייערע מאַסען ארבייטער וועלכע געהען געוועהנליך אהיים ארום 6 אזייגער איז שוין לאַנג געווען פאַר־איבער. אַ גרויע טונקעלקייט האָט זיך פון אויבען אַרונטערגעלאָזט איבער די סטריטען און אויף אַלע קאַרנערס האָבען געלויכטען עלעקט־רישע לאַמפּען, וועלכע האָבען פון זיך געוואָרפען בליציגע שטראַהלען, אַזוי ווי זיי וואָלטען געקעמפּט מיט דער אַנקומענדער פינסטערניש.

פון וויטענס האָב איך פון קאַרנער באַמערקט די געבויגענע פיגור פון דעם אַלטען צייטונגס פּעדלער. איך האָב אבער ניט געהערט זיין חריפּלעם קול ווי אימער שרייענדיג „פּייפּערס, פּייפּערס". ווען איך בין געווען נעבען איהם האָט ער מיר ניט אָקעגען געטראָגען די פּייפּערס ווי אימער, ווייל ער האָט מיך וואַרשיינליך אין דער טונקעלהייט ניט דערקענט.

„ווי געהט עס אייך, אַלטער?" — האָב איך איהם געפרעגט אַזוי ווי איך בין נאָר צו איהם צוגעקומען.

„איך לעב", — האָט ער ווי אַלע מאָל מיר קורץ געענטפערט און מיר דערלאַנגט צוויי צייטונגען. אַבער דאָס מאָהל איז זיין טאָן ניט געווען אַזוי האַרט און אַנשטאָט צו קוקען צווישען די פאַרביינעהער, וועלכע זיינען איצט געווען זעהר ווייניג, האָט ער געקוקט גלייך צו מיר, זיכער צו מאַכען אויב איך בין זיין סטעדי קאַסטימער. איך האָב זיך בענוצט מט דעם מאָמענט אהם ווייטער צו פרעגען.

„זייט איהר צופריעדען מיט אייער לעבען?"

„מיט מיין לעבען איז ניטאָ וואָס צופריעדען צו זיין", האָט ער מיר גלייך געענטפערט. „עס איז אָבער אַלץ בעסער איידער ניט לעבען". האָט ער פאַרטגעזעצט און האָט זיך פּלוצים אויסגעצויגען אום אויס־צוגלייכען זיין איינגעבויגענע פּלייצע, וועלכע האָט אויף מיר געמאַכט

דעם איינדרוק אַז ער טוהט דאָס אום מיר צו בעווייזען, אַז ער איז נאָך ניט אַזוי אַלט און דאַרף אָדער קען נאָך לעבען.

מיינע בליקען האָבען זיך באַגעגענט מיט זיינע אויגען און עס האָט מיר אויסגעוויזען אַז איך האָב אין זייער מוטנעקייט באַמערקט אַ געהיימניספאַלען פּייערל וואָס ענטהאַלט אין זיך אפשר די סודות פון זיין לאַנגער פאַרגאַנגענהייט און זיין וואונש אָדער האָפנונג אויף דער צוקונפט.

„דענקט איהר גאָר ניט פון שטאַרבען?" — האָב איך איהם ווידער געפרעגט.

„ניין". — איז געווען זיין אַנטוואָרט. — „איך וויל גאָר דערפון אפילו ניט אַ טראַכט טהון". — און ווידער האָט ער זיך אויסגעצויגען, אויסגעגלייכט זיין איינגעבויגענע פּלייצע און האָט געווענדעט זיינע אויגען צום הימעל.

„אָבער דאָך, סוף כל אדם למות", — האָב איך איהם דערמאָנט.

„אָט דאָס איז טאַקע דער אומגליק וואָס דאָס איז דער סוף", — האָט ער זיך אָפּגערופען. — „און נאָך אַזאַ סוף קען מען ניט בענקען".

„איהר זאָגט דאָך אָבער אַליין אַז איהר זייט ניט צופריעדען מיט אייער לעבען?" — האָב איך איהם איבערגעפרעגט.

„דאָס איז טאַקע אמת," האָט ער מיר געענטפערט. „אָבער איך מיין דערמיט אַז איך בין ניט צופריעדען מיט'ן סדר פון מיין לעבען, מיט מיין מעמד. כמעט יעדער אַנדערער איז ניט צופרידען דערמיט אַזוי ווי איך. אָבער מיט דעם לעבען גופא, מיט דעם פונק לעבען וואָס איז נאָך אין מיר דאָ, דערמיט בין איך יאָ צופרעדען. ווייל אַזוי לאַנג ווי איך לעב האָב איך אַ טאָג מיט אַ נאַכט. איך האָב אַ נעכטען, אַ היינט און אַ מאָרגען. איך הער, איך זעה און פיהל אַלעס וואָס אַרום מיר טוהט זיך. איך באַוועג זיך צווישען אַלע וואָס לעבען און באַוועגען זיך. אָבער ווען איך וועל ווערען אַ שוכן עפר וועט דאָך דאָס אַלעס אויפהערען, וועט זיך דאָך אַלעס ענדיגען, עס וועט נאָר זיין

פינסטערניש, גלייכגילטינקייט, בעוואוסלאזינקייט, גאר ניט מיט גאר ניט, און דאס איז פאסקודנע, פע!"

„און האפט איהר נאך אויף א בעסערען לעבען?" — האב איך געוואלט וויסען.

„געווים. געווים", — האט ער געענטפערט. — „דער וואס לעבט, דער האפט".

ער האט זיך א ווײלע פארטראכט דערנאך האט ער לאנגזאם פארטגעזעצט. „איהר מוזט וויסען יונגערמאן, אז איך בין אויך אמאל יונג געוועזן. און איידער איך בין אלט געווארען, האב איך גענוג מיטגעמאכט. פון אייגענע קאמפען, אייגענע ליידען, אייגענע צרות מיט דאגות, אייגענע אידעאלען, שטרעבונגען און ענטוישונגען איז אפגערעדט. איך בין אמאל געוועזן א סאלדאט און בין געוועזן אין מלחמות אויף די שלאכטפעלדער. איך האב מיטגעמאכט רעוואלוציאנען, איבער מיין קאפ זיינען געפלויגען קוילען, פאר מיינע אויגען האבען געבליצט בלאנקע שווערדען, אונטער מיר האט געדונערט דאס שיסען פון קאנאנען. איך האב שוין דורכגערייזט און איבערגעשפרייזט פארשיעדענע לענדער, איך האב איבערגעלעבט דריי דורות און מיינע אייגענע קינדער האב איך אויך איבערגעלעבט. אציגד ווייזט זיך מיר אוים אז איך לעב מיט דעם כח פון מיין פערגאנגענהייט, מיט דער קראפט, מיט דער דויערהאפטיגקייט מיט וועלכען איך האב דאס אלעס איבערגעלעבט, און אזוי לאנג ווי איך לעב נאך, וויל איך נאך אלץ לעבען, ווייל עס איז בעסער א לעבעדיגער הונד, איידער א טויטער לייב".

עס זיינען פון ערגעץ אנגעקומען עטליכע מענשען. דער אלטער האט זיך צו זיי אויסגעדרעהט און האט מיט זיין כריפלעם קול צו זיי אויסגעשריען: „פייפערס, פייפערס!" איך האב זיך דערמאנט אז איך דארף אהיים געהן האלטען איין אפאינטמענט, האב איך צו איהם שנעל אויסגערופען: „א גוטע נאכט", און בין פון איהם אוועקגעגאנגען.

# אַ טויט־פאַל אין אַ טענעמענט

אין דעם גרויסען טענעמענט הויז איז פון פאַרטאָג אָן געוועזען אַ געוואַלדיגער גערודער, אַ יאָמער אין געוויין.

די שכנה פון דעם צווייטען פלאָר, פראַנט, מיסעס וויינגאַסט, איז מיט אַ וואָך צוריק געלעגען געוואָרען, האָט געבוירען אַ מיידעלע, און יעדער אין דעם גרויסען טענעמענט הויז איז געווען מלא שמחה פון דער ידיעה, אַז זי איז איבערגעקומען געזונטערהייט. ווארום, ווער האָט זי דען ניט געקענט? ווער האָט זי דען ניט ליעב געהאַט פאַר איהר שעהנקייט, ליעבליכקייט און גוטאַרטיגקייט? אָבער אין דער קינדבעט האָט זיך איהר פּלוצלונג צוגעוואָרפען עפּעס אַ קראַנקהייט און זי איז שטאַרק פאַרשלאַפט געוואָרען. אייניגע ווייבער האָבען באַהויפּטעט, אַז דאָס האָט דער דאָקטאָר ביי איהר עפּעס איבערגעלאָזען אין בויך, בעת ער האָט דאָס קינד אָפּגענומען; אַנדערע ווידער האָבען געמיינט אַז די קינדעבעטאָרין האָט אפשר פאַר גרויס היץ איין איבּ־ריגען טרונק וואַסער געטהון, נאָר אַנדערע, גאָר קלוגע פרויען האָבען גע׳טענה׳ט: ניט אַנדערש אַז דאָס האָט איהר אַ גוט־אויג פאַרשאַדט.

נאָר ווי די זאַך איז געווען, אין אַ פּאָר טעג אַרום איז די קראַנק־הייט געוואָרען געפעהרליך און מען האָט געמוזט ברענגען אַ פּראָ־פעסאָר, וועלכער האָט ערקלעהרט, אַז מיסעס וויינגאַסט מוז באַלד האָבען איין אָפּעראַציע און אַז דאָס מוז קאָסטען ניט ווייניגער ווי צוויי הונדערט דאָלער, וועלכע דער מאַן, די עלטערן, שוועסטער און ברידער פון דער קראַנקער האָבען ווי פון אונטער דער ערד אויסגע־גראָבען און דערלאַנגט דעם פּראָפעסאָר נאָך איידער ער האָט דאָס סעטשעל מיט די אינסטרומענטען געעפענט.

די אָפּעראַציע, האָט מען ערקלעהרט, איז געלונגען. די גאַנצע נאַכט נאָך דעם האָט די קראַנקע גאַנץ גוט געפיהלט, און די נויגס

האָט געזאָגט, אַז ווען זי וועט איבערלעבען ביז טאָג וועט זי זיכער געזונד ווערען. דאָס האָט שוין אָבער ניט פּאַסירט. פאַרטאָג האָט זיך די קראַנקע אויסגעשטרעקט, און צודריקענדיג מיט איהרע שוואַכע הענט דאָס פּיצעלע קינד, וועלכעס מאַן האָט איהר דערלאַנגט נאָך איהר ביטע, האָט זי זיך אויסגעדרעהט מיט'ן געזיכט צום פענסטער, דורך וועלכען זי האָט צום לעצטען מאָהל געזעהן די העלע שטראַהלען פון דער נאַר וואָס אויפגעהענדער זון.

מיט דער שנעלקייט פון אַ בליץ האָט זיך די שרעקליכע בשורה צוטראַגען איבער דעם טענעמענט און יעדער איז געווען ווי פון אַ דינער דערשלאָגען. פון דער וואַהנונג פון דער פערשטאַרבענער, אויפ'ן צווייטען פלאָר, פראָנט, האָט זיך ארויסגעטראָגען דאָס פערצווייפעלטע וויינען פון דעם פערצווייפעלטען אלמן מיט די קליינע יתומים'לאַך. און דאָס גאַנצע טענעמענט-הויז האָט זיך ווי אַנגעצויגען אין טרויער. טיהרען זיינען באַלד געעפענט געוואָרען אין אַלע וואַהנונגען, אויף די טרעפּ האָט מען געהאַלטען אין איין געהן אַראָפּ און אַרויף, און אין די האָלס אויף יעדען פלאָר האָבען זיך צונויפגעקליבען צושויבערטע, פאַרשלאָפענע ווייבער, און יעדע האָט זיך אויף איהר קול צוזונגען אַ'ן אַנדער טרויער-לידעל. אויפ'ן סייד-וואָק, פאַר'ן טענעמענט-הויז, האָבען זיך צונויפגעקליבען רעדלאַך ווייבער פון זייטיגע און אַרומיגע הייזער און האָבען געאויקעט און געקרעכצט; און מענשען וועלכע געהן פריה צו דער ארבייט, ווען זיי האָבען פאַרבייגעהענדיג דערהערט דאָס געוויין פון דעם הויז, האָבען זיך אָבגעשטעלט און זיינען ווייטער ניט געגאַנגען ביז זיי האָבען אויסגעפונען וואָס דאָרטען איז געשעהן. און אין דער גראָסערי אָדער אין בוטשער סטאָר פון דעם טענעמענט הויז האָט מען נאָר פון קיין אַנדער זאַך ניט גערעדט, נאָר פון מיסעס וויינגאַסט'ס טויט.

„אוי, אוי", — האָט געזיפצט אַ דיקע פרוי אין גראָסערי, קלייבענדיג פּאַטייטאָס אין פאַרטוך אריין, — „געשטאָרבען מיסטער וויינגאַסט'ס ווייב, געשטאָרבען".

„ווייס׳ד וואס!" — האָט דערווידערט אַ מאָגערע ווייבעל מיט אַ שטאַרק דינעם נעזעל, — „זיין ווייב איז שוין גאָר ניט געשטאָרבען, די קינדערלאַד׳ס מאַמע איז נעבעך יאָ געשטאָרבען".

„אודאי", — האָט איינגעשטימט אַ דריטע, מיט אַ קוויטשערינגען קול, — „דער מאַן, אַ ווייב וועט נאָך קריגען, אָבער די פּיצעלאַך אַ מאַמע — קיינמאָל ניט".

און די בעל־הבית׳טע פון דער גראָסערי האָט באַלד באַלייגט אַ שבועה: „אַזאַ גרוים שטיק גאָלד אויף מיר, וואָס פאַר אַ גרויסע מויד עס וואַרט שוין אויף איהם".

אין דעם בוטשער־סטאָר האָט די בוטשערקע אַליין יעדען קאַסטי־מער, אפילו פון אַנדערע סטריטען, באַלד מודיע געווען פון דעם גרויסען בראַך.

„פון וואָס איז זי נעבעך געשטאָרבען?" האָט שטיל געפרעגט אַ שעהנע בעל־הבית׳טע מיט ברילען אויף די אויגען.

„פון אַ קינדבעט". — האָט זיפצענדיג געענטפערט אַ שוואַנגערע פרוי.

„דאָס איז דער דאָקטאָר איהר מלאך המות געווען!" האָט איינע באַמערקט.

„ווייס׳ד, — האָט באַמערקט אַ אידענע אין אַ גראָבען שייטעל, — דאָס האָט איהר אַ גוט אויג פאַרשאַדט, פאָלגט מיך אַ גוט אויג!"

די יונגערע פרויען האָבען זיך צולאַכט פון דער אידענע אין דעם גראָבען שייטעל.

„נעהט שוין, נעהט, אַ גוט־אויג גאָר! אַלטע נאַרישקייטען!" — האָבען זיי גע׳טענה׳ט. אָבער די אידענע איז געבליבען ביי איהר מיינונג.

נאָר די בוטשערקע, וועלכע האָט אין דערווייל געהיט, אַז עס זאָל איהר חלילה צווישען די ווייבער קיין עוף ניט פאַרפאַלען ווערען, ניט וועלענדיג זיין עמיצענס מיינונג דאַגעגען, האָט אַזוי גע׳טענה׳ט:

„פאַלגט מיך, זי איז נעבאך געשטאָרבען פון דעם טויט, ווייל זי האָט מעהר קיין יאָהרען ניט געהאַט. אוי וועה איז מיר געשעהן, זי האָט זיך אוועקגעלעגט מיט דעם טויט אזוי ווי זי איז נאָר געלעגען געוואָרען".

דערנאָך זיך ווענדענדיג צו דער אידענע מיט'ן גראָבען שייטעל, האָט זי פאַרטגעזעצט:

„איהר הערט, ווען זי האָט נאָר אָנגעהויבען צו קינד צו געהן, האָט מיך מיסטער וויינגאַסט געשיקט רופען. אַרויפגעהענדיג האָב איך אויף דעם גאַנצען וועג געהערט קעץ מיאַוקען, און אַזוי ווי איך בין נאָר צוגעקומען צו דער טיהר פון צווייטען פלאָר, פראַנט, זיינען פון דאָרטען אוועק צוויי שוואַרצע קעץ אַזוי ווי די בערען גרויס; אוי דאַס האַרץ האָט זיך מיר אָפּגעריסען, אַז איך האָב די קעץ דערזעהן, איך האָב געוואוסט אַז דאָס איז ניט קיין גוטער סימן"...

די אידענע אין דעם גראָבען שייטעל האָט געקוקט דער בוטשערקע גלייך אין מויל אריין, און האָט זיפצענדיג צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. די יונגערע פרויען האָבען שוין געהאַט בדעה זיך ווידער צו־צולאַכען פון דער בוטשערקע'ס מעשה מיט די קעץ, ווען פון דרויסען האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אַ שרעקליכער יאָמער און געוואַלד און זיי זיינען אַלע ארויס אין סטריט.

פּונקט אַנטקעגען דער טהיר פון דעם טענעמענט הויז איז גע־שטאַנען דער שוואַרצער טויטען־וואַגען מיט אָפענע טהירלאַך. פון דעם סטופּ האָבען עטליכע נעזונטע מענער געטראָגען די לייכע אין אַ שוואַרץ־באַדעקטען אָרון, נאָך וועלכען מען האָט געפיהרט דעם מאַן מיט פיער קליינע קינדערלאַך. דער מאַן האָט ניט געשריען, ניט גע־וויינט, נאָר זיין קאָפּ איז אַראָפּגעהאַנגען איבער זיין ברוסט, און די אויגען האָבען ביי איהם אַרויסגעשטאַרצט אַזוי ווי ביי אַ צורייצטען וואַהנזיניגען. און די קינדערלאַך, האַלב־טויטע און צושראָקענע האָבען שטיל געחליפּעט און האָבען זיך געוואונדערט וואָס מען טהוט מיט זייער [illegible]. נאָר ביי דעם [illegible] קאַסטען האָט זיך נאָכגעשלעפּט

אַ אַלטע געקנייטשטע פרוי, מיט אַלע כחות איינגעקלאַמערט אין דעם קאַסטען און מיט אַ חריפלענדיגען קול האָט זי געהאַלטען אין איין שרייען:

„גאַטוניו, פאַרוואָס האַסטו מיך ניט צוגענומען איידער זי? צו וואָס דאַרף אַזאַ צובראָכענער טשערעפּ איבערלעבן אַזאַ יונגען, שעהנעם בוים?" און קלאַפּענדיג מיט'ן קאָפּ אין קאַסטען האָט זי נאָך העכער געשריען:

„טאָכטער מיינע, מיין שעהנער מלאך, מיין ליכט פון די אויגען, פאַר וואָס נעמט מען דיך צו פון מיר? צו וואָס האָבען מיינע אַלטע ביינער דיך איבערגעלעבט?...

פון די גרויסע מאַסע מענשען, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמעלט פאַר דעם טענעמענט הויז, האָבען אַלע הערצליך געוויינט, צוקוקענדיג די טרויעריגע סצענע. און ווען מען האָט ענדליך די קלאָגעדיגע מוטער אָפּגעריסען פון דעם טויטען-קאַסטען, וועלכע מען האָט שנעל אַריינגערוקט אין דעם וואַגען אַריין און נאָך שנעלער גענומען אַוועק-פיהרען, האָט זיך פון אַלע אַרומשטעהענדע אַרויסגעריסען אַ הערצרייסענדער יאָמער-געוויין וועלכער האָט אָנגעפילט די גאַנצע גאַס מיט שרעקליכע קלאַנגען, פון זיפצען און קרעכצען...

# אַ פריה־מאָרגען ביי מיסעס קלאַצקין

מיסעס קלאַצקין איז שוין דריי יאָהר אַן אַלמנה.

איהר מאַן, אַ פּיינטער איז ער געוועהן, איז אַראָפּגעפאַלען פון סקאַפאָלד בשעת ער האָט געאַרבייט און איז דער׳הרג׳עט געוואָרען.

עס איז איבעריג צו דערצעהלען וואָס מיט מיסעס קלאַצקין האָט זיך געטהון, ווי אַזוי זי האָט זיך געריסען די האָר פון קאָפּ, געבראָכען די הענד, און געיאָמערט און געקלאָגט, ווען אַן אַמבולאַנס האָט איהר מאַן צוגעבראַכט אַ נהרג צום הויז. אַלע בעקאַנטע, שכנים, נאָס־מענשען, קינד־און־קייט האָבען געוויינט אויף איהר קוקענדיג, די אָרומיגע הייזער אין בלאָק האָבען ווי מיטגעטרויערט, און דער רעגען, וועלכער האָט דעמאָלט אָנגעהויבען ניסען, האָט אויסגעוויזען ווי אַ גרויסער ים טרעהרען, וועלכען מיסעס קלאַצקין האָט מיט איהרע יאָמערליכע קולות, און האַרצרייסענדע זיפצען, אַרויסגעריסען פון הי־מעל. היינט, ווער רעדט שוין, ווען מען האָט איהם מקבר געוועהן ?!...

מיסעס קלאַצקין איז פון דאַן אָן געוואָרען אַ לעבעדיגער מת. זי איז אויסגעדאַרט, איינגעבויגען, די באַקען בלאַס און איינגעפאַלען, קיין איינציגען צאָהן אין מויל, און די אויסגעלאָשענע אויגען נאָר זיי וויינען, נאָר זיי ניסען מיט ביטערע, בלוטיגע טרעהרען...

און טרעהרען זענען ביי איהר פאַראַן קוואַלען!

אַט איז זעקס אַזייגער אין דער פריה, מיסעס קלאַצקין שטעהט ביים קעראָסינדעל אויף וועלכען עס קאָכט זיך קאַפּע פאַר איהרע קינדער׳ס ברעקפעסט. אַצינד ווי יעדען פריהמאָרגען, טראַכט זי פון יענעם פערשאָלטענעם אינדערפריה, ווען זי האָט דעם לעצטען מאָהל געמאַכט ברעקפעסט פאַר איהר מאַן, ווי מען האָט איהם שפּעטער אהיים געבראַכט אַ טויטען, און ווי אַזוי מען האָט איהם פון איהר

צונענומען און מקבר געווען, און זי איז געבליבן אן אָרימע, וויסטע אַלמנה מיט פיער שוואַכע עופ'עלאַך, וועלכע דאַרפען זיך איצט מיט איהר אינאיינעם אַזוי ביטער מאַטערן אויף דעם אָרעמען לעבען. און אַזוי טראַכטענדיג ווערען איהר די אויגען אָנגעגאָסען מיט טרעהרען, זי זעהט ניט, אַז די קאַפּע האָט ,שוין אויפגעקאַכט און זודענדיג לויפט זי אויס'ן קענדעל און פערלעשט די שוואַכע פלאַמען פון דעם קעראָסינדעל וואָס לאָזט פון זיך אַרויס אַ פער־דערבליכען רויך. זי זעהט דאָס ניט און פיהלט דאָס ניט, איהרע אויגען ניסען מיט טרעהרען, וועלכע ברענען שרעקליך די איינגע־שרומפּטע הויט פון איהרע איינגעפאַלענע באַקען.

מיסעס קלאַצקין ווישט זיך אויס, נעהמט אַראָפּ די קאַפּע פון קעראָסינדעל און נעמט וועקען איהרע פערוואָגעלטע יתומים'לאַך.

„סערעלע, סערעלע!“... וועקט זי שטילערהייט איהר עלטסטע קינד, אַ מיידעלע פון 15 יאָהר, און גלעט זי איבער'ן קאָפּ, „שטעה אויף, מיין קינד, שטעה אויף!“... דאָס קינד דרעהט זיך איבער אויף דער צווייטער זייט, רוקט אַרונטער אַ האַנד אונטער'ן קושען און שלאָפט ווייטער, און מיסעס קלאַצקין בלייבט שטעהן איבערגעבויגען איבער דעם בעטעל, קוקענדיג מיט פערוויינטע אויגען אויף דעם קינד'ס מאָגערען קערפּערעל, און זי דערמאָנט זיך ווי היים דער פערשטאָר־בענער טאַטע האָט דאָס קינד ליעב געהאַט, אַ קורצע צייט פאַר זיין טויט האָט ער איהר געלאָזען לערנען שפּיעלען פּיאַנאָ, ער, זאָל זיך מיהען, האָט נעפּלאַנעוועט דאָס קינד צו שיקען אין היי־סקוהל, פון איהר מאַכען אַ געבילדעטע פריילין. און איצט וואָס?... שוין דריי יאָהר פון זיין טויט אָן, אַרבייט דאָס שוואַכע קינד פאַר דריי דאָלער די וואָך אין אַ שניידער שאָפּ, אַנשטאַט צו שפּיעלען פּיאַנאָ מיט איהרע פינגערלאַך, נעהט זי נאָר קנעפּלאָך צו רעקלאַך, און אַנשטאַט זיך צו לערנען גוטע און קלוגע זאַכען אין היי־סקוהל לערענט זי זיך אָפּ שלעכטע מדות, גראָבע רייד פון גראָבע שאָפּ־יונגען... דער זייגער קלינגט האַלב נאָך זעקס, מיט אַ פערשטיקטער שטימע נעמט זי ווידער וועקען דאָס קינד, דאָס יתומה'לע ראַזדרעכנעט זיך, הויבט זיך אויף

און אויף איהר קאָפּ פאַלען אַראָפּ אַ פּאָר זודיגע טרעהרען פון דער מאַמעס אויגען.

נעקסט נעמט זי וועקען סעמעלע׳ן. און וואָס פיהלט ניט איבער איהר הארץ ווען זי וועקט סעמעלע׳ן?... אַ קליינינקייט סעמעלע, דער גאָלדענער קאָפּ, וואָס האָט זיך אַזוי גוט געלערענט אין סקוהל, און וועמען ער, זאָל זיך מיהען, האָט בדעה געהאַט אויסצוהאַלטען ביז ער וועט ווערען אַ דאָקטאָר, אַ לאַיער אָדער אַ טיטשער, אַז ער זאָל ניט דאַרפען זיין אַ קאַמענער אַרבייטער, וואָס שטעלט יעדען אויגענ־בליק איין דאָס לעבען פאַר דעם שטיקעל ברויט... איהם סעמעלע׳ן, וועקט זי דאָס איצט, אַז ער זאָל געהן אָפּגעבען זיין כח, זיין בלוט און שוויים, און אַ גאַנצען טאָג לעבען פון זיין פערצעהנטען יאָהר, ביי אַ שמוציגער אַרבייט אין אַ פעקטאָרי, וואו. און פאַר וואָס? פאַר פערציג פענים!... אוי, ווי עס רייסט איהר דאָס הארץ!... ווי די נעראַנקען שפּאַלטען איהר מח!... זי וועקט איהם ביז ער עפענט די אויגען, דאַן קעהרט זי זיך אָפּ פון איהם און פון איהרע אויגען זעצען אַרויס צוויי שטראָמען טרעהרען...

בענעלע כאַפּט זיך אַליין אויף, ער איז אַ שוואַכינקער, נערוועזער אַכט יאָהריגער קינד, און נאָר איין קוק אויף זיין געל־בלאַסען פאַר־יתום׳טען פּנים׳ל, איז שוין גענוג, אַז מיסעס קלאַצקין זאָל זיך וואַשען אין טרעהרען.

די קינדער טהוען זיך אָן אין זייערע אַלטע צוריסענע קליידער, זיי וואַשען זיך אָפּ, פערקעמען זיך און נעמען עסען ברעקפעסט.. ביים עסען כאַפּען זיי אַלעמאָהל אַ קוק אויף דער מאַמען וועלכע וויינט קוקענדיג אויף זיי, און זייערע יונגע הערצעלאַך וויינען, וויינען אין דער שטיל און יעדער ביסען ווערט מיט טרעהרען אַרונטער געשלונגען.

ווען זיי פאַרטיגען זיך אָפּ געהען זיי אַוועק, סערעלע מיט סעמעלע׳ן צו דער אַרבייט, און בענעלע אַרומצולויפען אַ גאַנצע טאָג אויף די צוהיצטע שטיינער ת׳ן גאַס פעדלען מיט שוה־לייסעס. מיסעס קלאַצ־קין קושט זיי, בענשט זיי פאַר דעם אַוועק געהן, קוקט זיי נאָך אַ ווײַלע,

דאַן מאַכט זי צו די טיהר, ווישט אויס די טרעהרען פון די אויגען און נעמט זיך אויספּיגישען די הויזען וואָס זי נעמט אַרוים פון אַ שאַפּ.

אין דער מינוט כאַפּט זיך אויף דאָס איננסטע קינד, אַ מיידעלע פון פיער יאהר, מיט אַ שרעקליכען וויינען.

פון דעם קינד'ס וויינען פאַנגט אָן ביי מיסעס קלאַצקין גליווערען דאָס הארץ. דאָס קינד ווייסט נעבעך גאָר פון קיין טאַטען ניט, עס געדענקט אפילו זיין צורה ניט, און ניט איינמאָהל בעגיסט זיך מיסעס קלאַצקין מיט טרעהרען ווען דאָס קינד נעהמט זי פרעגען: „מאַמע, פאַרוואָס האָב איך ניט אַ פּאַפּאַ ווי מיינע חברה'טעס? פאַרוואָס ברענגט ער מיר ניט קיין קענדי, און קומט ניט אַהיים?“ זי לויפט שנעל אַריין צום קינד, שפּאַרט זיך נעבען איהר אויפ'ן קישען, טוליעט עס צו איהר הארץ און פּרואווט זי איינשטילען.

„שאַ, מיין קינד, נאַ, פייגעלע מיינס, זיי שטיל, טאַכטערקע מיינע, און שלאָף רוהיג...“ דאָס קינד הערט זי ניט און וויינט ווייטער וואָס אַמאָהל העכער און העכער. „וואָס איז מיין קינד? וואָס וויינסטו, טאַכטערקע מיינע? האָסט זיך אפשר דערשראָקען?“ פּאָלט איהר איין צופרעגען ביים קינד.

„דאָ איז געוועהן אַ פּאַפּאַ“, נעמט דאָס קינד רעדען בליפּענדיג אויף אַ קול, „ער האָט מיך געהאַלטען אויף די הענד, מיך געקושט און מיר געגעבען קענדים, איצט איז ער אַנטלאָפען...“

מיסעס קלאַצקין פערקלעמט ביים הארצען, זי דערמאָהנט זיך ווידער' אין איהר מאַן, אין זיין פּלוצים'דיגען, שרעקליכען טויט און אין דעם שיקזאָל פון איהרע אָרימע יתומים'לאַך. זי טוליעט זיך צום קינד, קושט דאָס עטליכע מאָהל און זאָגט:

„דאָס איז געוועהן אַ חלום, מיין קינד, אַ חלום!... אויפ'ן וואָהר וועסטו שוין קיינמאָהל קיין פּאַפּאַ ניט האָבען, קיינמאָהל!...“

און זי מיט דעם קינד וויינען ביידע...

# דער איטאַליענישער מילך־מאַן

איך בין געוועהנליך אַ פריהער אויפשטעהער, כמעט יעדען פריה־מאָרגען, אַרום פינף אַזייגער וועקט מיך אויף אַ לייכטער קלונג פון מיין בעל. איך שפּרינג שנעל אַראָפּ פון דעם בעט, כאַפּ אויף זיך די פּלידערען, קריך אַריין אין אַ פּאָר שטעק־שיך און לויף עפענען די טהיר און אַזוי ווי איך עפען זי גאָר ברייט נענוג אַרויסצושטעקען דעם קאָפּ מיט אַ האַנד, דערהער איך דעם „גוד מאָרנינג, באָס!" מיט אַן איטאַליענישען אַקצענט און אַ באַטעל „באָרדענ׳ס" מילך פאַרפולט מיין האַנד.

דער מילך־מאַן איז אַ יונגער איטאַליענער, אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט שוואַרצע אויגען און קליינע שוואַרצע וואָנסען. יעדען פריה־מאָרגען, סיי ווינטער, סיי זומער, ווען איך דערזעה זיין פּנים ביי דעם שוואַכען שיין פון דעם גאַז־ליכט וואָס ברענט אין דעם האָל, ווען ער איז שטאַרק פאַרשוויצט, הפּנים פון דעם שנעלען לויפען און קלעטערען אויף די טרעפּ.

קיינמאָהל, קיינמאָהל, האָט ער קיין צייט ניט, אַזוי ווי איך נעם ביי איהם צו דאָס פלעשעל מילך אַזוי לויפט ער שנעל, כמעט ווי אַ קאַץ, אַרויף די טרעפּ צום נעקסטען פלאָר, און באַלד יאָגט ער מיט אימ־אַרונטער פון אַלע טרעפּ און ווען די אונטערשטע טיהר מאַכט זיך אונטער איהם צו מיט אַ שטאַרקען קלאַפּ, הער איך איהם תמיד, אַ הויכען טצמאַקע טהון דעם פערד, וועלכעס נעהט איהם שוין נאָך און שטעלט זיך אַליין אָפּ ביי דעם נעקסטען הויז אין וועלכען ער ווערט ווידער פערשוואונדען.

יעדע וואָך, געוועהנליך מאָנטאָג נאָכמיטאָג, קומט ער קאָלעקטען פאַר די פלעשלאַך מילך צו אַכט סענט, 56 סענט פאַר דער גאַנצער וואָך, און ביים נעמען דאָס געלד, ביים גיבען דאָס טשיינזש און פער־שרייבען בייט איך מיט איהם איבער עטליכע ווערטער. ער איז זעהר פריינדליך און ענטפערט אויף אַלעמען, גוטמוטהיג און אָפענהערציג. אַנומעלט בין איך מיט איהם געוואָרען גאַנץ אינטים, האָב איהם גע־פרעגט אויב ער איז אַ בעווייבטער.

פאַ אונטער זיינע וואַנסעז האָט זיך בעוויזען א שמייכעל און ער האָט מיר געענטפערט, „מיי וויף איז דזשאואיש״.

דאָס האָט מיך שוין פעראינטערעסירט, אַז איטאַליענער מיט א אידישער ווייב! און איך האָב איהם געבעטען ער זאָל מיר דערצעלהען ווי אַזוי ער האָט מיט איהר חתונה געהאַט, אויב זיי לעבען גוט און צו זיי ליעבען זיך.

„יעס! איי לאַוו מאַי רייטשעל וועריי מאַטש!״ האָט ער מיר געענטפערט און זיך אָנשפּארענדיג אַז דער פּארענטשע פון א בענקעל האָט ער מיר דאָס פאָלגענדע דערצעהלט:

„מיין רייטשעל׳ס פאָטער איז געוועהן א באַרבער און איך האָב ביי איהם לאַנג געאַרבייט, דער באַרבער־שאָפּ איז געוועהן אין א סטאָר און דער באָס מיט זיין פאַמיליע האָבען געוואָהנט אין דריי רומס אונטער דער סטאָר. ווען ס׳איז געוועהן סלעק פלעג איך שפּילען אויף מיין גיטאַרע אָדער אויף מיין האַרמאָניקע, רייטשעל איז נאָך דאַן געגאַנגען אין סקוהל און ווען איך האָב געשפּיעלט איז זי אריינ־געקומען אין סטאָר מאַכען די לעסאָנס. זי האָט שטאַרק ליעב געהאַט מיין שפּיעלען, איהרע שעהנע אויגען האָבען ווי געטאַנצט ווען איך האָב געשפּיעלט. דערנאָך האָט זי מיך געלערענט ענגליש און איך האָב איהר געלערענט איטאַליעניש, און איך פלעג איהר דערצעהלען שעהנע געשיכטעס פון מיין שעהנעם פאָטערלאַנד פון סיציליען, און איך בין צו איהר שטאַרק צוגעוואָהנט געוואָרען און זי צו מיר, און ווען איהר טאַטע האָט דעם באַרבער־שאָפּ אויפגעגעבען האָב איך ערגעץ אַנדערש ניט געקענט אַרבייטען, איך האָב נאָך רייטשלען גע־בענקט, דאָס איז א סמן אַז איך האָב איהר ליעב, האָב איך געטראַכט, און איך האָב זי געבעטען, אַז זי זאָל צו מיר קומען מיך זעהען וואו איך האָב געאַרבייט, אָדער אין דערהיים, און איך האָב איהר צוגעזאָגט פאַר איהר ווידער צו שפּיעלען, און ווען זי האָט מיך געפאָלגט און זי איז געקומען, האָב איך פערשטאַנען אַז זי האָט מיך אויך ליעב און איך האָב געוואָלט מיט איהר חתונה האָבען.

„מיינע עלטערן זענען אָבער געוועהן קאַטאָליקען, זיי האָבען גע־וואָלט אַז רייטשעל זאָל זיך שמד׳ן, און ווען רייטשעל׳ס עלטערן האָ־

בען אויסגעפונען פון אונזער לעבען, האבען זיי צוערשט רייטשלען פערשאַפּט און מיך אוועק געטריבען.

אבער איך מיט רייטשלען האבען זיך פערשוואָרען, אז מיר מוזען חתונה האבען, און איהרע עלטערען האבען נאָר געוואָלט, אַז איך זאָל זיך מגיר זיין. איך בין געוועהן צווישען צוויי פייערען, מיה האַט וועה געטהון דאַס הארץ אויף מיינע עלטערן און אויף איהרע עלטערן, און איך האב געוואָלט זיך מגיר זיין פונזייערטוועגען, און רייטשעל זאָל זיך שמד'ן פון מיינע עלטערנ'ס וועגען, נאָר דאַס האַט דאָך אָבער ניט געקענט זיין און איך האָב בעשלאָסען צו וואַרטען און רייטשעל האט מיר צוגעזאָגט אויך צו וואַרטען, אויף וואָס האָבען מיר ביידע ניט געוואוסט, אנטלויפען מיט איהר אָדער פערפיהרען זי, האָב איך ניט געוואָלט, איך האָב געוואוסט אַז איהרע עלטערן וועלען דאָס ניט אריבערטראַגען, עס זענען אוועק צוויי יאָהר, דערווייל זענען מיינע עלטערן, וועלכע זענען שוין שטאַרק אַלט געוועהן, אין אַ קורצער צייט געשטאָרבען. דאַן איז מיר גרינג געוואָרען צו טהון, וואָס מען האַט פון מיר געוואָלט און איך בין געוואָרען אַ איד און איך האָב חתונה געהאַט מיט רייטשלען, און איך האָב מיין רייטשלען שטאַרק ליעב, און ווען זי קוקט אויף מיר מיט איהרע שעהנע אידישע אויגען, פיהל איך אַזוי גוט, אַז איך כאַפּ איהר אויף די הענט און קוש זי, און קוש זי, און פון איהרעטוועגען האָב איך אויפגעגעבען דאָס באַר־בעריי און אָנגענומען דעם דזשאָב, ווייל איך פערדיען בעסער און איך וועל זיך אָרויפאַרבייטען, וואָרען איך דאַרף שוין מעהר האָבען, פאַראיאהרען האָט מיין רייטשעל געבאָרען אַ באַי, וואָס מען רופט נאָך איהר טאַטען, וועלכער איז אויך געשטאָרבען, און איהר מוטער איז ביי מיר אין הויז און מיר לעבען אַלע צופריעדען, מיר וואָהנען אין אַ אידישען געגענד, און די שכנים האַלטען מיך אַלע פאַר אַן איטאַליענישען אידען, ווייל איך רעד גוט אידיש.

איידער ער איז אָוועגגעגאַנגען האָט ער מיר וואַרעם געדריקט די האַנד און ער האָט מיר ווידער געזאָגט:

„יעס סער, איי עם אַ וועריי העפּי מען, איי לאַוו מיי וואַיף, שהי איז דשואיש".

# הומאָרעסקן

# דער ריעל־עסטייטניק

אין דערהיים איז זיידע נחום הירש'ס געווען א בעל עגלה, א גאנץ פראסטער ארענטליכער מענש.

דא, אין אמעריקע, איז ער גרינערהייט געווארען א ביגלער; ער האט אבער בשום אופן ניט געקענט געוואוינט ווערען מיט דער שטי־קענדער היץ אין פערפעסטעטער לופט פון שאפ און דערפאר האט ער זיך גענומען צו קאסטאמער־פעדלעריי.

פון אנהויב האט איהם דאס קלעטערען אויף די טאפ־פלארס און דאס קלאפען אין די טיהרען גאר ניט געשמעקט, עס איז אבער פארט ניט קיין ארבייט אין א שאפ און מען איז ניט פערקויפט צו א באס, און דערפאר האט ער זיך געהאלטען ביי פעדלעריי. דאס וואס ער האט ניט געקאנט ניט לעזען און ניט שרייבען האט איהם אפילו ניט ווייניג געשטערט, ער האט אבער באלד, ווי ס'ניט איז, זיך אויסגעלערענט צו פערשרייבען מיט רינגעלאך און פאסיקלאך די סיילס וואס ער האט געמאכט אויף אפצאלען, אבער דאס בעסטע האט ער ליעב געהאט א קעש־סייל, טאקע נאר דערפאר אליין, וואס ער האט פערשפארט דאס שרייבען און חשבון'ען.

אנגעהויבען פעדלען האט זיידע נחום הירש'ס צווישען בעקאנטע און לאנדסלייט, ערשטענס, ווייל ס'איז כמעט ניט געווען איין לאנדס־מאן אדער לאנדספרוי, וואס איז ניט געפארען אמאהל אויף זיין פוהר און האט ניט גוט גערעדענקט ווי בריה'ש ער פלעגט ארויסשלעפען פערד און וואגען פון א געדיכטער בלאטע אונטערוועגענס, אדער ווי ער פלעגט אמאהל פארענדיג שפעט אין דער נאכט דורך א טיעפען וואלד אויספייפען אדער אויסזינגען א זיעסען אידישען ניגון און דערמיט פערטרייבען מרה־שחורה'דיגע געדאנקען מיט דער מורא פאר וואלד־רויבער, צווייטענס, האט יעדער איהם געקענט פאר א פראסטען,

ערליכען מענשען און מען האָט געוואוסט, אַז מען דאַרף פאַר איהם ניט מורא האָבען, אַז ער וועט חלילה אימעצען בעשווינדלען אָדער איבערזעצען אויפ'ן פּרייז, ווי אַנדערע פּייקערס טהון, און ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט פון פּרייז, פלעגט ער פערזיכערען זיינע קאָס־טאָמערס, אַז ביי אַ קעש סייל פערדינט ער ניט מעהר ווי אַ קוואָדער, אָדער אַמאָהל, אַמאָהל נאָך צעהן סענט, דאָס אַלעס. „עס קאָסט מיך אַליין דריי דאָלער האַלסייל", פלעגט ער זאָגען, „און איך וויל ניט מעהר ווי אַ קוואָדער פערדינסט פאַר מיין גאַנג". און ווען איינער האָט ביי איהם עפּעס געקויפט אויף אַפּצאָלען האָט ער יענעם אויך פערזיכערט, אַז ער בעריסט איהם ניט „אַז איך קען דאָס גאָר ניט טהון", פלעגט ער טענה'ען „איך וויים ניט ווי אַזוי מען קען האָבען דאָס האַרץ יענעם צו בעריסען".

פונדעסטוועגען, אָדער אפשר טאַקע דערפאַר, האָט זיך זיידע נחום הירש'ס אין אַ גאַר קורצער צייט, גאַנץ שעהן אַרויפגעאַרבייט. נאָך דעם ערשטען יאָהר פעדלעריי האָט ער אויפגעהערט צו האַנדלען מיט קליינינקייטען, טישטוכער, קוירטענס אָדער אַלבומס, זענען שוין מעהר ניט געווען זיינע אַרטיקלאַך. ער האָט אָנגעהויבען צו האַנדלען מיט דזשועלערי, מיט דיימאַנדס, פוירניטשור, און האָט דוקא געמאַכט גאָר גרויסע סיילס, אפשר אין הונדערטער דאָלער. און ביסלאַכווייז ביי די ביזנעס האָט זיך זיידע אַליין אויך געענדערט. זיין גאַנצע פּערזאָן האָט זיך עפּעס ווי איבערגעביטען, גאָר אַן אַנדער מענש געוואָרען, דער בעל עגלה איז פון איהם אינגאַנצען אַראָפּ, דאָס פּראָסקייט וואָס איז תמיד אויף זיין געזיכט געלעגען איז פאַרשוואונדען געוואָרען, זיין געוועהנליך רונדליכע באָרד, האָט ער געלאָזט אָפּט אָפּשערען שפּיצינג, מעשה דאָקטאָר, אַ חוץ דעם האָט ער זיך שוין געקליידט מעהר מאָדערנע, האָט געטראָגען אַ גאָלדענעם וואָטש און טשיין, וועל־כע האָט זיך היבשלאָך אָנגעזעהן אויף זיין פענסי זשילעט, און דעם דיימאַנד וואָס האָט ביי איהם געשטעקט פון פאָרענט אין העמד, פלעגט ער אַלעמאָהל אָנטאָפּען אָדער אָפּרייבען מיט דער הענטקער־טשעף, כדי אַנדערע זאָלען בעמערקען דעם בליאַסק.

און מיט דער צייט האָט זיידע נחום הירש׳ס אינגאַנצען אויפֿ־געהערט צוהאַנדלען מיט די לאַנדסלייט. ער האָט שוין געהאַט גענוג איטאַליענישע און דייטשע קאַסטאָמערס, צו איירישע און נאָר יענקיס פֿלעגט ער שוין אויך טרעפֿען און מיט זיי נאָר גוטע געשעפֿטען מאַכען. און ווען ער פֿלעגט דערנאָך אַמאָהל קומען צווישען לאַנדסלייט ביי אַ געלעגענהייט, איז ער שוין מעהר ניט געווען זיידע נחום הירש׳ס, אָדער חלילה זיידע דער בעל עגלה, זאָל גאָט אָפּהיטען! „מיסטער הערדי בוירנס", אָדער „מר. בוירנס", האָט ער געוואָלט אַז יעדער זאָל איהם רופֿען, ווייל אַזוי האָבען די יענקיס זיין נאָמען פֿראַנאַנסירט.

דערווייל האָט „מר. בוירנס" אָנגעהויבען צו ווערען וואָס אַמאָהל רייכער און רייכער. זיין בוך מיט קאַסטאָמערס האָט געוואָקסען פֿון טאָג צו טאָג, גראָדע גוטע קאַסטאָמער געוועהן! זיי פֿלעגען אָפּצאָלען צוויי אָדער דריי מאָהל אַזוי פֿיעל וויפֿיעל דאָס אַרטיקעל האָט געקאָסט, ווייל מר. בוירנס האָט זיך שוין אויסגעלערענט מאַהנען אַ פּרייז. דערצו איז ער נאָך געוועהן אַ זעלטענער מוצלח, ביי איהם האָט אַ קאַסטאָמער קיינמאָהל ניט אַ זאַך ניט גענומען איהם ניט צו בעצאָלען. זעלטען, זעלטען אַז איהם איז ווען פֿערפֿאַלען געוואָרען אַ קליינער באַלאַנס פֿון אַ פּאָר דאָלער.

אין עטליכע יאָהר אַרום, ווען מר. בוירנס האָט שוין געהאַט אָנגעזאַמעלט אַ היבשע סומע געלד איז דאָס קאַסטאָמער־פּעדלעריי איהם אינגאַנצען נמאס געוואָרען. האָט ער צוביסלאַך אָנגעהויבען איינצומאַהנען וואָס איהם איז געקומען צווישען זיינע קאַסטאָמער און האָט אויפֿגעהערט צו פֿערקויפֿען צום אָפּצאָלען. אָבער אין די סטאָרס וואו ער האָט געהאַט קרעדיט האָט ער ניט אויפֿגעהערט צו נעמען סחורה, פֿערקעהרט האָט נאָך גענומען וואָס מעהר. מיט אַלע מעגליכקייטען האָט ער געטרייעט די סחורה צו פֿערקויפֿען נאָר פֿאַר קעש. אַ ביסעל ביליגער אַפֿילו ווי עס האָט איהם אַליין געקאָסט אָבער פֿאַר מזומנ׳ע געלד, זאָל יענער האָבען אַ בארגיין. און ווען ער

האט שוין געהאט אנגענומען ביי די האלסיילערס אזוי פיעל וויפיעל ער האט נאר געקאנט, האט ער אין איין שעהנעם פריהמארגען געלאזט וויסען אלע זיינע קרעדיטארען, אז ער קען זיינע חובות ניט אפצאלען. די קרעדיטארען האבען געשריען, געמאכט געפילדערס, ער האט אבער פאר יעדען געוויינט מיט ביטערע טרעהרען, בעקלאגט זיך אז ער האט געמאכט זעהר שלעכטע ביזנעס און א חוץ דעם איז איהם זעהר פיעל געלד פערפאלען געווארען צווישען קאסטאמערס, וועלכע האבען איינפאך די סחורה אויסגעכאפט און זיך צומופט, אדער אוועקגע־פאהרען אין אן אנדערען סטייט, אדער גאר קיין יוראפ, און נאטירליך אז מען האט איהם ניט בעצאהלט, קען ער יענעם ניט בעצאהלען. ווען איינינע קרעדיטארען האבען איהם געסטראשעט מיט געזעץ, געריכט אדער ארעסט, האט מר. בוירנס גענומען א לאיער וועלכער האט איהם פאר עטליכע דאלער ארויסגענומען פון אלע טראבעלס, דערנאך האט ער מיט יעדען קרעדיטאר אפגעסעטעלט מיט צעהן פראצענט, פער־זיכערענדיג יעדען איינעם פון זיי, אז ער טהוט דאס נאר דערפאר, ווייל ער קען גאר ביי יענעם ניט צו נעמען, און אז ווען ער זאל נאר קענען מעהרער ארויסשלעפען פון זיינע צרות־דיגע קאסטאמערס, ביי וועמען זיין פערמעגען איז נעבאך אינגאנצען פערפאלען געווארען, וואלט ער זיכער מעהרער אפגעגעבען.

ווען מר. בוירנס איז פטור געווארען פון זיינע קרעדיטארען, האט ער באלד אנגעהויבען צו טראכטען פון ביזנעס. ער האט זיך אבער ניט זעהר לייכט געקאנט צו עפעס נעמען, ער האט געוואלט אינוועס־טען זיין געלד אין עפעס זיכערעס און איינטרעגליכעס. פונדעסטוועגען האט ער ארויסגעמופט קיין בראנזוויל און האט זיך גענומען צו קוקען צו די ריעל עסטייט ביזנעס, וועלכע האט זיך דארטען פלוצים צופלא־קערט. אין גאר א קורצער צייט איז מר. בוירנס געווואר געווארען פון אלע טריקס מיט די „אינס" און „אויטס" פון די ביזנעס, און ער האט קיינמאהל ניט געקויפט א „פארסעל", סיידען ער האט גע־וואוסט, אז דעם פערקויפער טהוט וועה דער קאפ, דאס הייסט, אז ער איז געצוואונגען צו פערקויפען, ווייל עס איז איהם ענג אין געלד

און ער קאָן ניט נאָכקומען די צאָלונגען אויף דעם מאָרטגיידזש, אָדער צוליעב אַנדערע אורזאַכען. שפּעטער האָט ער אָנגעהויבען קויפען און פערקויפען לאָטס, איז געוואָרען אַ בילדער, האָט געבויעט הייזער אָהן פונדאַמענטען מיט ליידיגע ווענט, וואָס די בילדינג אינספּעקטאָרען האָבען פערקוקט, ווייל מר. בוירנס האָט זיי מיט עפּעס געזעהן. די הייזער האָט ער אָדווערטייזט פאַר די בעסטע און שטאַרקסטע אין דער וועלט, און האָט צוגערעדט אַלע בעקאַנטע און לאַנדסלייט, וועלכע האָבען איהם איצט שטאַרק רעספּעקטירט, אַז זיי זאָלען אָפּקויפען די הייזער, און ער האָט אַלעמען אַ טובה געטהון, צוגעלאָזט ביליג און צוריק גענומען אַ צווייטען מאָרטגיידזש, וועלכען ער האָט גאָר אָהן צערמאָניעס און אָהן רחמנות „פאָרקלאָזט", אַזוי שנעל ווי ער איז ניט נאָכגעקומען מיט אַן אָפּצאָלונג.

און די ווי אין די פריהערדיגע ביזנעס איז מר. בוירנס'ן גוט אָפּגעגאַנגען און ער איז גאָר גאָר רייך געוואָרען, ער האָט פערמאָגט פיעל הייזער, לאָטס, מאָרטגעדזשעס, געווען אַ גוטער דעפּאָזיטאָר אין עטליכע בענק און זיין קרעדיט איז געוועהן אונבאַשרענקט, און מיט געלד האָט ער אַלץ געהאַלטען אין איין מאַכען וואָס מעהר געלד.

* * *

אצינד איז שוין מר. בוירנס פון גאָר לאַנג איינער פון די עלטסטע אָנגעזעהענסטע בעלי בתים אין בראָנזוויל. ער האָט אַ זוהן אַ דאָקטאָר, צוויי זיהן לאָיערס, און די טעכטער פערהייראַט, איינע צו אַ דזשאַדזש, די צווייטע צו אַ באַנקיר און די דריטע צו אַזוי אַ רייכען ביזנעסמאַן. מר. בוירנס איז פּרעזידענט און דירעקטאָר פון עטליכע פּראָמינענטע טשאַריטי־אינסטיטושאַנס, און איז בעוואוסט אַלס אַ גרויסער טובת־הכלל־ניק, וואָס איז כמעט איינער פון די זיילען פון אַמעריקאַנער אידענטהום, און אָפּטמאָל ווען עמיצער צורעדט זיך אין זיין געגענוואַרט וועגען געלד, און ווי מאַנכע ווילען רייך ווערען פון גאַרניט, דורך שווינדעל און בעטרוג, גיט מר. בוירנס אַ קרעכץ און זאָגט זיך שטיל מיט אַ ערנסטע מינע אויפ'ן געזיכט „אי, אי", זאָגט ער, „אויף

געלד דאַרף מען שווער אַרבייטען, אָבער שווער! אַט קוקט מיך אָן, איך האָב יעדען סענט מיינעם שווער פערהאָרעוועט און כשר פערדינט. איך האָב אויף גענוג טרעפען געקלעטערט, פּלענטי טיהרען געקלאַפּט, גענוג פּעקלאַך אויף זיך געטראָגען, אָבער מיט יעדען אָרענטליך גע־האַנדעלט". די וואָס שטעהען אַרום הערען זיך איין, שאָקלען צו מיט די קעפּ, גלייך זיי זענען געוועהן דערביי און גיבען צו אַז מר. בוירנס האָט רעכט, און יעדער גראַטולירט איהם ,דערמיט וואָס ער האָט זיך דערלעבט אַ גוטע עלטער און אַז ער קען דאָס אַלעס דערצעהלען אין פריידען.

# דאָקטאָר קוזליק

אַ חוץ אַ מעשענע סיין ביי דער טהיר, צוויי וויס־גלעזערנע סיינס מיט שוואַרצע בוכשטאַבען אין ביידע פענסטער פון דער פּאַרלאָר און אַ סיין פון שוואַרצען גלאָז מיט זילבערנע בוכשטאַבען אויף דער וואַנד צווישען די צוויי פענסטער, וועלכע האָבען קוזליקען פּראָקלאַמירט פאַר דער וועלט אַלס אַ דאָקטאָר מעדיצין, און אַ חוץ זיין אַפּיס וואו עס האָבען געהאַנגען אויף די ווענט דיפּלאָמאַס מיט „סערטיפיקייטס", בילדער פון קאָנסולטאַציאָנען איבער פּאַציענטען, און וואו עס זיינען אויך געווען אָנגעלעגט און אויסגעשטעלט פערשיעדענע כירורגישע אינסטרומענטען, וועלכע האָבען איהם ביי זיך אין דער היים בעשטעטיגט אַלס אַ דאָקטאָר מעדיצין, — אַ חוץ די אַלע זאַכען האָט נאָך דאָקטאָר קוזליק געהאַט אונצעהלבאַרע אייגענשאַפטען, וועגען און מעטהאָדען, ווי אַזוי זיך צו אַדוועטייזען, אַזוי אַז קיין מענש זאָל חלילה ניט מיינען אַז ער, קוזליק, איז גלאַט אַזוי אַ פּראָסטער מענש, נאָר פאַרקעהרט, אַז יעדער זאָל וויסען אַז ער איז דאָקטאָר קוזליק, אַ דאָקטאָר מעדיצין טאַקע אויף אַן אמת'ן.

אין זיינע יונגע יאָהרען איז דאָקטאָר קוזליק געווען אַ סאָלדאַט אין רוסלאַנד, און דאָרט האָט ער געאַרבייט אין דער „וואָיענע באָלניצא" (מיליטערישען האָספּיטאָל). קומענדיג דערנאָך קיין אַמעריקא האָט ער געקראָגען אַ דזשאָב אַלס קראַנקען וועכטער אין אַ האָספּיטאָל. שפּעטער איז ער געוואָרען מאַסאַזשיסט און ענדליך האָט ער אויסשטודירט אויף דאָקטאָר, אין אַ ביליגען קאָלעדזש אין דער וועסט, מיט דער הילף פון אַ ליידיעס ווייסט מייקערינס' ווידזשעס. און יעצט, ביי יעדע געלעגענהייט וואָס ער האָט נאָר, גיט ער אָנצוהערעניש, אַז ער איז „אַ רוסישער וואָיענער דאָקטאָר" און וואַרפט דערביי אַריין אין געשפּרעך עטליכע סאָלדאַטסקע רוסישע ווערטער,

און ווער עס פערשטעהט ניט קיין רוסיש גלויבט איהם נאַטירליך און האָט פאַר איהם גרויס דרך ארץ.

אין פּריוואַט געשפּרעכען קען דאָקטאָר קוזליק ניט אוועקלאָזען קיין פינף מינוט, אַז ער זאָל דאָס געשפּרעך ניט ארויספיהרען אויף זיין דאָקטעריי און טאַקע באַלד דערצעהלען עפּעס פון זיין פּראַקטיקע; וואָס פאַר א רייכע פּאַציענטען ער בעהאַנדעלט; וועמען ער האָט אָקאָרשט געראַטעוועט פון טוידט. און ניט איינמאָהל קומט איהם אוים אָפּצוראַטעווען א מענשען נאָך דעם וואָס די גרעסטע פּראָפּע־סאָרען האָבען שוין יענעם אָפּגעזאָגט דאָס לעבען. און גאַנץ אָפט קענט איהר געפינען צווישען די אדווערטייזמענטס פון א אידישע צייטונג א „שבח והודיה" צו דעם גרויסען, בעריהמטען און געלעהר־טען דאָקטאָר קוזליק, פון איינעם וואָס שרייבט זיך אונטער „הרב" אזוי און אזוי, וועלכער באַדאַנקט איהם .דערפאַר וואָס נאָך דעם וואָס אַלע גרויסע דאָקטוירים האָבען איהם שוין נעהאַט מיאש געווען, האָט דאָקטאָר קוזליק „בעזרת השם" געפונען די ריכטיגע רפואה פאַר דעם אונטערצייכענטען, א. ז. וו., א. ז. וו. נאָר ווער עס בעצאָהלט פאַר אָפּדרוקען דעם „שבח והודיה" דאַרף מען אָנפרעגען ביי דער צייטונג און ווער דער גרויסער רב איז, דאָס וויים נאָר דער דאָקטאָר קוזליק אַליין, נאָר ווער וועט עס איהם געהן פרעגען?

צו ער דאַרף עס יאָ אָדער ניט, דאָקטאָר קוזליק טראָגט אימער א פּאַנסנע וועלכע וויל זיך קיינמאָל ניט האַלטען אויף זיין פּלאַציגע נאָז. איבערהויפּט ווען ער שוויצט, און ער האַלט רק אין איין ארונטער־נעהמען און צוריק ארויפזעצען די אויגען גלעזער אויף זיין פּלאַציגע נאָז, נאָכדעם ווי ער ווישט זיי אַלע מאָל אוים מיט זיין זיידענער טיכעל. די שטענדיגע מאַנעווערס וועלכע ער מאַכט דערביי, פאַרפעהלען קיינמאָל ניט צוציהען יעדענס אויפמערקזאַמקייט, וואָס צוליעב דעם מוז מען שוין זעהן אַז זיין פּלאַציגע נאָז געפינט זיך אונטער א הויכען שטערען פון א גלאַטען פליכעוואַטען קאָפּ, וואָס בליצט אזש פון ווייסקייט, און פּאַסט זיך זעהר שטאַרק פאַר א דאָקטאָר מעדיצין.

א שפּיצינגען בערדעל האָט דאָקטאָר קוזליק ניט גרעסער און ניט קלענער ווי ביי אַנדערע דאָקטוירים, און יעדעס מאָהל וואָס איינער שטעלט איהם פאַר פאַר עמיצען, אָדער ווען עס קומט צו איהם אריין אַ פרישער קליענט און פרעגט איהם אויב ער האָט די עהרע צו ריידען מיט'ן דאָקטאָר אַליין, גיט זיך דאָקטאָר קוזליק אַזאַ מאָדנעם טאַפּ ביי דעם סאַמע שפּיץ פון זיין בערדעל און ענטפערט שטאָלץ, אויף דייטש נאַטירליך, „יאַ דאַס בין איך, דאָקטאָר קוזליק זעלבער". און ער איז אין דעם מאָמענט זיכער, אַז אַ יעדער מענש וואָס בעזיצט נאָר אַלע חושים קען גאָר ניט צווייפלען, אַז פאַר איהם שטעהט אַ דאָקטאָר מעדיצין.

אַז זיין אַפּיס באָי, דאָס דיענסט מיידעל און זיין שוויגער רופען איהם אימער ביי זיין טיטעל „דאָקטאָר", איז איבריג צו דערציילען. יעדער אויפריכטיגער מענש וואָלט עס בעדאַרפט בעטראַכטען פאַר אַ גרויסע בעליידיגונג קעגען דער מעדיצינישער וויסענשאַפט, ווען זיי זאָלען איהם אַנדערש אַדרעסירען. וואָרום, אין דער אמת'ן, ווי קומט עס אַ ליאַדע אַפּיס באָי, אַ דיענסט, אָדער אַפילו אַ שוויגער צו זיין אַ נאָהענטע שמעלקע מיט אַ דאָקטאָר און איהם גאָר רופען ביי זיין פּראָסטען נאָמען אַפילו מיט אַ „מיסטער" צוגעטשעפּעט? נאָר מיט זיין אייגענער פרוי, די געוועזענע לידיעס וויסט אַפּערייטאָרקע, מיט איהר האָט דער דאָקטאָר וואָהרשיינליך אַ געהיימען פערטראָג (אָדער אפשר קומט ביי איהר אוים אינסטינקטיוו) איהם אימער צו רופען נאָר „דאָקטאָר", אָדער „דאָק" פאַר קורץ, וואו זיי זאָלען ניט זיין. איבערהויפּט ווען דער דאָקטאָר בעהאַנדעלט פּאַציענטען ביי זיך אין אָפּיס, ווען זי קען נאָר, און ווען זי מעג נאָר, קומט זי אַהין אַלע מאָל אריין מיט עהרענפורכט און פרעגט איהם געשייט, נאַטירליך אויך אויף דייטש: — „דער דאָקטאָר וויל פיליכט עטוואַס האָבען?" אָדער „דער דאָקטאָר האָט פיליכט עטוואַס גערנע?" און ווען זי ענטפערט אַמאָל אַ טעלעפאָן קאָל, שרייט זי בכיוון אויף אַ הויכען קול, כדי די וואָס זיצען אין „וועיטינג רום" זאָלען הערען, „אַז דער דאָקטאָר איז ביזי,

אז דער דאָקטאָר האָט איינע וויכטיגע קאָנסולטאַציאָן" אָדער „אַז דער דאָקטאָר מאַכט יעצט איינע זעהר שווערע אָפּעראַציאָן".

צו פעראייניגען בעלאָנגט דאָקטאָר קוזליק נאָר אַהן אַ צאָהל. און ווען ער קומט נאָר־וואָס אַריין אין אַ נייער סאָסייעטי, ווען דער פּרעזידענט שווערט איהם איין אַלס ברודער, אַזוי נעהמט ער גלייך דאָס וואָרט, און אין אַ שעהנער רעדע, וואָס איז כמעט אימער אין דייטש, בעדאַנקט ער דעם ווערטהען ברודער פּרעזידענט מיט די אַנוועזענדע מיטגליעדער, פאַר דער „זעלטענער עהרע מיט דעם נאָך גרעסערען פערגעניגען", וואָס זיי האָבען איהם צוגעטהיילט דערמיט וואָס מען האָט איהם אַריינגענומען אַלס אַ ברודער. און ער פאַר־זיכערט זיי, אַז „אָבצוואָהר ער איז איין דאָקטאָר מעדיצין פון דעסט־וועגען איז ער ניט אַריין אין דער געזעלשאַפט צוליעב ביזנעס חאָלילא" (חלילה) וואָרום, ער האָט „אונבעשריען איינע זעהר אונד זעהר גראָססע פּראַקטיס, ווי עס איז יעדען בעוואוסט", און ער גיט זיי צו פערשטעהן, אַז ער איז אַריין אין פעראיין נאָר „וויל עס איז איינע נאָבעלע גע־זעלשאַפט פון ליוטער נאָבעלע מיטגליעדער מיט ליוטער נאָבעלע צווע־קען און פּרינציפּען", און אַזוי ווי ער איז אַ נאָבעלער מענש און איז אימער בערייט צו העלפען יעדע נאָבעלע געזעלשאַפט פאַרשפּרעכט ער זיי אַז ער וועט „זיין בעסטעס לייסטען ווען די נאָבעלע ברידער וועלען זייער נאָבעלע פליכט טאָהן און איהם אַלס אַרצט ערוועהלען". דערנאָך ענטשולדיגט ער זיך אַז ער מוז באַלד אַוועקלויפען צו אַ זעהר וויכטיגער קעיס און געהט אַוועק. נאָכדעם ווי ער לאָזט איבער ביים פּרעזידענט עטליכע דאָלער פאַר אַ טריט פאַר די ווערטהע ברידער, וועלכע בעגלייטען איהם מיט אַפּלאָדיסמענטען פאַר זיין רעדע און פאַר זיין מילדקייט. נאָכ'ן מיטינג געהען זיי אין ווייַנשענק פאַר־טרינקען דעם דאָקטאָר'ס טריט מיט עטליכע דאָלער פון דער פעראיין קאַסע, און דאָרט ווערט שוין באַשטימט, אַז דאָקטאָר קוזליק דאַרף ביי די נעקסטע עלעקשאַנס ווערען דער פעראיין דאָקטאָר.

אויף דער אַרט און ווייזע האָט זיך דאָקטאָר קוזליק שטאַרק פּאָ־פּולער געמאַכט אין אַ גאָר קורצער צייט און האָט ווירקליך געקראָגען

אַ גרויסע פּראַקטיקע. זיין אָפיס איז שטענדיג געפּאַקט מיט פּאַצי־ענטען און פּאַציענטקעס, וואָס וואַרטען אויף איהם שטונדען לאַנג. און אום צו פאַרלייכטערען זייער אונגעדולד פאַרברענגט כמעט אימער די פרוי פון דאָקטאָר קוזליק אין דעם וועיטינג רום און זי דערצעהלט דערווייל די וואַרטענדע פּאַציענטען, פון די שווערע קייסעס מיט די רייכע פּאַציענטען וואָס דער דאָקטאָר האָט. און וואָס פאַר אַ וויכטיגע אָפּעראַציעס ער מאַכט טאָג־טעגליך. און אַלע מאָהל ענדיגט זי מיט דער באַמערקונג, „אַז גאָר גאָר פּיעלע דאָקטאָרען מעכטען זיך ווינשען צו וויסען אין דער מעדיצין דאָס וואָס דאָקטאָר קוזליק האָט שוין פאַרגעסען“.

עס האָט ניט לאַנג גענומען, ביז דאָקטאָר קוזליק האָט זיך געקויפט אַ „האָרס און באָגי“, און האָט געדונגען אַ דרייוועהר. אין דער ריכטיגער צייט האָט ער די „האָרס און באָגי“ אויסגעביטען אויף אַן „אויטאָ־מאָביל“ און פון דעם דרייווער איז אַ „שאופער“ געוואָרען. און ווען דאָקטאָר קוזליק פאָהרט אין אויטאָמאָביל, זיצט ער זיך בהרחבה׳דיג אויף זיין זיץ און דרעהט מיט׳ן קאָפּ אויף ביידע זייטען. קוקענדיג די פוס־געהער אין די פּנים׳ער אריין צ זעהען אויב מען קוקט אויף איהם. און ווען ער דערזעהט אַמאָל אַ יונגען דאָקטאָר, לויפענדיג צו־פוס מיט זיין „סעטשעל“ אין דער האַנד, צושפּרייט זיך דאָקטאָר קוזליק שטאָלץ אין זיין אויטאָמאָביל, גיט זיך אַ גלעט ביים סאָמען שפּיץ פון זיין בערדעל, קוקט אויף יענעם פון אויבען אַראָפּ, און טראַכט ביי זיך, אַז אַזעלכע שנעקען האָבען גאָרניט קיין רעכט צו זיין אין דער פּראָפעסיאָן.

# דער דענטיסט

אין וועלכע נאכט פון וועלכען יאהר די מאדאם דאקטאריע האט זיך ענטפּלעקט צו כאלושינגען און האט איהם געמאכט פאר א דאקטאר, א דענטיסט, איז קיינעם ניט בעקאנט. די וועלט איז דערפון געוואויר געווארען אין א שעהענעם פריהמארגען, ווען אויף א געוויסען טענעמענט-הויז פון א זעהר ביזי-סטריט אויף דער איסט-סייד זענען ארויפגעצויגען געווארען גרויסע סיינס, וועלכע האבען יעדען פארבייגעהער כמעט אויפגעריסען די אויגען מיט זייערע גרויסע גאלדענע בוכשטאבען און האבען געלאזט וויסען אלעמען, אז פון איצט אן און ווייטער וועט דארטען זיין דר. כאלושינס דענטאל פארלארס.

די סיינס האבען אויך געהאט אויפשריפטען, וועלכע האבען געלויטעט, ווי פאלגט:

„ציינער עקזאמינירען און בעראטונג גענצליך אומזאנסט".
„קראון און ברידזש-ארבייט ווערט געמאכט צו שטוינענד ביליגע פרייזען מיט אן אייביגע גאראנטיע."
„געז ווערט וויסענשאפטליך געברויכט אין מיינע פארלארס."
„ציינער ווערען געצויגען נאר אהן שמערצען."

פאר וועמען „אהן שמערצען"— צי פאר'ן דאקטאר, צי פאר'ן פאציענט,— דאס איז אויפ'ן סיין ניט געווען, נאר מען האט דאס איבערגעלאזט זיך משער צו זיין, און אז מען וויל זיך איבערצייגען דארף מען נאטירליך זיך לאזען ציהען א צאהן.

א חוץ די גרויסע סיינס אויף דעם טענעמענט-הויז, האט דר. כאלושין אויך ארויסגעשיקט עטליכע באיעס מיט צעהנדלינגער טויזענדער קארטען און הענדבילס, פול מיט לויב-געזאנגען פאר זיינע ספּעציאליטעטען, אלס דענטיסט, צו פערטהיילען צווישען די פער-

ביינעהענדע. זיין נאמען, זיין אדרעס פון דעם אפיס, מיט א פיקטשור פון א סעט ציינער האט אויך פארנומען א היבשען אנזיכטיגען פלאץ אין די אידישע פייפערס, וועלכע האבען דערצעהלט, ווי שרעקליך גוט און שטוינענד ביליג דער גוטער דאקטאר כאלושין מאכט אזעלכע סעטס ציינער פאר ארימע פאציענטען, כדי זיי זאלען זיך ניט פערדארבען זייערע מאגענס, דורך דעם, וואס זיי קענען ניט גוט קייען, און רואינירען מיט דעם זייער געזונד. אין אלע אידישע טעאטערס האט זיך דר. כאלושין אדווערטייזט אי דורך די פראגראמען, אי דורך אזא סארט עלעקטרישע בילדער, וועלכע מען האט געוויזען אויף א פארהאנג צווישען די אקטען.

נאר וויפיעל די אלערליי אדווערטייזמענטס האבען ניט געהאלפען צו פערפיהרען צו איהם א סך פאציענטען, האט דר. כאלושינ'ס שעהנער אפיס מיט זיין איינענער פערזענליכקייט איהם נאך מעהר געהאלפען די זעלבע לאנגע אנצוהאלטען, פון זיי וואס מעהר געלד ארויסצוקריגען, נאטירליך, ביי ווענען עס איז נאר געווען, און נאך דורך זיי צו אנדערע פאציענטען רעקאמענדירט צו ווערען.

גלאט זאגען, אז דר. כאלושינ'ס אפיס איז געווען שעהן און געשמאקפול איינגעארדענט, וועט ניט זיין גענוג, ווארים א חוץ די טייערע מעבעל, דעם שעהנעם הויכען שפיגעל מיט די פראכטפאלע בילדער, זענען דארט אויך געווען פערשידענע צאצקעס, וועלכע האבען אויף זיך געצויגען די אויפמערקזאמקייט פון די פאציענטען, אלע, מיט זעלטענע אויסנאמען, כמעט אלע ארימע ארבייטער און ארבייטארינס, וועלכע האבען ביי זיך אין דער היים אזעלכע זאכען געווים ניט געהאט. דאן איז דארטען אויך געווען אזא געלער שטייגעלע, אין וועלכען עס איז געווען פערשפארט א פויגעלע, וואס פלעגט זעלטען ווען א טרעל טוהן, און ווענען וועלכע דר. כאלושין האט פון צייט צו צייט, פער צופאל „קאנפידענשילי“ פערטרויט צו איינער פון זיינע פאציענטקעס, אז דאס שטייגעל איז פון לויטער גינגאלד, און דאס פויגעלע איז איינס פון די פינף טהייערסטע שפיעל־פויגעלאך וואס דער שאך פון פערסיען האט ביי זיך אין פאלאץ געהאט. די פאציענטין האט

נאַטירליך אויך „קאַנפידענשילי” דאָס פערטרויט צו אַן אַנדערער, און די אַנדערע צו אַ דריטער, און אַזוי ווייטער אַלע פּאַציענטען פון דעם גאָלדענעם שטייגעלע מיט דעם טייערען שפּיעל־פויגעלע „קאָנ־פידענשילי”.

אַז דר. כאַלושין האָט די אַלע זאַכען אָוועקגעשטעלט אָדער אויפ־געהאַנגען מיט אַ כונה, אום צו מאַכען אַ גוטען איינדרוק אויף די פּאַציענטען, וועט אפשר זיין ריכטיג געטראָפען, אָבער זאָגען אויף זיכער קען מען דאָס ניט, וואָרים ווער קען זאָגען, וואָס יענעמס מחשבה איז? עס איז אָבער זיכער, אַז דאָס אַלעס האָט געהאַט זעהר אַ גוטע ווירקונג אויף די פּאַציענטען, און זיי האָבען כמעט אַ האַלבען וועהטאָג פערלאָרען דאַרטען זיצענדיג, מחמת דאָס אויג איז דאָך נייגעריג אַלעס אָנצוקוקען. ווערט דער מוח ביזי מיט די פער־שידענע איינדריקע דערפון, וואָס מען זעהט, פערגעסט מען שוין, אַז עס טוהט עפּעס וועה; און ווען מען האָט דערנאָך דערזעהן דעם דר. כאַלושין אַליין, מיט זיין ליעבען שמייכעל אויפ׳ן געזיכט, האָט מען צו איהם פולען צוטרויען געקראָגען.

דר. כאַלושין אַליין איז געווען אַ צימליך שעהנער יונגערמאַן, און ער האָט גאַנץ גוט אויפגעפּאַסט, אַז יעדער איינער פון זיינע פּאַציענטען, איבערהויפּט יעדע איינע פון זיינע פּאַציענטקעס, זאָל דאָס בעמערקען. זיינע געדיכטע שוואַרצע האָר זענען אימער געווען חנ׳עוודיג פערקאַמט; זיין באָרד איז געווען יעדען טאָג גלאַט ראַ־זירט און געפּודערט. דערצו האָט ער זיך אויך זעהר סטיליש גע־קליידעט, האָט געטראָגען אַ פּאָר דיימאַנד רינגען אויף די פינגער און אַ דיימאַנד פּין אין נעקטיי, אין וועלכער עס איז געווען אריינ־געזעצט אַ דרייצעהן אָדער פערצעהן קליינע ווייסע דיימאָנדלאך ארום אַ גרויסען, רויטען רובין. דאָס אַלעס, מיט דר. כאַלושינ׳ס שטענדיגען, גוטמוטהיגען שמייכעלע אויפ׳ן פּנים, מיט זיין העפ־ליכען בענעמען זיך מיט יעדען איינעם, האָט איהם זעהר בעליעבט געמאַכט צווישען זיינע פּאַציענטען און נאָך מעהר ביי די פּאַציענט־קעס.

אויף דער ארט און ווייזע האט דר. כאלושין באלד פון אנפאנג אנגעהויבען צו טהון גאר גרויסארטיגע ביזנעס. ביי די טשערס אין זיינע דענטאל־פארלארס ארבייטען שטענדיג צוויי יונגע לייט, ווארשיינליך דענטיסטען, און א חוץ דעם, בעשעפטיגט ער איינינגע מעכאניקער. און ער אליין רעדט נאר מיט די פאציענטען, בעטראכט זיי, גיט זיי עצות, בעדיננט זיך מיט זיי און נעמט צו דאס געלד.

---

עס זענען פאראן מענשען, וועלכע האלטען אין איין זוכען חסרונות אויף דער וועלט און קוקען זיך צו צו אלעמען מיט שארפע אויגען און ווילען נאר דערווייזען אז אלעס איז אנדערש ווי אין דער ווירקליכקייט. און מאנכע פון דעם סארט מענשען בעהויפטען יאקבי, אז דר. כאלושין איז גאר קיין דענטיסט ניט; אז ער האט גאר קיינמאל קיין דענטיסטרי ניט געלערנט, און האט גאר דעם אינסייד פון א דענטאל סקוהל ניט אנגעזעהן אין זיין לעבען; אז די ריכטיגע דענטיסטען זענען גאר די פאר יונגע לייט, וואס זענען ביי איהם בעשעפטיגט, און וועמען ער צאהלט ווייזשעס און האלט זיי אין אפים אויפ׳ן כוח פון זייערע דיפלאמען און זייערע לייסענס, און ער אליין איז אין עצם א גאנץ פראסטע און פשוט אונוויסענדע בריאה.

נאר מילא, דער פאקט איז, אז דר. כאלושין איז דר. כאלושין; אז ער איז זעהר שטארק פאפולער אויף דער איסט סייד; אז ער טהוט אונגעהויערע גוטע ביזנעס, צוליעב וואס א בעקאנטער אידישער באנקיר פון דער איסט סייד האט איהם געגעבען זיין טאכטער פאר א פרוי, מיט אן אונגעהויערען גרויסען נדן, וועלכען דר. כאלושין זוכט צו אינוועסטען אין אזעלכע טענעמעט־הייזער, וואו די רענט איז נאך ניט געהעכערט געווארען, כדי ער אליין זאל דאס קענען טוהן...

# דער לאַנדרימען

יעדען זונטאג אין דער פריה ברענגט צו אונז דער לאַנדרימאַן די וועש.

ער איז מיין מאַמעס א קרוב, א מענש פון א יאָהר פופציג, א קרענקליכער, א הוסטענדיגער, מיט א געלען פּנים און א שיטער גרוי בערדעל.

זייענדיג א היימישער מענש ביי אונז אין שטוב איז ער דערפאר פּטור אנצוקלאַפּען אין דער טהיר איידער ער קומט אריין. נאָר גע־וויינליך סטייעט ביי איהם ניט דער אָטהעם ווען ער געהט בלויז ארויף די פּאָר טרעפּען און אזוי ווי ער קומט נאָר ארויף אויף אונזער פלאָר אונטער דער טיהר צוהוסט ער זיך זעהר שטארק און דער הוסט זיינער אנאַנסירט איהם שוין גאַנץ גוט, מיר דערקענען איהם באַלד און ווייסען אז דאס קומט דער לאַנדרי־מאַן און עמיצער פון הויז עפענט שוין די טיהר פאר איהם.

האַלב טויט, האַלב לעבעדיג, פאַלט ער קוים אריין אין הויז, און ווען ער הוסט זיך גאַנץ גוט אוים, סאַפּעט אָפּ אביסעל און בערוהיגט זיך, זאָגט ער יעדען איינעם בעזונדער „גוט מאָרגען, גוט יאָהר", לעגט אוועק די עטליכע בינטלעך וועש וועלכע ער טראָגט פאַרבונדען אין איין גרויסען פּאַק אין א רויטען טישטוך, דערנאָך זעצט ער זיך שווער אנידער אויף דעם נאָהענטסטען בענקעל, זיפצט אָפּ עטליכע מאָהל און נעהמט פארקלאָגען זיין הוסט פאר מיין מאַמען.

„א ביטערער הוסט, א ביטערער", האָט זיך אַן מיר אנגעטשעפּעט ווי א נאַסע שמאַטע און וויל גאָר ניט אָפּטרעטען... און אזוי ווי צו באַשטעטיגען זיינע רייד, פערכאַפּט איהם דער הוסט דעם אָטהעם און ער קען שוין מעהר ניט ריידען.

מיין מאַמע וואַרט געדולדיג ביז ער הוסט זיך אויס און פרעגט איהם:

„פאַרוואָס טהוסטו ניט עפּעס צו דעם הוסט?"

„שוין איבערגעטהאָן כל המיטלען שבעולם, און ס'העלפט ניט". ענטפערט ער איהר, שאָקעלט דערביי צו מיט דעם קאָפּ און קרעכצט פערצווייפעלט.

און אַלע מאָהל אָפּהוסטענדיג, טהוט ער זיך אָן אַ כח און נעמט זיך אויסריידען זיין שווער האַרץ פאַר מיין מאַמען. ווי ער און זיין פרוי מוטשען זיך אין דער לאַנדרי, וואָס איז אין אַ פינסטערען בייסמענט וואָס זיי האָבען אויסצושטעהן פון פערשיעדענע קאַסטימער, קרענקס, אָדער פון דער סטים לאַנדרי, ווייל עס איז פאַראַן זעהר פיעל „שאַרט", אַלע וואָך פעהלט עפּעס, אַ העמד, קאָלאַרס, אָדער אַנדערע זאַכען, און דער קאַסטימער דערגעהט איהם איינפאַך די יאָרען, און מאַהנט דעם בעסטען פּרייז, און מען מוז איהם בעצאָהלען, ווייל אַז ניט פערלירט מען איהם פאַר אַ קאַסטימער, און מען האָט נאָך פון איהם גרויסע סקאַנדאַלען. נאַטירליך, ווען דער קאַסטימער איז אַן אַנשטענדיגער מענש איז עס נאָך צום פערטראָגען, נאָר דאָס איז דאָך אַזאַ זעלטענ־הייט, וואָס פּאַסירט כמעט קיינמאָל ניט. נאָר ווען עס טרעפט אַז דער קאַסטימער, ווּעמעס זאַך עס פעהלט, איז אַן „אַמעריקאַן פעללאָו", עפּעס אַ „ספּאָרט", זאָל איהם שוין גאָר דער אויבערשטער אָפּהיטען. „חאַטש פערקויף זיך צו איהם אויף אייביג מיט ווייב און קינדער פאַר זיין קויטיגען העמד".

דערנאָך דערצעהלט ער איהר גלאַט אַזוי נייעסען פון זיין ניט־לאַנג פערהייראַטער טאָכטער, וועלכע איז נעביך זעהר שלעכט אָריינ־געפאַלען, ווייל איהר מאַן איז אַ קאָרטען־שפּיעלער, פאַרשפּיעלט אָפּט די גאַנצע וויידזשעס, און קומט כמעט תמיד אַהיים נאָך האַלבע נאַכט. און דעם עלטסטען זוהן זיינעם, וואָס האָט געקויפט אַ פאַרם אין די קעטסקילס, געהט אויך ניט גוט; ס'איז ביי איהם געווען זעהר אַ

שלעכטער סיזאָן, האָט כמעט גאָר קיין באָרדערס ניט געהאַט, האָט דערלעגט דעם קאָפּ און האָט ניט מיט וואָס דעם מאָרטגעדזש צו בעצאָהלען, און שטעהט אין געפאַהר אַז מען זאָל איהם יעדען טאָג אַרויסוואַרפען פון דער פאַרם. און פון זיינע צוויי יונגע קינדער האָט ער נעבעך אויך ניט קיין נחת. אודאי ווען עס זאָל איהם אַליין געהן בעסער די צייט און ווען ער זאָל זיין אַ געזונטער מענש, וואָלט ער זיך געפּלאָגט, ווי ווייט מעגליך, די צוויי קינדער אויסצוהאַלטען זיי צו לאָזען עפּעס לערנען, ווייל זיי האָבען גאַנץ גוטע קעפּלאַך און ווילען זעהר קענען. מוז ער זיי אָבער אָפּרייסען פון דער סקוהל, פון דעם לערנען, און זיי שיקען אין שאָפּ אַריין עפּעס פאַרדיענען, ווייל די לאַנדרי טראָגט איהם גאָר ניט איין, ער קען דערפון אפילו דעם נאַנצען רענט ניט בעצאָהלען און ער האָט ניט פון וואָס אַ לעבען צו מאַכען. און דערוויילע האָפט ער אַז עס זאָל זיך איהם עפּעס טרעפען אַ רעכטער קונה, וואָלט ער געטרייעט פּטור צו ווערען פון דער אומגליקליכער לאַנדרי, נאָר קיינער וויל אָבער ביי איהם די מציאה ניט אָפּקויפען און ווער ווייסט ביז ווען ער וועט זיך נאָך מוזען האַלטען מיט דער „לעמאָן", די לאַנדרי, מיינט ער.

אזוי בעקלאָגט זיך דער לאַנדרי־מאַן אויף זיין ביטערער מערכה, און מיר יונוואָרג, דאָס הייסט, איך, מיט מיינע אינגערע ברידער, האָפען דערוויילע אַרויס פון זיין פּאַק דאָס בינטעל וועש וואָס איז געצייכענט מיט אונזער נאָמען, און שנעל איבעררייסענדיג דעם פּאַרים מיט וועלכען עס איז פאַרבונדען, שלעפט יעדער אַרויס זיין העמד מיט זיינע קאָלערס און קאַפּס, לויפט דערמיט אַריין אין דער פראָנט רום, און באַלד ווערען צונומען די פאָרהאַנגען ביי די פענסטער און יעדער באַזונדער עקזאַמינירט זיין וועש ביי דעם שיין פון דער זון, און דערנאָך ווערט דער אָרעמער לאַנדרי־מאַן פערפּלייצט פון אַ מבול פון פאַרשיעדענע פּראָטעסטען איבער דער אונגעלונגענער וועש.

„דער בוזעם איז ניט שטייף גענוג!" שרייט איינער.

„דער סאַמע פראָנט פון העמד איז ניט ריין!" שרייט אַ צווייטער.

„די קאָפּס זיינען ווייך און שוואַרץ ווי בלאָטע„. בעהויפּטעט דער דריטער און דער פירטער געפינט אַ חסרון אין די קאָלארס.

דער לאַנדרי־מאַן נעמט דערביי יעדעס שטיקעל וועש באַזונדער אין די הענט אַריין און באַטראַכט דאָס שטאַרק פערוואונדערט, גלייך ווי מען טראַכט דאָס אויס אויף איהם לויטער בלבולים.

„עס קען גאָר ניט זיין, אַז די וועש זאָל ניט זיין גוט געוואַשען״, באַהויפּטעט ער, ווייל ער וואַשט אין די גרעסטע און בעסטע סטים לאַנדרי אין די יונייטעד סטייטס, און ער האָט צווישען זיינע קאָס־טימער אַ דאָקטאָר פון זיין פעראיין, אַ דענטיסט וואָס וואָהנט אויפן קאָרנער און די לייטע זיינען שוין גאָר פּאַרטיקעלע קאַסטימער און זיי האָבען איהם נאָך קיינמאָל ניט געפונען אַ חסרון אויף די וועש. און באַלד נאָכדעם הויבט ער גאָר אַן צו האָבען פּרעטענציעס צו אונז, אַז דאָס האָבען מיר אַזוי דאָס גענאַר פון איהם, ווייל ער איז אַ קרוב, וואָלט ער געווען אַ ווילד־פרעמדער וואָלטען מיר צו איהם אַזוי פיעל טענות ניט געהאַט. דאָס פּאַרדריסט אונז שוין אביסעל און מיר רופען איהם צו צו דעם פענסטער און מען צייגט איהם אַז ביים ליכט געגען דער זון אויף אַלע חסרונות וואָס מען האָט פריהער געפונען אין דער אַרבייט, דאָ אַ געלען פלעק אויף דער פראָנט פון העמד, דאָרט שוואַרצע פינטעלעך אויף די קאָלארס און נאָך אַזעלכע זאַכען, ער ווערט אָבער ביי זיך ניט געפאַלען און האָט דערויף באַלד אַ תירוץ.

„הלמאי״, זאָגט ער, „דיימאָנדס און בריליאַנטען אַז מען בעטראַכט זיי גוט, זיינען זיי אויך ניט פּוירפעקט״.

קיינער פון אונז איז נאַטירליך ניט צופריעדען פון אַזאַ מין תירוץ און מיר הויבען איהם באַלד אָן צו סטראַשען, אַז אויב די וועש וועט דאָס נעקסטע מאָהל ניט זיין ריינער און שענער, וועט יעדער פון אונז אוועקטראָגען זיין וועש אין־אַן אַנדער לאַנדרי. פערליערט ער דערביי אויך ניט זיין מוטה און זאָגט גלייכגילטיג.

„שטעהט מיר איין אומגליק פאַר, וועל איך מיר קויפען וויינינגער אַ פּראָפּערטי אין אַמעריקא״.

מיר ווערען שטאַרק אויפגעבראַכט פון דעם אַרגומענט און עס ווערט באַלד געפּאַסט אַ בעשלום אַז ער קריגט שוין ביי אונז מעהר ניט קיין אַרבייט, און נאָך מאָרגען וועט יעדער בעזונדער אַוועקטראָגען זיין וועש ערגעץ אַנדערש, אָבער מיין מאַמע טרעט באַלד אַרויס געגען אונז, שטילט אונז אַלע איין און זאָגט צו דעם לאָנדרי־מאַן:

„דו הער זיי אַלע ווי דעם קאַטער. וועסט איה"ש קומען מאָרגען נאָך מיטאָג וועל איך צונויף זוכען דאָס וועש און דיר געבען, נאָר זעה אַז עס זאָל אַרויסקומען עפּעס בעסער".

ער פאַרזיכערט איהר אַז פון זיין זייט וואָלט שוין אודאי קיין מניעה ניט געווען. ער וויל אודאי אַז די וועש זאָל אַרויסקומען וואָס שענער און בעסער, אָבער איין אַלעמען איז נאָר שולדיג די סטים־לאָנדרי וואו ער וואַשט די וועש, און די דאָזיגע סטים־לאָנדרי, איז די גרעסטע און די בעסטע אין די יונייטעד סטייטס אַז קיין בעסערע אָדער גרעסערע גיט שוין גאָר ניט.

ווען דער לאָנדרי־מאַן געהט אַוועק, מאַכט אונז די מאַמע תמיד פאַרווירפע פאַר וואָס מיר בעהאַנדלען איהם אַזוי שלעכט. ער איז דאָך פאָרט אַ קרוב, איין עלטערער מענש און דערצו נאָך אַ קראַנקער. און זי ענדיגט געוועהנליך אַזוי:

„אַ קלאָג איז צו אַמעריקאַ מיט איהרע בזיונות (ביזנעס). מ'שטיינס געזאָגט, ווער עס איז דאָ אַ פּראַטשקאַר (לאָנדרימאַן) גע־וואָרען! אין דער היים איז ער געווען אַ פאַרפונדעווועטער בעל הבית, מיט אַ גרויסע דירה אין מיטען מאַרק, מיט אַ גרויסען, טיעפען קעלער, אָנגעפּילט מיט די טהייערסטע ווייגען, און דאָ, אין אַמעריטשקע געהט ער אַרום צונויפנעמען די קויטיגע וועש" . . .

# דער גליקליכער סטרייקער

בארנעט דעם ביגלערס ווייב איז געלעגען אויף דעם פלאר און האט אויסגעווישט דאס וואסער וואס זי האט פערגאסען אויספארענדיג די וואנצען פון דעם בעט. דערביי האט זי געטראכט פון איהר ביטערען מזל. דער מאן ווערט וואס א מאל שוואכער, דער טרייד ווערט יעדען סיזאן ערגער, און די פאמיליע אהן אן עין הרע וואקסט. אכט קינדערלאך, איינס קלענער פון דעם אנדערען, דאס עלטסטע איז נאך אפילו די סקוהל ניט דורכגעגאנגען, און אלעם האט פיסקעלאך צום פיקען, און זיי דארפען הויזעלאך, רעקעלאך, זעקעלאך, שיכעלאך און אלץ פון דעם שוואכען בארנעט'ס פערדיענסט, פון דעם וויסטען ביגעל־אייזען וואס ציהט ביי איהם ארויס דעם מארך פון די ביינער.

און פלוצלונג עפענט זיך די טיהר און בארנעט קומט אריין טראגענדיג אויף זיך דעם ביגעל־קלאץ, דאס קישען מיט די פרעס־לאפענס, מיסעם בארנעט איז פינסטער געווארען אין די אויגען.

„וואס איז דאס? אין מיטען העלען טאג מיט'ן גאנצען קלאפערגעצייג? מען האט דיך געסעקט?“

בארנעט האט אוועקגעלייגט די זאכען און שטאלץ געענטפערט מיט א פראגע:

„מע האט מיך שוין עפעס א סך מאל געסעקט?“

„האסטו זיך אודאי אליין געסעקט“, האט זיך מיסעם בארנעט שוין צושריען, „מיין גרויסער יוני־מאן, דו האסט זיך שוין אודאי צוקריגט מיט דעם באס?! דו טוהסט דאך תמיד אזוי, אז ס'ווערט נאר א ביסעלע ביזי, געהסטו ארונטער פון פלאץ און פערעלסט דערנאך אפ דעם סיזאן צווישען די שעפער זוכענדיג אן אנדער פלאץ.“

„איי, לאז צורוה, מע האט מיך ניט געסעקט און איך האב זיך ניט צוקריגט. די יוניאן האט פשוט געארדערט א סטרייק“.

מיסעם בארנעט איז דאס בלוט געקומען אין פנים אריין.

„אַ וויסטער, אַ פינסטערער חלום צו דיין קאָפּ, דיין לייב און לעבען מיט דער יוני אין איינעם! טאָמער האָט מען זיך שוין קוים מיט צרות דערלעבט אַ ביסעל אַרבייט, דאַרף מען סטרייקען און די באָסעס וועלען דערווייל אַרויסשיקען די אַרבייט אין די קאָונטריס, וועט מען פערלירען דעם סטרייק, דערנאָך וועט ניט זיין וואָס צו טוהן.

„עט," האָט ער ברייטליך גענענטפערט, „מיר לאָזען נאָך דערווייל ניט שיקען די אַרבייט אין די קאָונטריס, מען פערליערט נאָך ניט דעם סטרייק, עס איז ניט הפקר אַ וועלט, מיר וואַטשען שוין די זאַכען, ס'איז שוין אָל־רייט!"

מיסעס באַרנעט האָט טרויעריג געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, זי האָט געוואָרפען אַ פינסטערען בליק אויף איהר אָרימען בעל הבית'ישקייט און האָט זיך געווענדעט צו באַרנעט'ן.

„זאָג מיר נאָר, שלים־מזל מיינער, מיט וואָס וועסטו סטרייקען? ביי לייטען האָט מען כאָטש אָפּגעשפּאָרט עטליכע דאָלער אין באַנק, און אַז ניט געלט, האָט מען כאָטש עפּעס דזשולערי צו פערפּייען..."

„נו, נו," האָט זי געענדיגט, „מיר וועלען שוין מירטשעם (איה"ש) באַלד ליגען מיט די בעבעכעס אין סטריט."

„נאַרעלע," האָט באַרנעט איהר געטרייסט, „דער הימעל איז נאָך ניט ביי דער ערד. איך האָב אַ גוטען פּלאַן! אַז מיר האָבען ניט קיין געלד מיט קיין דזשולערי, מיין ווייב, האָבען מיר דער פּאָר אַכט קינדערלאַך, זאָלען אונז געשענקט זיין מיט געזונד אויף לאַנגע יאָהרען, וואָס זענען אַ סך בעסער און טייערער פון דעם גאַנצען געלד מיט די דזשולערי אויף דער וועלט! וואַרט, וועסטו זעהן ווי איך שיק נאָך מאָרגען אַרוים אונזערע עלטערע פינף „בנים־לאַך" פּעדלען מיט פערשידענע צאַצקעס, און ווען אַ יעדער איינער וועט נאָר פערדינען אויף אַ קוואָדער אַ טאָג, וועלען מיר קענען סטרייקען אפילו מיט'ן ביעף־טראַסט!"

„אַ גדולה אויף דיין באָבען מיט'ן פּלאַן!", האָט מיסעס באַרנעט זיך אָפּגערופען, אָבער איהר געזיכט איז אַ ביסעל פרעהליכער גע־וואָרען.

און איינלאַדענדיג באַרנעט׳ן צו העלפען איהר אַרויסלעגען דעם אַלטען, צוריסענעם מאַטראַץ אויף דעם אויסגעפּאַרעטען בעט, האָט זי צו איהם געזאָגט:

„דו וועסט שוין קענען שלאָפען ווי אַ פּריץ, סטרייקער מיינער! איך האָב אויסגעפּאַרעט די וואַנצען, אַז דו זאָלסט כאָטש בעצאָהלען אַ רענדעל פאַר איינעם!“

באַרנעט איז גאַנץ צופרידען געווען פון דער נאַכריכט און האָט געהאָלפען זיין ווייב אַרוים לעגען דעם מאַטראַץ און פערבעטען דאָס בעט.

אַרום צוועלף אַ זייגער זענען באַרנעט׳ס פינף עלטערע „בנים׳לאַך“ מיט אימפעט אַריין פון סקוהל און גענומען עסען. ביים עסען האָט באַרנעט פאַר זיי פאַרגעלייגט דעם פּלאַן, וועלכען זיי האָבען זיך ערקלעהרט בערייט אויסצופיהרען נאָך דעם זעלבען נאָכמיטאָג. זיי האָבען געקלאַפּט מיט די הענטלאַך און די פיסלאַך פאַר פרייד, אַז זיי וועלען שוין ווערען פערדינער.

נאָך דעם דינער האָט זיך באַרנעט צולעגט אויף דעם נאָר וואָס אויסגעפּאַרעטען בעט ווי אַ שררה, און איידער ער איז איינגעשלאָפען, האָט ער געגעצענדיג געזאָגט צו זיין ווייב:

„הערסטו, אַז גאָט וועט איה״ש העלפען, די קינדערלאַך וועלען נישקשה׳דיג פערדינען, וועל איך יעדען טאָג מיר פערגינען אַ שפּריץ־באָד פאַר אַ ניקעל און וועל פערברענגען אַ פּאָר שטונדען יעדען טאָג אין העסטער פּאַרק, וועט דאָס ביי מיר זיין ווי למשל אַ וואַקיישאָן אין דער קאַונטרי, אין ראַקאַוויי!...“

„זאָל גאָט העלפען!“ האָט די מיסעס צוגעוואונשען און גענומען ווייטער אויפראַמען אין הויז.

און דער גליקליכער סטרייקער האָט אָנגעהויבען באַלד שטאַרק צו כראַפּען...

# אונזער דזשעניטאָר

א פערשאַלטענער און אין דער זעלבער צייט א געבענשטער מענש איז אונזער דזשעניטאָר, מיסטער שפּיץ.

די קללה באַשטעהט דעריין וואָס דער לענדלאָרד פון דעם הויז איז טאַקע זיינער, דעם דזשעניטאָרס, א ברודער. און דער ברודער זיינער, דער לענדלאָרד הייסט דאָס, האָט אַזאַ טבע וואָס ביי איהם קומט אויס אַז ברודערשאַפט איז ניט האַנדעלשאַפט און האַנדעלשאַפט איז ניט ברודערשאַפט. און ער היט דעם פּרינציפּ גאַנץ גוט אָפּ.

אין די צייטען ווען ריעל עסטייט האָט שטאַרק געגאָלטען, און די לענדלאָרדס האָבען זייערע קעפּ אין דער הויך פּעריסען און האָבען אַלע מאָל דעם רענט געהעכערט, האָט דער לענדלאָרד זיך רק געשאַפט מיט דעם דזשעניטאָר, און איהם אַלע מאָהל בעפוילען אַז ער זאָל העכערען די רענט און שינדען די הויט פון די אָרימע טענאַנטס. און מיסטער שפּיץ האָט איהם געפאָלגט.

אויף יעדען אַפּאַרטמענט האָט ער פיער, פינף מאָהל אין יאָהר דעם רענט געהעכערט און אליין האָט ער דערפון געהאַט א מכה.

אַמאָהל, אַמאָהל, האָט די שוועגעריין, די לענדלאַידי, איהם געהייסען קומען נעמען א בינטעל רעגס, אַלטע אָבגעטראָגענע בגדים, וואָס זי מיט איהר מאַן האָבען אַראָפּגעוואָרפען פון זיך און וועלכע דעם מיסטער שפּיץ מיט זיין ווייב האָבען נאָך געקענט געברויכען.

ווען די שלעכטע צייטען זיינען אָנגעקומען און ריעל עסטייט איז שטאַרק אַראָבגעפאַלען, איז מיסטער שפּיץ, דער דזשעניטאָר, געווען דאָס ערשטע כפרה־הינדעל ביי דעם רייכען ברודער, ביי דעם לענד־לאָרד.

ווידזשעס האָט ער פאַרגעסען איהם צו צאָהלען, און ווען ער האָט ביי איהם געמאָנט, האָט ער איהם געזאָגט, אַז ער מעג נאָט דאַנקען

וואס ער לאָזט איהם וואוינען אין א גרויסען, ליכטיגען בייסמענט. און ארבייטען האט ער געמוזט נאָך מעהר ווי פריהער און שווערער, מחמת די טענאנטס זיינען אַלע געוואָרען שטאַרק אינדעפּענדענט, און ער האט געמוזט אַליין אַטענדען צו דעם הויז, אָהן דער הילף פון א ניגער וועלכען ער פלעגט פריהער דינגען אויפ׳ן לענדלאָרדס חשבון.

און כאָטש מיסטער שפּיץ האט אפשר גאַנץ אָפט ניט פאַרגונען זיין ברודער וואס ער איז דער רייכער לענדלאָרד, פון דעסטוועגען האט ער זיין ארבייט ניט געקענט פעלשעווען.

דאס פּלאַמבינג האט ער אָפּגעהיט ווי זיין אויג אין קאָפּ, איבער־הויפּט ווינטער, אז עס זאָל חלילה ניט אין די שטאַרקע פרעסט קיין פּייפּ ניט פּלאַצען. די האָלס האט ער געהאַלטען פערשלאָסען און ווי ווייט מעגליך קיין פרעמדען, קיין בעטלער אָדער פעדלער אין הויז ניט אריינגעלאזט. ווייל ער האט געציטערט אז מען זאָל חלילה ניט צו־גנב׳ענען א שטיקעל קאַרפּעט, אָדער א טהירעל פון א לעטער באָקס, און א טענאנטס אָ קינד האט זיך אפילו ניט געטאָהרט געפינען אין דעם האָל, אָדער אויף די טרעפּ, זיך דאָרטען צו שפּיעלען.

די ברכה בעשטעהט אויך דערין וואס דער ברודער זיינער איז דער לענדלאָרד פון דעם הויז.

צוליעב דעם איז ער שאַטרק אינדעפּענדענט קעגען אַלע טענאנטס און ער האט איבער זיי די גאַנצע שליטה. זיי ווייסען אז עס איז ניטאָ צו וועמען איהם צו פערקלאָגען, ווארום זיין איינענער ברודער וועט דאָך איהם ניט סעקען.

און אזוי ווי מיסטער שפּיץ קריגט נאָר אריין א נייעם טענאנט, גיט ער איהם באַלד צו פאַרשטעהן, אז ער אַליין איז דער גאַנצער כל ולך אין דער פּראָפּערטי, און דערפאַר האט מען פאַר איהם שטאַרק דרך ארץ און קיין טענאנט האט איהם נאָך קיינמאָהל ניט גערופען „דער דזשעניטאָר״, אָדער „הויזקיפּער״ חלילה, נאָר תמיד „מיסטער שפּיץ״, פון וועלכען ער האט זעהר פיעל פאַרגעניגען.

ציימעגנווייז, ווען מיסטער שפּיץ פאַרגעסט דעם אונטערשיעד וואָס ליגט צווישען איהם און זיין רייכען ברודער, דעם לענדלאָרד, און אַז יענער איז אפשר ניט יוצא קעגען איהם ווי עס בעדאַרף צו זיין, פאַרקאַכעט ער זיך אַזוי פיעל צוליעב יעדען פיצעלע וואָס איז נוגע צום הויז גלייך ווי דאָס וואָלט געווען זיין אייגענע, זיין האָב און גאָב. איבערהויפּט יעדען זונטאָג, ווען ער וואַשט אָפּ אַלע פלאָרס מיט די טרעפּ, די טיהרען פון די האָלס און ווישט אויס די פענסטער און פּוצט אָפּ די לעטער באָקסעס מיט די מעשענע פאַרענטשעס פאַר דעם סטופּ נעהט ער אַריבער אַנטקעגען אויף דעם סיידוואָק און בעטראַכטענדיג דאָס הויז אין פערגלייך מיט אַנדערע הייזער אין דעם בלאָק, זאָגט ער שטאָלץ צו זיין ווייב, „מיי פּראָפּערטי איז דהי קלינעסט אין דהי בלאָק".

און דאַמאָלס קומט ביי איהם טאַקע אַנדערש ניט אויס, אַז ניט זיין רייכער ברודער איז דער אייגענטהימער פון דעם הויז און אַז דאָס בעלאַנגט גאַר אין גאַנצען צו איהם. והא ראיה, ער האָט דערפון מעהר הנאה אויך. ער וואוינט אין דער פּראָפּערטי מיט זיין ווייב און קינדער. ער אַרבייט ביי דער פּראָפּערטי, פערדינגט די רומס אין דער פּראָפּעטי און פאַרברענגט דאָרט אַלע זיינע יאָהרען. און דער לענדלאָרד וואָהנט גאָר ערגעץ אין באָראָ פּאַרק, זעהט די פּראָפּערטי אפילו ניט רעכט אַז אין די אויגען, אַ חוץ וואָס ער קומט אַלע מאָנאַט פאַרנעהמען די רענט, און דאָס האָרט איהם כלל ניט.

„עס איז גאָר קיין אומגליק ניט", טראַכט ער ביי זיך, „וואָס ער נעהמט צו די געלד. וואָרום פון וועמענס וועגען נעמט ער דאָס דען? אַליין איז ער שוין אַ מענש פון אַ יאָהר זעכציג, דאָס ווייב זיינס איז שוין אויך ניט קיין יונגענד, און דערצו ניט קיין שטאַרק געזונטע אויך, און קיין קינד, קיין רינד, האָבען זיי ניט. ווען ניט ווען, וועלען זיי דאָך דאָס אַלעס איבערלאָזען פאַר מיר אָדער פאַר מיינע קינדער."

# דער שפּראַכען־קענער

ווען מאַקס רובין איז געווען עטליכע מאָנאַט אין לאַנד האָט ער זיך אויסגעלערענט אויס־צו־טשעבעטשען און אַנצוטינטלען עטליכע ווערטער אויף ענגליש און האָט באַשלאָסען אויפצוגעבען די אַרבייט אין שאָפּ, וועלכע ער האָט ניט איבריג ליעב געהאַט, ווי פיעלע אַנדערע גרינע.

אין אַ שעהנעם פריה־מאָרגען איז ער אַוועק אין אַ אָפיס פון אַ אינשורענס קאָמפּאַני, האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר אַ גאַנצען „געלען" און האָט אויסגעמאַכט אַז „„אַפּליקיישאָן" פאַר דעם „פּאָזישאָן" פון „איידזשענט און קאָלעקטאָר".

איינע פון די פיעלע פראַגען אין דעם אַפּליקיישן, וועלכע דער אַפּליקאַנט האָט געדאַרפט שריפטליך ענטפערען איז געווען, „וויפיעל און וועלכע אַנדערע שפּראַכען, אויסער ענגליש, דער אַפּליקאַנט קען ריידען, לעזען און שרייבען?" מאַקס האָט ניט פיעל געטראַכט און האָט געענטפערט, אַז אויסער ענגליש, קען ער גאַנצע אַכט שפּראַכען און ער האָט אויסגערעכענט די פאָלגענדע: „אידיש, דייטש, העבּ־רעאיש, רוסיש, פּויליש, רומעניש, איטאַליעניש און פראַנצויזיש".

„קוואַיט אַ מאַסטער אָף לענגוועדזשעס", האָט ענטציקט אויס־גערופען דער סופּערינטענדענט, ווען מאַקס האָט איבערגעגעבען דעם אַפּליקיישאָן, נאָך דעם וואָס ער האָט שריפטליך געענטפערט אַלע אַנדערע פראַגען און האָט אונטערגעשריבען זיין נאָמען דערויף.

„איי שוד סיי סאָ", האָט מאַקס כמעט שטאָלץ געענטפערט, כאָטש ער האָט ניט געוואוסט דעם געגויען זינן פון דעם זאַץ „מאַסטער אָף לענגוועדזשעס". אָבער פון דעם לעצטען וואָרט, און פון דעם רעספּעקט מיט וועלכען דער סופּערינטענדענט האָט אויף איהם געקוקט, האָט

זיך מאַקס אַנגעשטויסען, אַז דאָס איז געווים אַ קאָמפּלימענט אויף זיין פּיעל שפּראַכען קענטעניש.

דער סופּעראינטענדענט האָט דעם „איי שאוד סיי סאָ" אויפגענומען מיט אַ שמייכעלדיגען „וועריווּעל, אינדיער"; האָט מאַקס'ען באַלד פאַרשפּראַכען באַלד איבער־צו־שיקען דעם „אַפּליקיישאַן" אין דעם הויפּט אָפּיס פון דער קאָמפּאַני, פון וואַנען ער האָט איהם מודיע געווען, עס וועט געוועהנליך אַרויסגעשיקט איין אינוועסטיגייטאָר, אום זיך צו ערקינדיגען אויב אַלעס וואָס עס איז אין דעם אַפּליקיישאַן אַנגעגעבען געוואָרען איז ריכטיג; און ער האָט איהם פערזיכערט, אַז אין דריי, פיער, העכסטענס פינף טעג וועט ער קריגען אַ ידיעה אויב זיין „אַפּליקיישאַן" איז אַנגענומען געוואָרען.

די עטליכע טעג וואָס מאַקס האָט געוואַרט אויף דער ידיעה פון דער אינשורענס קאָמפּאַני, האָט ער געהאַלטען אין איין טראַכטען, אַז ער האָט אפשר ניט גלייך געטאָהן, וואָס ער האָט אַנגעגעבען, אַז ער קען אַזוי פּיעל שפּראַכען. און ער האָט זיך, אַזוי צו זאָגען, אַליין גענומען אויפ'ן פאַרהער.

די „ע נ ג ל י ש ע" שפּראַך האָט ער שנעל אָפּגעפּטר'ט מיט אַ גלייכגילטיגען מאַך־אָוועק פון דער האַנד. וואָס איז שייך אויב ער קען ענגליש? פּיעלייכט ניט „פּוירפּעקט" ווי אַ ריכטיגער אַמעריקאַנער, אָבער מיט אַ מענשען צוזאַמען רעדען זיך, קאָן ער דאָך, אַט האָט ער זיך צוזאַמענגערעדט מיט'ן סופּעראינטענדענט פון אָפּיס. דער אַפּליקיישאַן איז געווען אויף ענגליש און געענטפערט האָט ער אַלע „קוועסטשאַנס" אויך אויף ענגליש. נו, איז דאָך אָפּגערעדט אַז ער קען.

„א י ד י ש ?" ווען די שפּראַך איז איהם געקומען אויפ'ן זינען האָט ער זיך געוואָלט צולאַכען פון זיך אַליין. „אידיש?" כאַ־כאַ! ניט נאָר קען ער רעדען זיין מוטער שפּראַך אָדער מאַמע־לשון, רעדען און לעזען, נאָר אפילו אידיש שרייבען — שרייבט ער אויך גאָר איין אַנטיק! נישט איין קאָרעספּאָנדענציע האָט ער אָנגעשריבען אויף

אידיש און אַוועקגעשיקט צו די וואַרשאַווער און פּעטערבורגער צייטונגען, אַ, זיי זיינען ניט געדרוקט געוואָרען — איז ווער ווייסט עפּעס, פאַר וואָס?

נעקסט איז איהם געקומען „דייטש" אויפ'ן זינען. וועל, האָט זיך מאַקס ביי זיך פאַרענטפערט, אמת, ער האָט קיינמאָל קיין דייטש ניט שטודירט. ער האָט אַפילו אַ דייטש ביכעל אָדער צייטונג קיינמאָל אין די אויגען ניט אַנגעזעהן און ער האָט געמוזט צוגעבען, אַז ער קען ניט לעזען אָדער שרייבען קיין דייטש. אָבער אַז ער קען קיין דייטש ניט ריידען, דאָס האָט ער בשום אופן ניט געוואָלט מודה זיין. „וועלכער איד וואָס קען נאָר אידיש, קען עס עפּעס ניט קיין „דייטש?"

„אַלזאָ", האָט ער ביי זיך באַשלאָסען, „דייטש קען איך אויך שפּרעכען".

אויף „העברעאיש" האָט זיך מאַקס ניט געוואָלט לאַנג אָפּשטעלען. ערשטענס האָט ער געוואוסט, אַז עס זיינען פאַראַן זעהר ווייניג מענשען, אפילו צווישען אידען, וואָס באַנוצען זיך מיט דער שפּראַך, איבערהויפּט נאָך אין ביזנעס. צווייטענס האָט ער טאַקע געפיהלט אַז ער קען די שפּראַך גאָר ניש־קשה'דיג. דערויף האָט ער דאָך עפּעס געלערענט אין אַ חדר.

עס האָט ביי איהם אויך ניט לאַנג געדויערט צו בעשליסען אַז ער קען די „רוסישע" שפּראַך. אמת, ניט פאָלקאָמען, אָבער גאַנץ ניש־קשה'דיג. ער איז פאַרט אַמאָל געגאַנגען אין אַ „נאַראָדנאַיע אוטשילישטשע", האָט גוט דורכגעזוברעוועט „פּאָלסאָן'ס כריסטאָמאַטיע" מיט אַנדערע לעהרביכלאַך.

אפילו אין „פּויליש" האָט אויך מאַקס ביי זיך דורכגעמאַכט דעם עקזאַמען. ניט מיט פאָלער צופרידענהייט, אָבער דאָך דורכגעמאַכט. אַז ער קען קיין פּויליש ניט לעזען און ניט שרייבען, דאָס האָט ער צוגעגעבען. אָבער ווען עס וועט איהם אויסקומען זיך צוזאַמענצורעדען מיט אַ פּאָליאַק, איבערהויפּט מיט אַ רוסישען פּאָליאַק, האָט ער געפיהלט, אַז ער וועט מיט איהם קענען דורכקומען.

נאָר ווען מאַקס האָט אָנגעהויבען צו נעהמען „סטאָק" פון זיינע קענטעניסען אין רומעניש, איטאַליעניש און פראַנצויזיש, איז ער ביי זיך גאָר מיאוס דורכגעפאַלען. אין די שפּראַכען איז ער געוועהן אַן אונגעהויערער עם־הארץ און ער האָט געפיהלט אַז ער קען גאָר פאַר זיך קיין תירוץ ניט געפינען פאַר וואָס ער האָט אָנגענעבען אַז ער קען זיי.

„ווי קום איך צו רומעניש, איטאַליעניש אָדער פראַנצויזיש? האָט ער זיך אַליין הונדערטער מאָל געפרעגט און ער האָט זיך נאָר ניט געקענט פאַרענטפערען, וואָס פאַר אַ שווארץ יאָהר עס האָט איהם בעוואָגען צו ענטפערען אַז ער קען די שפּראַכען. ער, וואָס ווייסט ניט מעהר פון איטאַליען, רומעניען אָדער פון דעם פראַנצויזען לאַנד, ווי ער ווייסט פון סמבטיון. ער, וואָס האָט קיינמאָל פון רומענישעס נאָר ניט פאַרזוכט אפילו, אַ חוץ וואָס ער האָט אַמאָל באַזוכט אַ ביליגען רומענישען רעסטאָראַנט אין אַ קעלער אויף ריווינגטאָן סטריט וואו ער האָט געגעסען רומענישע קאַראַנצלעך געמאַכט פון אַמעריקאַנער פוילע „טשאַפּ־מיעט" און פאַרטרונקען מיט רומענישען וויין וואָס איז געמאַכט געוואָרען פון „קאַליפאָרניא גרייפּס". און דעסטגלייכען מיט איטאַליעניש. וואָס ווייסט ער עפּעס פון דער איטאַליענישער שפּראַך? עד היום ווען ער געהט אַמאָל דורך קריסטי סטריט און זעהט אַפּאָר איטאַליענער ריידענדיג צווישען זיך, אַזוי שנעל, הייס, מיט זייער טעמפּעראַמענט, ווייזט זיך איהם אויס אַז זיי קריגען זיך, שילטען זיך, און אַז, אַט, אַט, וואַרפט זיך איינער אויפ'ן צווייטען און שטעכט איהם אריין אַ מעסער אין בויך אָדער דערשיסט איהם מיט אַ רעוואָל־ווער, לסוף זעהט ער אָבער זיי שייקען נאָר הענדס אָדער צוקושען זיך און צושיידען זיך ווי די בעסטע גוטע פריינד. איז דאָך אַ סימן אַז ער הויבט ניט אָן צו פאַרשטעהן אַ וואָרט וואָס זיי ריידען.

„היינט פראַנצויזיש?" — האָט זיך מאַקס געבאָפט. אַ קליינינ־קייט פראַנצויזיש! ווי ער האָט אַמאָל ערגעץ געהערט אָדער פּיליכט געלעזען אין אַ צייטונג, איז דאָס די עדעלסטע, די שעהנסטע, די אריסטאָקראַטישסטע שפּראַך אין דער וועלט.

פון צופיעל טראַכטען איבער דעם פעהלער וואָס ער איז בעגאַנגען דערמיט וואָס ער האָט אָנגעגעבען אַז ער קען די לעצטע דריי שפּראַכען, און פאַר מורא אַז ער וועט מיאוס דורכפאַלען ווען די קאָמפּאַניע זאָל שיקען איין „אינוועסטיגייטאָר" מיט איהם זיך דורכצורײדען, איז מאַקס שיעור קראַנק געוואָרען און ער האָט באַשלאָסען אַז ער קעהרט שוין גאָר ניט צו קריגען דעם „פּאָזישאַן", ווען ער זאָל אפילו דאַרפען בלייבען אַן אייביגער שקלאַף אין שאַפּ און ניט אום צו ליידען די בושה פון דורכפאַלען ווי אַ פּאַסקודנער בלאָפער. פלעגט ער אַוועק געהן יעדען פריהמאָרגען פון הויז און ניט צוריק־קומען ביז שפּעט אין דער נאַכט אום אויס־צו־מיידען דעם „אינוועסטיגייטאָר" וואָס ער האָט גענלויבט, די אינשורענס קאָמפּאַניע וועט שיקען.

עס זיינען אָבער פאַראיבער גאַנצע פינף טעג און קיין „אינוועס־טיגייטאָר" איז ניט געקומען. נאָר אויפ'ן זעקסטען טאָג האָט מאַקס ערהאַלטען אַ לעטער פון דעם סופּעראינטענדענט פון דעם אָפיס, וואו ער האָט אריינגעגעבען זיין אַפּליקיישאַן, וועלכער האָט איהם מודיע געווען, אַז אַזוי ווי עס איז גראַדע קראַנק געוואָרען זיינער איין אַגענט און קאָלעקטאָר, וועלכער פלעג אַרבייטען אין אַ דיסטריקט וואו די באַפעלקערונג איז זעהר אַ געמישטע, און אַזוי ווי ער, מאַקס, קען די פאַרשיעדענע שפּראַכען וועלכע ווערען פון דער באַפעלקערונג אין יענעם דיסטריקט געברויכט, אַלזאָ גלויבט ער, אַז מ א ק ס איז דער ריכטיגער מאַן פאַר דעם דיסטריקט און אַז ער מעג שוין קומען אָב־צו־נעהמען דעם דזשאָב.

מאַקס'עס געוויסען איז מיט אַמאָל רוהיג געוואָרען. ער איז גלייך אַוועק אין דעם אָפיס אריין, האָט אונטערגעשריבען דעם אַגרימענט מיט דער קאָמפּאַניע, האָט גענומען דעם קאָלעקשאַן בוך, אַנגעשטאָפּט די פּאָקעטס מיט אַפּליקיישאַנס, ביכלאַך און אַנדערע נויטיגע זאַכען און איז אַרויס אַטענדען צו זיין דזשאָב, און אין נאָר אַ קורצער צייט האָט ער באַוויזען צו ווערען איינער פון די בעסטע איידזשענטס אין דעם אָפיס.

מאַקס׳עס לאַנדסלייט, פריינד און בעקאַנטע האָבען זיך גאַר ניט געקענט אַפּוואונדערען פון איהם מיט זיין גבורה.

„דאַכט זיך גאַר אַ גרינער", — האָבען פיעלע פון זיי באַמערקט, — „ערשט עטליכע מאָנאַט אין לאַנד, טשעבעטשעט קוים עטליכע ענגלישע ווערטער און האָט זיך שוין אַזוי אַרויפגעאַרבייט!"

נאָר ווען מאַקס הערט אַמאָל די באַמערקונג אינפאָרמירט ער יענעם, אַז דאָס ענגלישע איז גאָר ניט אַזוי וויכטיג, אַז דער עיקר דאַרף מען קענען פיעלע אַנדערע שפּראַכען און אַז ער האָט געקריגען דעם דזשאָב און מאַכט גוטע ביזנעס נאָר דערפאַר וואָס ער קען גאַנצע אַכט שפּראַכען, אויסער ענגליש.

# עני, פעני און בעני

(א קורצער ראמאן אין דריי טהיילען)

## ערשטער טהייל.

עני און פעני זיינען צוזאמען א היים געגאנגען פון דער ארבייט. זיי זיינען אפגעגאנגען א שטיק וועג און האבען צווישען זיך קיין ווארט ניט איבערגעביטען. ענדליך האט זיך עני אפגערופען.

„איך וויל דיר פארטרויען א סוד, פעני, און זיך טאקע מיט דיר בעראטהען אויך".

„וואס איז פאר א סוד?" האט פעני נייגעריג געפרעגט.

„דו קאנסט דאך בעני'ן?" האט עני אנשטאט ענטפערן, געפרעגט.

„וועלכען בעני'ן מיינסטו? איך קען עטליכע". האט פעני באַהויפטעט.

„בעני שולקינד", האט עני געענטפערט. „דער קלאוק מייקער".

„וועל?" האט פעני שנעל און זעהר ערנסט געפרעגט.

„איך האב אבגעמאכט מיין מיינד איהם צו ארעסטען", האט עני איהר מיטגעטהיילט.

פעני איז שטארק בלאס געווארען דערהערענדיג עני'ס רייד. די לעצטע האט אבער דאס ניט באמערקט, ווייל עס איז שוין געווען טונקעל אין סטריט און האט פארטגעזעצט:

„עס איז שוין באלד א יאהר אז איך קיעפ מיט איהם קאמפאניע. ער פלעגט צו מיר קומען רעגעלמעסיג כמעט צוויי אדער דריי מאהל יעדע וואך, און אמאהל נאך אפטער, אזוי ווי א סטעדי פעללאו. אין די הייסע אבענדען לעצטען זומער, האט ער מיט מיר ביי אונז אויפ'ן רוף פערבראכט און איז מיט מיר עטליכע מאהל אויסגעפאהרען קיין

קוני איילאַנד און אין ראקאוויי, וואו מיר האָבען זיך צוזאַמען געבאָדען. נאָר די לעצטע צייט האָט ער עפּעס אויפגעהערט קומען און דער־ווייטערט זיך גאָר פון מיר".

איינהערענדיג זיך אין עני'ס רייד איז פּעני נאָך בלאַסער גע־וואָרען. זי האָט נערוועז געביסען די אונטערשטע ליפּ און האָט זיך געמאַכט מוטה עני'ן צו פרעגען.

„האָט ער זיך דיר אַמאָהל אין ליעבע ערקלעהרט?"

„ניין", האָט עני גלייך געענטפערט. „דאָס גראָדע ניט. דעם אמת זאָגענדיג, האָט ער אויף דעם פּשוט קיין שכל ניט. נאָר די גוטע יאָהר זאָל איך האָבען", האָט זי פאַרטגעזעצט, „וויפיעל מאָהל ער האָט מיך געהאַלזט און געקושט".

פּעני'ן האָט די בשורה ניט זעהר שטאַרק געפרעהט און זי האָט ווייטער געפרעגט:

„האָט ער דיר אַמאָהל פאָרגעשלאָגען אָדער פערשפּראָכען מיט דיר צו הייראַטען?"

„און ווען ניט פאָרגעשלאָגען אָדער פערשפּראָכען", האָט עני בייזליך איבערגעפרעגט, „מעג ער מיך שוין קושען גלאַט אין דער וועלט אריין? וואָס בין איך עפּעס, אַ האַנטוך, אַ שמאַטע, וואָס ווער עס וויל מעג זיך אַן מיר די ליפּען אָפּווישען און גאָר ניט?"

„אָבער ער האָט דאָך דיר פאָרט ניט צוגעזאָגט?" האָט פּעני פאַר'עקשן'ט איבערגעפרעגט.

„מיט דיר איז גאָר ניט צו ריידען", האָט עני אויסגערופען. „וואָס זשע, ער מוז אַרויסזאָגען אין פּראָסטע דיבורים? ער מוז שרייען אין די גאַסען, „איך וויל מיט דיר חתונה האָבען!" אויף וואָס דען געהט אַ יונגער־מאַן אוים מיט אַ מיידעל? אָדער צוליעב וואָס האַלטען זיי קאָמפּאַניע?"

„פון דעסטוועגען", האָט זיך פּעני אָפּגערופען מיט אַ געמאַכטער רוהיגקייט, „וואָלט איך דיר ראַטהען אַז דו זאָלסט דאָס ניט טוהן. ערשטענס, איז דאָס גלאַט ניט קיין שעהנע זאַך צו אַרעסטען אַ יונגען־מאַן. דאָס הייסט אַז דו צווינגסט איהם ער זאָל דיך ליעב האָבען, אַז

ער זאָל מיט דיר חתונה האָבען געגען זיין ווילען. צוויטענס, קענסטו דיר פאָרשטעלען, אז דאָס פאַמיליען־לעבען נאָך אזאַ מין געצוואונגע־נער חתונה איז ניט קיין גרויסער פּלעזשור. היינט טאָמער בעוויזט ער אין קאָרט אז ער האָט דיר ניט פערשפּראָכען חתונה צו האָבען, ווי דער אמת איז, ווערט ער באַפּרייט, און דו בלייבסט מיט אַ לאַנגער נאָז און מיט אַ פּאַסקודנעם נאָמען".

ענּי האָט דערויף געהאַט פאַרשיערענע אנוועגדונגען. זי האָט זיך געהאַלטען ביי איהרען, אז זי וועט נאָך מאָרגען ארויסנעמען אַ וואָראַנט געגען בענּי'ן און וועט איהם לאָזען ארעסטירען. פענּי האָט אבער מיט איהר ווייטער אַרגומענטירט און האָט אַלע איהרע טענות צוקלאָפּט. און ווען זיי זיינען צוגעקומען צום הויז אין וועלכען ענּי האָט געוואָהנט האָט זיך פענּי מיט איהר אָפּגעשטעלט און האָט איבער איהר אַזוי לאַנג גערעדט ביז יענע האָט איהר צוגעזאָגט און געשוואָרען אַז זי וועט דאָס שוין פאַר קיין פאַל ניט טוהן.

## צווייטער טהייל.

עס זיינען אוועק אַ פּאָר טעג. ענּי האָט באַמערקט אַז פענּי איזביידע טעג צו דער ארבייט ניט געקומען. זי האָט שוין גערענקט אין אבענד אַוועקצוגעהן אויף פענּי'ס לאַדזשי, געוואָהר צו ווערען אויב זי איז חלילה ניט פערשלאָפט געוואָרען אַדער וואָס מיט איהר האָט עפּעס אַנדערש פּאַסירט. אַבער שפּעטער, ווען זי איז ביי איהר סאַפּער געזעסען, האָט זי אין אַ צייטונג פאָלגענדע נייעס געלעזען:

„אַ חתונה אין קאָורט. פענּי צופּקין פון נומער 13 נ. סטריט, האָט נעכטען אבענד אַרעסטירט בענּי שולקינד, אַ קלאָוק מייקער, דער־פאַר וואָס ער האָט זיך ענטזאָגט מיט איהר צו הייראַטען, נאָך דעם וואָס ער איז מיט איהר אַ שטיק צייט אַרומגעגאַנגען און אַ ליעבע פאַרפיהרט. ווען דער דזשאָדש האָט היינט אין דער פריה דעם חתן־בחור געגעבען די ברירה, אַדער באַלד חתונה צו האָבען מיט פענּי'ן אַדער צו ווערען אַ באָרדער אין לודלאָוו סטריט דזשייל, האָט ער באַלד איינגעווילינט חתונה צו האָבען. דער דזשאַדזש האָט דאָס

פּאַרעל באַלד פערהייראַטה און אַ פּאָר אידישע לאַיערס מיט קלוירקס, וועלכע זיינען ביי דער צערעמאָניע אַנוועזענד געווען, האָבען דעם פּאָר־פּאָלק אָפּגעוואונשען מזל טוב".

עני'ן איז אויפ'ן אָרט נישט גוט געוואָרען. דער ביסען האָט זיך איהר געשטעלט אין מיטען האַלז און זי איז שיעור ניט דערוואָרגען געוואָרען. נאָר ווען זי איז צו זיך געקומען, האָט זי צו זיך אַליין געזאָגט:

„אַזוי, אַזוי, פּעניטשקע, דאָס איז געווען דיין נעדאַנק! דערפאַר האָסטו מיך אַזוי אָפּגעראַטהען אַז איך זאָל דאָס ניט טהון?! אָבער וואַרט, דיין גליק וועט ניט לאַנג געדויערען!" און אויסריידענדיג די רייד האָט זי אָנגעפאַנגען צו טראַכטען ווי אַזוי ראַכע צו נעהמען פון איהר פאַלשער פריינדין, פון פּעני'ן, און זי האָט באַשלאָסען אַז די ערשטע זאַך צו טהון איז זיך צו זעהן מיט בעני'ן וואָס גיכער.

## הײטער טהײל.

עס האָט ניט לאַנג געדויערט ביז עני מיט בעני'ן האָבען זיך צוזאַמענגעטראָפען. און נאָך דעם ערשטען מאָל פלעגען זיי זיך כמעט טאָג־טעגליך באַגעגענען אויף אַ באַשטימטען פּלאַץ און פיעל צייט פאַרברענגען. עני האָט יעצט בעני'ן גאָר לייכט איבערצייגט, אַז טאַקע נאָר זי אַליין האָט איהם אמת טריי ליעב. עס איז איהר ניט שטאַרק שווער געווען איהם צו פאַרזיכערען אַז זי וואָלט איהם קיינמאָהל אין לעבען ניט געווען אַרעסטירט ווען ער זאָל איהר געווען אפילו די גרעסטע שאַנדע אַנטוהן, „ווייל ווער טוהט דען אַזעלכעס?" האָט זי באַהויפּטעט, „אַז אויסגעלאַסענע, אַ הפקרת, אָדער אַ אַלטע פאַרזעסענע מויד"...

אין אַ מאָנאַט אַרום ווען בעני האָט פון פּעני'ן באַקומען איהר פינף הונדערט דאָלער אום צו נעהן קויפען עפּעס אַ ביזנעס דערפון אַ לעבען צו מאַכען, איז ער אַנטלאָפען מיט עני'ן און האָט פּעני'ן אפילו קיין „זיי געזונד", ניט געזאָגט.

# פון דער אַלטער היים

# מעות חטים

דער אַלטער אהרן ליב האָט שוין עטליכע מאָל גענומען דעם שטע־קען און זיך געוואָלט לאָזן גיין אין גאס אריין, נאָר אַזוי ווי ער איז צוגעקומען צו דער טיהר און זיין אַלטע, דאַרע האַנד האָט דער־פיהלט די קאַלטקייט פון דער אייזערנער קליאַמקע, האָט ער זי שנעל צוריקגעכאַפּט, האָט זיך אומגעקעהרט און איז געבליבן אין שטוב.

זיין ווייב, די אַלטע מיכלה, איז געזעסן אויף אַן אַלטן טאַפּ־טשאַן ביים פענסטער און האָט זיך געמוטשעט מיט איהרע האַלב בלינדע, אויסגערונענע אויגן צו פערצירעווען אַן אַלטן טיש־טוך, וואָס זי האָט אויסגעוואַשען, אום צו האָבען מיט וואָס צו פערשפּרייטען דעם טיש לכבוד יום טוב.

מיכלה האָט בעמערקט אַז ער וויל, נאָר ער קען ניט אַוועקגעהן. זי האָט זיך אומישנע פערטיפט אין איהר אַרבייט. זי האָט געפיהלט אַז איהם דריקט אַ שווערער וועהטאָג ביים האַרצען, און זי האָט ניט געוואָגט אויפצוהויבען די אויגען צו איהם, אַ קוק טוהן אויף זיין גע־קנייטשטען איינגעשרומפּענעם געזיכט, אַדער חלילה אַ וואָרט צו איהם אויסרעדען.

דער אַלטער האָט אַוועקגעשטעלט זיין שטעקען אין אַ ווינקעל ביי דער טיהר און מיט וואַקלענדיגע טריט, ווי אַ שיכור, איז ער צוגעגאַנגען צו דעם טיש, האָט זיך שווער אַנידערגעזעצט אויף אַ בענקעל, וואָס איז געשטאַנען דערנעבען, און אָנשפּאַרענדיג זיין קאָפּ אויף ביידע הענד, האָט ער אַ שווערען זיפץ געטוהן.

דעם זיפץ האָט די אַלטע מיכלה מיט אַ קרעכץ באַגלייט... דערנאָך האָט זי מיט אַן עק פון דעם טישטוך אויסגעווישט אַ טרעהר פון אויג, האָט זיך אויסגעדרעהט מ׳ין געזיכט צו איהם, און איהר טרויעריגער בליק האָט זיך מיט זיינעם בעגעגענט.

און שטום, שווייגענדיג, געדריקט און געקוועלט פון א צו טיפען שמערץ, אום צו קענען רעדען, האבען די צוויי אלטע לייט געקוקט איינער אויפ׳ן אנדערען. אויף די צוויי אלטע צורינצעלטע געזיכטער איז געלעגען אן אויסדרוק פון טיפער פערצווייפלונג, פון שרעקליכע אינערליכע ליידען, וועלכע יעדער איינער פון זיי האט געוואלט בע־סעמפען אום ניט ארויסצוצייגען פאר׳ן צווייטען, דאס איז אבער אונ־מעגליך געוועזען; זייערע אלטע אויגען זענען פערלאפען פול מיט טרע־רען, וועלכע האבען דארטען לייכט געציטערט, את, את צום ארויס־פייסלען זיך...

איין שארפער וועהטאג האט זייערע ביידענס הערצער געדריקט, איין פיינליכער געדאנק האט זייערע ביידענס מוחות געברענט:

מעות חיטים!...

ער, הר׳ אהרן ליב דער נגיד, זי, מיכלה אהרן ליב׳ס, די נגידה, זיי דארפען אצינד אנקומען צו קצבה, געהן נעמען מעות חיטים, גע־שענקטע מצות אויף דעם פופציגסטען פסח פון זייער צוזאמענלעבען פון נאך זייער חתונה אן.

„א שעהנעם יום טוב זיך דערלעבט“, טראכט טרויעריג דער אלטער און שאקעלט פערצווייפעלט מיט׳ן קאפ. זי ווייסט וואס ער טראכט, גלייך ווי זי לעזט די ווערטער דייטליך איבער, און זי בעהערשט זיך, ווי ווייט מעגליך, איינצוהאלטען די טרעהרען, וועלכע ווילען שוין לענגער ניט בלייבען שטעהן אין איהרע אויגען־לעכער, ווייל פרישע קוואלען טרעהרען שטופען זיי ארויס, און זי צואווינט זיך מיט א כריפענעם איינגעהאלטענעם געוויין, אויסגעמישט מיט ביטערע קרעכ־צען, וואס רייסען זיך אלע מאל ארויס פון איהר לעערען הארצען. און, אויף איהר קוקענדיג, ברעכט דער אלטער צוזאמען פאר וועהטאג און ער אקאמפאנירט איהר מיט א פערשטיקטען געוויין...

* * *

ערשט פאראיאהרען פאר פסח האבען זיי אליין א סך מעות־חיטים צוטהיילט.

אלע יאהרען איז זייער טאקסא געווען ביז פינף הונדערט רובעל, נאר פאראיאהרען, צוליעב די גרויסע ארימקייט אין שטאָדט: איבער דער מלחמה זענען אַ סך אלמנות מיט יתומים געבליבען, האָט דער אַלטער אהרן ליב אוועקגעגעבען גאַנצע טויזענט רובעל אויף מעות חטים, אַ חוץ וואס די אַלטע מיכלה האָט אַליין צוטהיילט צו נאָהענטע און ווייטע קרובים, צו בעקאַנטע און ניט בעקאַנטע אָרימע לייט, דעם מצות, יענעם אייער, אָדער קארטאָפעל מיט בוריקעס.

און זיי אַליין, פערזאָרגט מיט אַלדאָס גוטס, האָבען זיי זיך, ווי אַלע יאהר, צוגעגרייט אָפּצופראַוען פרעהלאך דעם גרויסען יום טוב צוזאַמען מיט זייער בן יחיד, מיט דער שנור און מיט זייערע אייניקלאך, וועלכע זענען ביי זיי אויף קעסט געווען.

נאר פונקט ערב יום טוב, האָט זיך עפּעס אָנגעהויבען צורודערען אין שטאָדט, מענשען זענען אַרומגעלאָפען טוידט דערשראָקען, ווי פער׳סמ׳טע מייז, און מען האָט געאיילט פאַר פריה, אָפּצוראַמען דעם מארק, צו צומאַכען די קלייטען און אַנטלויפען אהיים. אָבער דאָס איילעניש איז ניט געווען אום וואָס שנעלער אויפצונעמען דעם אָנ־קומענדיגען ליעבען גאַסט, דער יום טוב, נאר אַ סאָרט איילעניש פון שרעק, פון מורא פאַר עפּעס בייזעס, פאַר עפּעס שרעקליכעס...

פאַר אַ פּאָגראָם האָט מען מורא געהאַט...

פון די אַרומיגע שטעדט און די נאָהענטע דערפער זענען זעהר שלעכטע בשורות אָנגעקומען. די כוליגאַנעס, די שוואַרצע מאַה׳ניקעס האָבען זיך דאָרט ווילד צובושעוועט און זענען מיט האַס און רציחה בעפאַלען די אָרימע הילפלאָזע אידען, זיי גע׳הרג׳עט, גע׳ממית׳ט, זייער האָב און גאָב גערויבט און געפּילדערט, מען האָט קיין אַלטע לייט ניט געשאָנעוועט, קיין יונגע ניט געזשאַלעוועט, אויף פרויען און קליינע קינדער קיין רחמנות ניט געהאַט, יעדער און אַלעס, וואָס האָט ניט געקענט אַנטלויפען אָדער בעהאַלטען זיך, איז אַ קרבן געפאַלען...

אין איין שטאָדט זענען איבער הונדערט הרוגים געפאַלען און נאָך מעהר פערוואונדעטע...

אין אַ דערבייאיגען דאָרף, האָט מען דערצעהלט, האָבען די פּויע־רים אַ גאַנצע אידישע פאַמיליע פון צעהן נפשות איינציגווייז אויס־געקוילעט פאַר די אויגען פון די איבעריגע. אין אַ צווייטען דאָרף האָבען זיי אונטערגעצונדען אַ אידישע הויז און ניט געלאָזט די איינ־וואוינער זיך ראַטעווען, און זיי האָבען טייפליש געלאַכט צוקוקענדיג ווי די אידען האָבען געקעמפּט מיט דעם פייער ביז זיי זענען אַזוי אומגעקומען.

„און עס העלפט ניט קיין וויינען, קיין בעטען, מען קען זיך מיט נאָר ניט אויסקויפען". אַזוי האָבען די בעריכטען געלויטעט, און קיין גואל דם, אַ בעשיצער, עס זאָל זיך ווער עס איז אָננעמען איז אויך ניטאָ. די פּאָליציי מיט'ן מיליטער זענען אומעטום גלייכגילטיג, שטע־הען פון ווייטענס, העצען נאָך אונטער און קומען תמיד לעשען דאָס פייער נאָך דעם ווען עס האָט שוין אַלעס אויסגעברענט, אַלעס פער־ניכטעט...

פון די בשורות האָט זיך ביי יעדען דאָס האַרץ אָפּגעריסען, אַלע האָבען אָפּגעלאָזען הענד און פיס, פערלאָרען דעם מוטה, און מיט פערביטערטע הערצער, מיט געבראָכענע געמיטהען, מיט טרויע־ריגע, פער'חושכ'טע פנימ'ער, האָט מען בעגעגענט דעם אַנקומענדיגען גרויסען גאַסט, דעם יום טוב פּסח, וואָס ענטהאַלט אין זיך די אידיליע פון דעם אידענס גרויסען בעפרייאונגס־מאָמענט פון אַ פיער הונדערט יאָהריגען שווערען גלות אין מצרים.

און ביי דעם אַלטען אהרן ליב, דעם נגיד אין הויז, האָט זיך די שרעק און די מורא, ווי ביי אַנדערע, אויך זעהר שטאַרק געפיהלט...

פאַרנאַכט האָט מען פאַר פריה צוגעמאַכט די פענסטער מיט די לאָדענס, דאָס גאָלד און זילבער מיט מזומן געלד, וואָס האָט זיך גע־פונען, האָט מען פערשפּאַרט, פערשלאָסען, עס איז גאָר קיינעם אפילו ניט איינגעפאַלען זיך אָנצומעסטען די טייערע נייע מלבושים, וואָס זיי האָבען זיך לכבוד יום טוב געמאַכט, און אַנשטאָט צו געהן דאַווענען אין שוהל אריין האָט מען אין הויז מיט אייניגע נאָר נאָהענטע שכנים אַ מנין געמאַכט, און שנעל אין דער שטיל אָפּגאַפּענדיג אָפּגעדאַווענט.

דערנאָך האָט זיך איינער דעם צווייטן געוואונשען „אַ גוטען יום טוב" מיט ציטערענדיגע ליפּען און פלאַטערענדיגע הערצער, און מען האָט אנגעשטעלט די אויערען זיך איינצוהערען אויב עס איז אין גאַס שטיל און רוהיג. און אַז מען האָט דערהערט פון דער ווייטענס אַ הונד אַ האַווקע טהון, איז ביי יעדען דאָס האַרץ איינגעפאַלען, פאַר אַ שלעכטען סימן האָט מען דאָס אויסגעלייגט...

און עס, עס שפּעט, נאָר ניט ווי געוועהנליך, האָט זיך דאָס הויז־געזינד לאַנגזאַם אַרום טיש אויסגעזעצט און נאָר אָהן אַפּעטיט. דער אַלטער אהרן ליב, וועלכער איז געלעגען אויף דער הסיבה־בעט, אַנ־געצוינגען אין דעם ווייסען קיטעל, מיט די לאַנגע, ברוינע באָרד שעהן צוקעמט, האָט געפּרופט אויסריידען די שווערע הערצער און האָט זיי געטרייסט מיט דער האָפנונג, אַז די אַלע בעריכטען זענען פאַלש, אַז די גרויסע כמארע וועט איבערגעהן אָהן רעגען, און אַלדאָס בייזעס וועט זיך אויסלאָזען צו שונאי ישראל. אָבער קיינער איז דערפון ניט מונטערער געוואָרען, ביי אַלעמען האָט די מורא דאָס לשון ווי אָפּ־גענומען, זיי האָבען געשוויגען און זיך איבערגעקוקט מיט טרויעריגע בליקען. זאָגאַר דאָס עלטסטע אייניקעל, אַ איינגעלע פון אַכט יאָהר, וועלכער האָט די פיער קשיות געפרעגט, איז אויך ניט געווען אַזוי מונטער און פרעהלאָך ווי מיט אַ יאָהר און צוויי צוריק, ווען ער האָט דעם זעלבען „מה נשתנה" געפרעגט, און ווען הר. אהרן ליב האָט זיך גענומען איהם ענטפערען דעם תירוץ „עבדים היינו", האָט זיין קול, כמעט גאַנץ שטיל, דאָך זעהר ריין און העל געקלונגען, און עס האָט זיך אין זיין טאָן אויסגעדריקט זיין פעסטע אמונה אין דעם וואָס ער האָט דערצעהלט וואָס עס האָט פּאַסירט, און זיין גרויסער בטחון אין דעם וואָס ער האָט געהאָפט אַז עס וועט פּאַסירען „לשנה הבאה בני חורין", און „לשנה הבאה בירושלים".

און אַלע האָבען שטיל געענטפערט „אמן!"...

און פּלוצים טראַך! טראַך! אַ געלויף! אַ געפּילדער! אַ געוואַלד! אַ געשריי! איבעראַל זענען די לאָדענס מיט די טויערען אויפגעריסען

געוואָרען, די שויבען פון די פענסטער צוקלאַפּט און צובריאַזגעט, און משונה־ווילדע פער׳שיכור׳טע ברואים מיט משחיתים׳דיגע כלי־זין אין די הענד זענען אויסגעוואַקסען ווי פון דער ערד ארוים. פון אַלע זייטען האָבען זיך געהערט ווילדע בת היענה־קולות פון די צובושע־וועטע פּרואים, אויסגעמישט מיט די יאוש־געשרייען, מיט דעם וויינען און בעטען, קרעכצען און זיפצען פון די שוואַכע און הילפלאָזע גע־הרג׳עטע און געשלאַגענע קרבנות. ווער עס האָט געקענט האָט זיך אַקעגען געשטעלט דעם שונא, ווער עס האָט געקענט, איז אַנטלאָפען, און אַנדערע האָבען זיך בעהאַלטען, פערשטעקט אויף די בוידעמס, אין קעלערס, אין פינסטערע, נאַסע גרובענס אונטער די דירות. און די גרויסע, פון לאַנגע יאָהרען פערהאַרעוועטע, פערפּראַצעוועטע פער־מעגענס, האָט מען איבערגעלאָזען אויף הפקר...

א גאַנצען מעת לעת האָט די שרעקליכע הריגה מיט דער פער־וויסטונג און פערניכטונג אָנגעהאַלטען; אַלעס וואָס איז געקומען צו די הענד פון די ווילדע, צורייצטע כוליגאַנעס, איז פערניכטעט גע־וואָרען אויף דעם גרויזאַמסטען אופן. און ווען זיי האָבען ענדליך געזעהן, אַז קיין לעבעדיגער פּנים בעווייזט זיך שוין ניט מעהר אויף דער גאַס, אַז די מתים ליגען שטיל מיט פערגליווערטע אויגען, און קיין האַרץ ניט זיך שוין מעהר קיין צאַפּעל ניט, דאַן האָבען זיי אָנ־געראַבעוועט און פערנומען וואָס זייערע בעסטיאַלישע הערצער האָבען נאַר געגלוסט און זיי האָבען די שטאָדט אין חורבות פערלאָזען. און שפּעטער, ווען עס איז שוין גאַר שטיל געוואָרען, און די איבערגעבלי־בענע, די בעהאַלטענע, האָבען אָנגעהויבען אַרויסצוקריכען פון זייערע מייזען־לעכער, ניט טויט ניט לעבעדיג, און נאָכזוכען זייערע קרובים, טאַטעס, מאַמעס, ברידער, שוועסטער, קינדער און זיי האָבען לויטער הרוגים געפונען מיט צושלאַגענע קערפּערס און צוראַניעטע פּנים׳ער וואָס זענען שווער געווען צו דערקענען, דאַן האָבען זיי אַלע אויפ־געהויבען א יאָמער־געשריי צו גאָט אין הימעל וואָס ער איז אי אַן אל רחום וחנון, אי אַן אל קנא ונוקם, און זיי האָבען איהם געבעטען, אַז ער זאָל שוין רחמנות האָבען אויף די איבעריגע פערבליבענע ביסעל

אידען, און זיך נוקם זיין אַז די וואָס האָבען אויף זיי דעם גרויסען בראַד געבראַכט.

און דער גרויסער פריייהייטס יום טוב פסח. איז אין אַ טרויער טאָג אין אַ תשעה באב, פערוואַנדעלט געוואָרען... אנשטאָט די הגדה די געשיכטע פון די וואונדערבאַרע ניסים פון יענער פריייהייטס־עפּאָכע האָט מען זיך גאָר צו די קינות גענומען.

און דער אַלטער אהרן ליב מיט זיין מיכלה זענען דעם גאַנצען שרעקליכען מעת לעת אויך געווען בעהאַלטען אין אַ פינסטערען סקלעפּ פון דעם קעלער אונטער זייער דירה. ווען מען איז זיי בעפאַלען, האָבען זיי פון צומישונג אוים שרעק אַז זייער אייגענעם בלוט פער־געסען, נאָר ווען זיי זענען אַרויס פון דעם בעהעלטעניש און האָבען זייער הויז אין אַש געפונען, דאָס פערמעגען צורויבט און פערברענט, האָבען זיי זיך אויף דעם גאָר ניט אומגעקוקט.

זיי האָבען זיך באַלד גענומען זוכען זייערע קינדער, דעם זוהן, די שנור מיט די אייניקלאַך. פון די לעצטע איז גאָר קיין שפּור ניט געווען, מסתמא האָט מען זיי פריהער גע׳הרג׳עט און דערנאָך פער־ברענט, נאָר דער זוהן איז אויך פון אַ בעהעלטעניש אַרויס, אָבער פאַר שרעק איז ער פון זינען אַראָפּ, אויך די שנור, וועלכע מען האָט פון אונטער די חורבות אַ פערוואונדעטע אַרויסגעשלעפּט און אָפּגעמינ־טערט האָט פאַר מורא און פאַר וועהטאָג די פאַלינע קראַנקהייט בעקומען.

בייַ דער אַלטער מיכלה האָט זיך דאָן פון האַרצען אַ בייזע קללה אַרויסגעריסען און אירע פערקרימטע ליפּען האָבען גענומען שעפּטשען אַ טענה צו גאָט, אָבער אהרן ליב האָט זי ניט געלאָזט זינדיגען, אַזוי ווי איוב האָט ער אַלעם מקבל געווען באהבה. „ה׳ נתן, ה׳ לקח״, האָט ער איהר געזאָגט, און ער האָט געריסען „קריעה״ פאַר די טויטע און געבענטשט „גומל״ פאַר די לעבעדיגע, און דערנאָך, פערגעסענדיג זיין אייגענעם גרויסען צער, האָט ער זיך, ווי אַן אמת׳ער, עהרליכער

איד, אויסגעמישט מיט די איבעריגע אבלים און האָט שטאַרק געוויינט אויף דעם גרויסן אומגליק פון דעם גאַנצן אידישן פאָלק...

* * *

פון דאַן אָן, פון דעם שרעקליכן פּאָגראָם, האָט זיך דער אַלטער אהרן ליב מיט זיין אַלטער מיכלה מיט דעם משוגע׳נעם זוהן און קראַנקע שנור זעהר ביטער געפּלאָגט. זיי האָבען זיך אריינגעצויגען אין אַקליינעם אונטער שטיבעל ערגעץ אין אַ פערוואָרפענעם אונטער־געסעל ביי זייערן אַ געוועזענעם משרת, וועלכער האָט זיי אַהין פאַר רחמנות אריינגענומען. געלעבט האָבען זיי כמעט פון גאָר ניט. דער אַלטער אהרן ליב האָט אָפּגעניצט אַלע זכות אבות, איבעראַל געגאַנגען אויף קבר אבות, געשריבען צו דעם אָדער צו יענעם קרוב, איבעראַל איז אָבער די זעלבע צרות און זעלטען, זעלטען ווען עס איז פון עמיצען אָנגעקומען אַ פּאָר רובעל, וואָס האָט טאַקי נאָר געקלעקט די נשמה צו דערהאַלטען. און אַז עס איז געקומען ערב פּסח, האָט זיך ביי זיי יעדע פּרוטה אויסגעלאָזען, און עס איז ניט געווען קיין האָפנונג פון ערגעץ עפּעס געלד אויף פּסח צו בעקומען, האָט ביי זיך דאַן דער אַלטער אהרן ליב בעשלאָסען צו געהן נעמען מעות חטים.

און עטליכע מאָל האָט ער זיך געלאָזט געהן אין גאַס אריין, אָבער אַזוי ווי ער איז נאָר צוגעקומען צו דער טיהר, און זיין אַלטע דאַרע האַנד האָט דערפיהלט דאָס קאַלטקייט פון דער אייזערנער קליאַמקע, האָט ער דערפיהלט אַ שמערצליכען שטאָך אין ברוסט און זיינע כוחות האָבען איהם אָנגעהויבען צו פערלאָזען, און ער האָט זיך אומגעקעהרט און איז געבליבען אין שטוב.

לאַנג, זעהר לאַנג, האָט ער זיך איבערגעקוקט מיט זיין אַלטער מיכלה וועלכע האָט געוואוסט און מיטגעפיהלט, וואָס ביי איהם אין הארצען קומט פאָר, און זיי האָבען שטיל צוזאַמען געוויינט אויף די פערגאַנגענע גוטע יאָרען, אויף דעם פערלוירענעם, אוועקגעטריבענע פערמעגען און זיי זיינען אַזוי געזעסען דעם גאַנצען טאָג, ערב פּסח, וואַרטענדיג און האָ־

פענדיג אַז עמיצער וועט זיך אין זיי דערמאָנען און צו זיי עפּעס פער־טראָגען, אום זיי ביים לעבען דערהאַלטען, אָבער דאָס איז ניט געשעהן. פאַרנאַכט איז אַריינגעקומען די קראַנקע שנור, וועלכע האָט זיך דעם גאַנצען טאָג אונטער דער האַבאַרע ביי דער פריהלינג זון געוואַרעמט, און זי האָט זיך שווייגענדיג אַנידערגעלעגט אויף אַ שטרוי־זאַק, וואָס איז געלעגען נעבען דעם קאַלטען אויווען, שפּעטער איז דער משוגע׳נער זוהן אַריינגעלאָפען, און אַזוי ווי תמיד, האָט ער זיך אין אַ ווינקעל אַוועקגעזעצט, איינגראָבענדיג דעם קאָפּ אין ביידע הענד, און האָט זיך מרה־שחורה׳דיג פערטראַכט.

לאַנגזאַם, לאַנגזאַם, איז די נאַכט צוגעפאַלען, אין דעם קליינעם אָרימען שטיבעל איז שטאַרק פינסטער געוואָרען, און די אַלטע לייט האָבען דורך דעם קליינעם פענסטערעל. מיט טרעהרען פערלאָפענע אויגען, געזעהען ווי אין די אַרומיגע הייזער ווערען אָנגעצונדען די יום טוב־ליכט, אין יעדען הויז ווערט ליכטיג, און דורך די פענסטער זעהן זיך די ווייסע פאַרהאַנגען מיט די ווייסע טישטוכער, אויף וועלכע עס שטעהען פלעשער וויין מיט אַרבע כוסות, נאָר ביי זיי איז פינסטער חושך, און עס איז ניטאָ מיט וואָס יום טוב אויפצונעמען, אָדער מיט וואָס דאָס פער׳חלש׳טע האַרץ צו דערקוויקען.

דעם אַלטען אהרן ליב׳ן האָט אָנגעהויבען אַ ספק צו עגבערען דעם מות. „צוליעב וואָס און צוליעב ווען האָט איהם גאָט געראַטעוועט פון דעם פּאָגראָם?” האָט ער זיך אַצינד נעפרעגט, „און האָט ער איהם דען בעדאַרפט צו דאַנקען און גומל בענשען?” און ווען ער האָט דערהערט זיין אַלטע מיכלה וויינען אויפ׳ן קול, איז ער צו איהר צו־געגאַנגען מיט שוואַכע, שאָקלענדיגע טריט, און אָנגעמענדיג איהר דאַרע פערגליווערטע האַנד, האָט ער צו איהר שטיל געזאָגט:

„איך האָב ניט געקענט, איך האָב ניט געקענט זיך ערניעדריגען און געהן בעטען מעות חטים. אַז גאָט האָט אונז מציל געווען פון פּאָגראָם און אונז געשענקט דאָס לעבען, דאַרף ער אונז געבען צום לעבען, און אויב ער האָט אונז נאָר געראַטעוועט צו שטאַרבען פון

הונגער, דאַרפֿען מיר זיך ניט ערנידעריגען צו בעטען קצבה..." ער האַט מעהר ניט געקענט רעדען, און פאַלענדיג מיט זיין קאָפּ איבער מיכלה׳ם אַקסעל, האַט ער זיך גלייך מיט איהר צואוויינט אויפ׳ן קול..

און פון אַנדערע הייזער האָט זיך אין דער זעלבער צייט ארויס־געטראָגען מיט אַ פרעהליכען ניגון דער „לשנה הבאה בני חורין, לשנה הבאה בירושלים".

# נגיד׳ישער יושר

עס איז שוין זעהר לאַנג אין דעם, אפשר בין איך דאַן אַלט געווען א יאָהר צעהן; מיין פאָטער האָט דעמאָלס געדיענט ביי דעם נגיד פון שטעדטעל, ביי גרינבערג׳ען. וויפיעל ער האָט פון זיין שטעלע פערדיענט האָב איך קיינמאָל ניט געוואוסט, אָבער א גרויסער חשוב איז ער ביי דעם נגיד תמיד געוועהן. איינמאָל, געדענק איך, ווען די מאַמע האָט א איננעל געבאָרען, איז דער נגיד צו אונז אויף דער ברית־מילה געקומען, און דאָס איז פאַר מיין פאָטער א גרויסער כבוד געוועהן. א קלייניגקייט, דער נגיד גרינבערג?!.... און צוליעב דעם נגיד איז שוין דער ברית גאַר גרויסאַרטיג געפּראַוועט געוואָרען, ער אַליין האָט געהייסען ברענגען פינף אָקעס וויין אויף זיין חשבון כדי דער עולם זאָל זיך משמח זיין, און ווען ער האָט זיך אָביסעלע פערטרונקען איז ער שטאַרק פריילאַך געוואָרען, האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפען די טייערע זיידענע קאַפּאָטע און געכאַפּט דעם טאַטען טאַנצען, און ווער עס איז אויף דעם ברית געווען האָט זיך אויף מיין טאַטען פשוט מתקנא געווען. „א גליק פון א מענשען!“ האָבען זיי געטענה׳ט, „ער האָט שטאַרק נושא חן געוועהן ביים נגיד, און ער איז שוין פער־זאָרגט מיט פרנסה“. און די מאַמע, ליגענדיג אין בעט, האָט שטאַרק אַנגעקוואָלען, איהר פנים האָט געשטראַהלט פון פרייד און זי האָט דאָס פיצעלע געקושט, טראַכטענדיג אַז עס איז איהר געבוירען געוואָרען מיט מזל אין א גליקליכער שעה.

די שמחה האָט געדויערט דעם גאַנצען טאָג. אָווענד־צייט האָט מען נאָך דעם נגיד׳ס קאַרעטע געשיקט און מען האָט איהם אַהיים געפיהרט שיכור און מיעד פון הוליען; דערנאָך, ווען דער איבעריגער עולם איז זיך צונאַנגען און עס איז אין שטוב שטיל געוואָרען, האָט די מאַמע א צופריעדענע איינגעדרימעלט. און דער טאַטע האָט זיך

נענומען מיט מיר אויפרוימען אין הויז, און צושטעלען דאָס מעבעל אין אָרדנונג. פּלוצים, איך געדענק עס גלייך ווי עס וואָלט ערשט נעכטען געשעהען, האָב איך בעמערקט אַז דער טאַטע איז שטאַרק בלייך געוואָרען און איז געבליבען שטעהן ווי אַ בענומענער. דערנאָך האָט ער זיך אַנגעבויגען און האָט עפּעס אויפגעהויבען און צוגעהענדיג שנעל צום בעט האָט ער די מאַמען אויפגעוועקט, און געזאָגט צו איהר:

„זעה נאָר, דעם נגיד'ס פּאָרטמאַנע!"

דער מאַמעס אויגען האָבען ווי אַ בליץ געטהון, זי האָט זיך שנעל אויפגעזעצט, און געפרעגט: „וויפיעל איז דאָ?"

„איך ווייס ניט", האָט דער טאַטע געענטפערט, „איך האָב עס ערשט אונטער אַ בענקעל געפונען".

„ציי'ל איבער", האָט די מאַמע געזאָגט.

„צו וואָס?" האָט דער טאַטע געפרעגט, און האָט ניט ווילענדיג נענומען צעהלען דאָס געלד און געלאָזט וויסען, אַז עס איז דאָ קאַרגע צעהן טויזענד רובעל.

„בעהאַלט! בעהאַלט!" האָט די מאַמע אויסגעשריען. „מיר האָט זיך אָבער גע'חלומ'ט, אַז דאָס קינד איז מיר מיט מזל געבאָרען גע־וואָרען", און זי האָט זיך געכאַפּט קושען דאָס קינד.

„וואָס רעדסטו פון בעהאַלטען?" האָט דער טאַטע געפרעגט. מען דאַרף עס גלייך אָפּטראָגען. איך האָב פּשוט מורא אַזוי שפּעט מיט אַזאַ..."

אָבער די מאַמע האָט איהם ניט געלאָזט ענדיגען, און האָט גע־רעדט מיט כעס: „מען דאַרף ניט אָפּגעבען! מען דאַרף ניט אָפּגעבען! גראָב אויס אַ גרוב אין קעלער און בעהאַלט! בעהאַלט! דער נגיד האָט געגונג! דער רוח וועט איהם אהן דעם אויך ניט נעמען, און דו וועסט אַלע יאָהרען ביי איהם אָפּחושד'ן און דו וועסט דאָס קיינמאָל ניט האָבען!"

אָבער דער טאַטע האָט נאָר די רייד ניט געוואָלט הערען.

„ניין!" האָט ער גע'טענה'ט. „איך וויל ניט און דאַרף ניט אַזאַ געלד! ווען נאָט וועט מיר געבען אויף אַן עהרליכען וועג וועל איך אים

דאנקען, אבער אזוי הייסט עס ווי גע'גנב'עט!" און ארײנלעגענדיג דאס געלד אין בוזים־קעשענע האט ער פערשפיליעט די קאפאטע, א קוש געטוהן די מזוזה און ארוים פון הויז.

ווען דער טאטע איז שפעטער צוריק געקומען, האט ער די מאמען געטראפען א פערוויינטע.

„דאס האסטו אודאי חרטה געהאט אויף דיינע זינדיגע געדאנ־קען?" האט ער ביי איהר שטיל געפרעגט.

אנשטאט צו ענטפערען האט די מאמע ביי איהם געפרעגט: „וואס האסטו כאטש געקראגען פאר א מתנה?"

„ער האט מיך אליין געפרעגט וואס איך וויל?" האט דער טאטע געענטפערט.

„האסטו כאטש געזאלט בעטען עטליכע הונדערטער א מאל צו קויפען אן אייגען הייזעל?" האט די מאמע בעמערקט. דער טאטע האט א שמייכעל געטוהן און אוועקגעמאכט מיט דער האנד, „גענוג שוין, גענוג," האט ער געזאגט, „ס'זאגט זיך עס עטליכע הונדערטער!"

„זאל ער כאטש העכערען די שכירות, מען זאל קענען לעבען ווי מענשען", האט די מאמע בעהויפטעט.

„דערויף, רעכען איך, וועט ער אליין שכל האבען", האט דער טאטע געענטפערט. די מאמע איז אונגעדולדיג געווארען און האט ביין געפרעגט:

„וואס דען פארט האסטו ביי איהם פערלאנגט?"

„גאר ניט", האט דער טאטע קורץ געענטפערט, „ איך האב איהם געזאגט אז איך פערלאז זיך אויף זיין יושר".

עס איז אוועקגעגאנגען א שטיק צייט, און דער נגיד האט מיין טאטען די שכירות ניט געהעכערט, נאר ווען עס איז געקומען פורים, האט ער אונז פאר שלוח־מנות אריינגעשיקט א נייעם סאמאוואר. מיין מאמען איז די מתנה קיינמאל ניט געפעלען געווארען, איבערהויפט האט זי ניט פערשטאנען פאר וואס עס איז איהם אויסגעקומען צו שיקען אזא זאך, אבער מיין טאטען איז דער סאמאוואר זעהר חשוב געווען און ווען ער פלעגט פון איהם טרינקען א גלאז טהעע, האט ער

זיך שטאַרק געקוויקט און געזאָגט: „די טהעע איז אַמת גוט, מחיה!“

„זי מעג שוין גוט זיין“, פלעגט די מאַמע ענטפערען, „ דער סאַמאָוואַר קאָסט געגוג טייער, קאַרגע צעהן טויזענדער“.

„דערפאַר איז אָבער מיין געוויסען ריין“, האָט דער טאַטע פראָ־טעסטירענד געענטפערט.

אין עטליכע יאָהר אַרום איז דער נגיד געשטאָרבען, און ווען זיין זוהן האָט די געשעפטען איבערגענומען, האָט ער אַלע אַלטע מענשען פון זייערע שטעלעס אַפּגעזאָגט, און צווישען זיי מיין טאַטען אויך.

דאַן איז אונזער לאַגע זעהר קריטיש געוואָרען. קיין לענער־געלד איז ביי מיין טאַטען ניט געווען, און צו קיין מסחר האָט ער זיך ניט געקענט נעמען. צו קיין אַנדער שטעלע האָט ער זיך בשום אופן ניט געקענט צושלאָגען, עס זענען געווען אינגערע מענשען וועלכע האָבען פאַר ווייניגער שכירות געאַרבייט, און ווען ער האָט געוואָלט אַרבייטען פאַר ווייניגער שכירות, האָט מען איהם אויך ניט געוואָלט צונעמען, ווייל מען האָט מורא געהאַט, אַז צוליעב זיינע גרעסערע בעדער־פענישען פון דער פאַמיליע וועגען, וועט ער מוזען גנב׳ענען, ווען עס וועט איהם ניט סטייען די שכירות.

און אַזוי ביסלאַכווייז האָט דער דלות זיך אַריינגערוקט צו אונז אין הויז אַריין און האָט אָנגעפאַנגען איבער אונז צו הערשען מיט אַן אייזערנער מאַכט. ער האָט אונז אונערבאַרמליך געדריקט און גע־שטיקט. אַ יעדע ווערטה־זאַך איז פון דעם הויז פערקויפט געוואָרען. אַמאָל אויף ברויט צו באַקען און אַמאָל אַז עס זאָל זיין פאַר עפּעס שבת צו מאַכען.

איין מאָל דאָס איז געווען אין אַ ווינטער פאַרנאַכט, איז דער טאַטע אַהיים געקומען פון גאַס פערפראָרען און דערשלאָגען, אין שטוב איז געווען קאַלט און מרה־שחורה׳דיג, און עס איז ניט געווען מיט וואָס די הרובע אָנצוואָרעמען. אין לאָמפּ איז קיין קעראָסין ניט געווען, און קיין געלד אויף קיין קעראָסין האָבען מיר אויך ניט געהאַט. דער טאַטע איז לאַנג געזעסען פערטראַכט, פערטרויערט, און האָט

צו קיינעם קיין וואָרט ניט גערעדט; פּלוצים האָט ער געוואָרפען אַ פינסטערען בליק אויף דעם געזימס וואו דער סאַמאָוואַר איז תמיד געשטאַנען אויסגעפּוצט מיט אַ גלאַנץ. דערנאָך האָט ער איהם אַראָפּ־גענומען מיט ציטערדיגע הענד און האָט זיך איבער איהם צוואויינט מיט אַן איינגעהאַלטענעם כריפּנע געוויין, ווי מען וויינט איבער אַ טויטען איידער מען טראָגט איהם אַרויס פון הויז. אויף איהם קוקענדיג האָבען מיר זיך אַלע צוואויינט, און ער האָט דעם סאַמאָוואַר איינגעדעקט און איז מיט איהם אַוועק געגאַנגען.

שפּעט ביי נאַכט האָב איך ניט געקענט שלאָפען, אַזוי קאַלט איז אין שטוב געווען, און איך האָב געהערט ווי דער טאַטע האָט דער מאַמען דאָס פאָלגענדע דערצעהלט:

„איך האָב מיר היינט געמאַכט הארץ און בין אריינגעגאַנגען צו אונזער גאָטזעליגען נגיד'ס יורש, און האָב איהם געבעטען, אַז ער זאָל מיר באָרגען אַ פינף־און־צוואַנציג רובעל, אפשר וועל איך זיך פאַרנעמען עפּעס מסחר'ן. האָט ער נאָר געוואָלט, אַז איך זאָל איהם ברענגען אַ משכון...“

„אויף מיינע צרות זאָל ער איבערקומען“, האָט די מאַמע איהם געבענטשט, און דער טאַטע האָט ווייטער דערצעהלט:

„און אַזוי ווי קיין אַנדערע זאַך איז שוין אין הויז ניטאָ, האָב איך צו איהם אוועקגעטראָגען דעם סאַמאָוואַר. נו, נו, האָט ער עס מיך אויסגעלאַכט, ‚פינף־און־צוואַנציג רובעל אויף אַן אַלטען סאַמאָוואַר?!...‘ האָט ער גע'טענה'ט“.

„האָסטו איהם געזאָלט זאָגען, ווי טייער דער סאַמאָוואַר קאָסט דיר, קאָרגע צעהן טויזענדער!“ האָט די מאַמע געזאָגט מיט פערביטערונג.

„איך האָב איהם געזאָגט, אַז דאָס איז אַ מתנה פון זיין גאָטזעליגען פאָטער, האָסטו בעדאַרפט זעהן, ווי דאָס טריפה בלוט איז איהם אַריין אין פּנים. ‚מיין טאַטע‘—האָט ער זיך צושריען, ‚איז געווען אַן אַלטער טיפּוש דאָס גאַנצע האָב און גאָב האָט ער צו די דינער צוטהיילט!...“

„זיין גרוב האָט ער געוואָלט פערלענגען", האָט איהם די מאַמע נאָך אַמאָל געבענטשט, און דער טאַטע האָט פאַרטגעזעצט:

„ווען איך האָב מיר געמאַכט מוטה און האָב איהם דערצעהלט פאַר וואָס איך האָב די מתנה בעקומען, האָט ער מיר עטליכע מאָל אָנגעקלאַפּט אין דער פּלייצע און געזאָגט: „איהר זענט אַ בראַווער מענש, זעהר אַ בראַווער מענש! און דערפאַר וועל איך אייך לייהען די פינף־און־צוואַנציג רובעל אויף דעם סאַמאָוואַר, וואָס איך וואָלט עס פאַר קיין אַנדערען ניט געטוהן..."

# ר׳ בעריל

ר׳ בעריל צדוקים איז געווען דער גרעסטער נגיד אין שטעדטעל. געשאצט האט מען איהם אין ק״ן אלפים רו״כ, און אז ער האט נאר א העלפט פערמאגט איז דאס דאך אויך פינף־און־זיבעציג טויזענדער.

קיין מסחרים האט ר׳ בעריל ניט געפיהרט. ער האט ניט גע־האלטען קיין פאססעיעס, האט ניט געהאט קיין קראמען, ניט געקויפט אדער פערקויפט עפעס אין זיין גאנץ לעבען, פון דעסטוועגען האט זיין פערמעגען געוואקסען אהן אן עין הרע, און ער איז וואס א מאל רייכער געווארען, נאר פון דעם פראצענט פון זיין געלד.

ר׳ בעריל איז געווען א וואוכערניק, ער פלעגט לייען געלד אויף פראצענט, דאס איז געווען זיין איינציגעס געשעפט און ער פלעגט דאס גוט אפהיטען, ער האט תמיד געהאלטען פון דער גמרא „דין פרוטה כדין מאה״, און פון א קליין הלואה׳לע, אפילו פון איין רובעל, האט ער זיך אויך ניט אפגעזאגט, אבי מען בעצאהלט די צעהן קאפיקעס א וואך פראצענט.

געוועהנליך איז ר׳ בעריל׳ס געשעפט אזוי געגאנגען: די געמיינע לייט פלעגט ער נאר לייען ביז פינף־און־צוואנציג רובעל, נאטירליך אויף גוטע משכנות, אויסצוצאהלען אין אזוי פיעל און אזוי פיעל וואכען צו רובעל פון דעם קרן מיט צעהן קאפיקעס פראצענט יעדע וואך; נאר דעם ערשטען רובעל מיט צעהן קאפיקעס פלעגט ער באלד אראפנעמען פון דער הויפט סומע; אז איינער האט געפרופט פראַ־טעסטירען מיט א „סטייטש? ר׳ בעריל?״ האט ר׳ בעריל, ווי זיין טבע איז געווען, גאר ניט געענטפערט, האט זיך ניט אפגעגעסען שטארק דאס הארץ, און איז חלילה אויף יענעם ניט ברוגז געווארען, ער האט נאר שווייגענדיג אריינגעלייגט צוריק דאס געלד אין טיש־

קעסטעל, ווייזענדיג מיט דעם, אַז ער שלאָגט זיך ניט שטאַרק אָן אין דער הלוואה צו מאַכען, און עס פּלעגט שוין בלייבען אויף דאָס זייניגע. די פערמעגליכע בעלי הבתים, אָדער די סוחרים פלעגט ער לייען גרעסערע סומען אויף אַ געוויסען טערמין, און אַ חוץ אַ „קאַזיאָנע קוויטעל“. אין וועלכען דאָס בערעכענטע פּראָצענט איז געווען צוגעשריבען צו דער הויפּט־סומע, פלעגט ער נאָך נעמען פאַר אַ משכון אַ מאָל די „קופּטשע“ פון דעם לוה׳ס דירה, אין אַ מאָל די ווייב׳ס דימענטענע אויערינגען מיט די פּערל.

ר׳ בעריל אַליין איז געווען אַ דיקער איד. ער האָט געהאַט זעהר אַ גרויסען בויך, אַ פּעטע, רויטע געזיכט מיט לאַנגע, געדיכטע ברעמען, וועלכע האָבען כמעט אין גאַנצען פערשטעלט זיינע קליינע, פינקלענדיגע אויגעלאַך, וואָס זענען געווען ווי פערטרונקען אין זיין פעטע געזיכט. אַ חוץ „ר׳ בעריל וואָזבערניק“, „ר׳ בעריל צדוק׳ס“, פלעגט מען איהם נאָך רופען „ר׳ בעריל שותק“, וואָרים ער איז געווען אַ שווייגענדיגער. ער האָט כמעט גאָר ניט גערעדט, ער האָט אַלע הלוואות געמאַכט און אַלע געלטען מיט די פּראָצענטען צוריק אָפּגעקראַגען, שאַ, שטיל, שווייגענדיג. אויף קיין „גוט מאָרגען“ אָדער „גוטען טאָג“, האָט ער קיינמאָל קיינעם ניט געענטפערט. ער האָט פאַר קיין זאַך ניט געדאַנקט, אָדער אַמאָל עמיצען געבעטען זיצען. ווען מען איז צו איהם געקומען מאַכען אַ הלוואה, האָט ער ניט געפרעגט וויפיעל מען וויל, ער פלעגט נאָר געבען אַ שטילען ברום צו יענעם, און מען האָט שוין געוואוסט, אַז דאָס הייסט: „זאָג וויפיעל דו ווילסט לייען. אויף „יאָ“ אָדער „ניין“, האָט ער נאָר צוגעשאָקעלט מיט זיין גרויסען קאָפּ, און זעלטען, זעלטען, אַז איינער האָט זוכה געווען פון איהם צו הערען אַ „נו, נו“, אָדער אַ „בע, מע“.

מענשען, וועלכע האָבען תמיד ליעב דן זיין אַלעמען לכף זכות, פלעגען זאָגען, אַז ער רעדט ניט איבער זיין פעטקייט. עס איז איהם שווער צו ריידען. אַנדערע ווידער, וואָס זוכען יענעם דן זיין לכף חוב, האָבען בעהויפּטעט, אַז ער רעדט ניט, ווייל ער איז אַ גרויסער גדלן, אַ בעל גאוה׳ניק. און גאָר שונאים פלעגען זאָגען, אַז ער רעדט ניט

דערפאר, ווייל ער איז אן אכזר, א שלעכטער מענש, א נידעריגע בריאה. ניט קיין שונאים זענען אפשר אויך געווען מיט דער מיינונג, אבער ניט יעדער האט דאס געוואלט ארויסזאגען עפענטליך, מחמת קיינער ווייסט ניט ווען מ׳עמענס מארגען עס איז, און מען קען נאך צו איהם א מאל דארפען אנקומען. און עס זענען שוין פאראן אזעלכע, וואס טראגען צו ר׳ בערלען אלעס צו, וואס מען רעדט פון איהם אין שטעדטעל.

איין מענש איז געווען אין שטעדטעל, אייזיקעל עזות פנים, האט מען איהם גערופען, וועלכער האט ר׳ בערלען ניט געשאנעוועט. ער פלעגט פון איהם גאנץ אפען רעדען און פשוט חוזק מאכען פון איהם אין מיטען מארק צווישען א רעדעל מענשען. ר׳ בעריל האט דערפון געוואוסט און האט דאס פערשוויגען, זיך איינצושמירען די הענט מיט א מחוצף, א קבצן־יוק, האט ער ניט געוואלט.

איינמאל האט זיך דעם עזות פנים פערגלוסט אנצומאכען א סענסאציע אין שטעדטעל, און ער האט זיך פערוועט מיט אן עולם מענשען, אז ר׳ בעריל וועט איהם בארגען א גמילות חסד אהן פראצענט, און איז גלייך, מיט דעם גאנצען עולם הינטער איהם, אוועקגעגאנגען צו ר׳ בערלען דאס צו דערווייזען. ווען ער איז אין ר׳ בערלס קאבינעט אריינגעקומען, האט יענער אפילו מיט קיין אבר קיין בעוועגונג ניט געמאכט, און האט אויף אייזיקעל׳ס „גאט העלף" גאר ניט געענטפערט. אייזיקעל האט נאך אמאל א געשריי געטוהן: „גאט העלף אייך, ר׳ בעריל!" כמעט אין זיינע אויערען אריין, אבער ער האט געשוויגען און האט אפילו זיין שטילען ברום אויך ניט געטוהן.

„ר׳ בעריל" — האט אייזיקעל זיך פרעך צושריען — "איך בין געקומען ביי אייך לייען א גמילות חסד אהן פראצענט".

ר׳ בעריל האט ווידער ניט געענטפערט, נאר ער האט שווייגענדיג א קלונג געטהון מיט א גלעקעל וואס איז געשטאנען אויף זיין טיש, אויף דעם קלונג איז גלייך אריינגעקומען א געזונטער משרת מיט א פאר שטארקע הענד און האט אנגעכאפט אייזיקלען ביים קאלנער און איהם איינפאך ארויסגעווארפען.

דער עולם האָט אייזיקלען אויסגעלאַכט און זיך געריצט מיט איהם, אַז ער האָט פערלאָרען זיין וועט, אָבער דער עזות פּנים איז ביי זיך גאָר ניט אראָפּגעפאַלען און האָט אַלעמען פערזיכערט, אַז עס וועט איז גיכען זיין פרעהליך אין שטעדטעל.

דעם קומענדען שבת, ווען דער עולם אין דער סאַדיגורער קלויז, וואו ר׳ בעריל פלעגט דאַווענען, האָט געענדיגט דעם „אנעים זמירות״, האָט זיך פּלוצים אין קלויז געיאָוועט אייזיקעל עזות פּנים מיט אַ מאַסע מענשען, מעהרסטענס אָרימע בעלי מלאכות, הינטער איהם. ער איז גלייך צוגעגאַנגען צו ר׳ בערלען ביי דער מזרח וואַנד און אנקלאַפּענדיג איהם אין פּלייצע, ווי זיינס אַ גלייכען, האָט ער אויסגערופען: „גוט שבת, ר׳ בעריל!״ ר׳ בעריל האָט זיך אַ טרייסעל געטוהן פון אייזיקעלים קלאַפּ, זיין פעטע, רויטע געזיכט איז נאָך רויטער געוואָרען און זיינע קליינע אויגעלאַך האָבען געשפּריצט פונקען פייער פון כעס. ער האָט אָבער געשוויגען און דער גאַנצער עולם האָט אויך געשוויגען און געקוקט מיט ערשטוינונג אויף דעם עזות פּנימ׳ס מוטה.

„בעריל״, האָט אייזיקעל אָנגעהויבען צו רעדען געלאַסען, „איך מיט דעם עולם, וואָס איז מיט מיר געקומען, זענען אַ דעלעגאַציע פון דעם שטעדטעל, ביי דיר אָפּצונעמען דין וחשבון פון דעם בלוט וואָס דו האָסט ביי אונז אויסגעזאָגט פון זינט דו ביזט ביי אונז אין שטעדטעל אראָפּגעקומען; אויב דו וועסט ניט ענטפערען מיט גוטען, וועסטו ענטפערען מיט בייזען, דאַ איז ניטאַ קיין גלעקעל אנצוקלינגען און אַ געזונטער משרת וואָס זאָל דיך אַרויסוואַרפען״.

ר׳ בעריל האָט אָנגעהויבען בלאַס צו ווערען. ער האָט געפיהלט, אַז אייזיקעל האָט רעכט; ער האָט אויסגעדרעהט דאָס געזיכט און האָט מיט די אויגען געזוכט עמיצען, וואָס זאָל פאַר איהם אַרויס־טרעטען. ער האָט אָבער קיין איינציגען גוטען פריינד צווישען דעם גאַנצען עולם ניט געהאַט. אַלע האָבען געשוויגען און האָבען נאָר געוואַרט מיט אונגעדולד צו זעהן וואָס די ענדע וועט זיין. דער עזות־פּנים איז אויך געוואָרען אונגעדולדיג.

„נו, בעריל, וואס ענטפערסטו די שטאָדט?“, האָט ער הויך אויסגערופען און דאס ווידער־קול האָט לאנג אָפּגעקלונגען אין דער הויכער קלויז, אז די ווענט האבען אזש געציטערט.

ר׳ בעריל איז נאך בלאסער געוואָרען. מען האָט געזעהן, אז זיין פעטער קערפער ציטערט און טרייסעלט זיך פון שרעק, און ווענדענדיג זיך צום עולם מיט רחמנות בעטענדיגע בליקען אין די אויגען, האָט ער געשטאמעלט:

„רבותי, דאס איז דאך א מקום קדוש...“

אין דער קלויז איז פּלוצים געוואָרען א גערויש, א געפּילדער.

„ער רעדט שוין“, האבען אייניגע שטימען געשריען.

„דער עזעל האָט געעפענט דאס מויל“, האבען אנדערע געשריען.

אין דער צייט איז אייזיקעל ארויף אויף דער בימה, און אָנקלאַפּענדיג דריי מאָל, האָט ער געבעטען דעם עולם, אז עס זאָל ווערען שטיל. מען האָט איהם געפאָלגט, און ער האָט אָנגעפאנגען רעדען מיט א קלינגענדער, ריינער שטימע.

„רבותי“, האָט ער געזאָגט, „דאָ איז א מקום קדוש און דערפאַר איז טאקע דאָ דאס ריכטיגע פּלאַץ וואו אָפּצונעמען דין וחשבון פון דער שלאַנג, וואָס איז געלעגען אויף אונזערע העלזער אזוי פיעל יאהרען און האָט אונזער בלוט געזויגען. אדרבא, בערעכענט אייך, רבותי, ווען ר׳ בעריל איז צו אונז אין שטעדטעל אָלס ר׳ צדוק׳ס איידים אראָפּגעקומען, האָט ער אפשר פערמאָגט זיינע אכט הונדערט קאַרבאַוואַנצעס פון זיין נדן מיט דעם דרשה־געשאַנק. פון דעמאָלט אָן האָט ער קיין פינגער אין קאַלטען וואסער ניט אריינגעלעגט, האָט ניט געאַקערט און ניט געזייט, ניט געהאַנדעלט, ניט געוואַנדעלט, ניט געפּראַצעוועט און פערשוואַרצט געוואָרען ווי מיר אלע, און ער מיט זיין ווייב און קינדער האָבען געלעבט ווי מאָנארכעס אין דעם שעהנסטען הויף ביי אונז אין שטעדטעל, זיי האָבען געגעסען דאָס שעהנסטע און דאָס בעסטע און זענען געוואָרען געזונד און פעט פון אונזער בלוט. ער האָט חתונה געמאכט אלע זיינע קינדער אָהן דאגות, האָט זיי געגעבען גרויסע נדן׳ס, א סך ציערונג מיט טייערע

קליידער און אַצינד איז ער נאָך אַלץ רייכער פון אונז אַלע אין איינעם, און פון וועמען איז ער דאָס אַזוי רייך געוואָרען?..."

„פון אונזער בלוט!" האָט דער עולם געדונערט. און ר' בעריל איז געוואָרען בלייך ווי דער טוידט אַליין און האָט זיך קוים געהאַלטען אויף די פיס.

„איז שוין צייט, אַז מיר זאָלען אַפּנעמען אונזער פערמעגען וואָס מיר האָבען ביי איהם אָנגעזאַמעלט?" האָט אייזיקעל געפרעגט מיט בעגייסטערונג ביים עולם.

„יאָ, יאָ," האָט געהילכט דעם עולם'ס שטימע.

און ווי אַ ריכטער, בשעת ער פּראָורטהיילט אַ פערברעכער, מיט אַן ערנסטע מינע, האָט אייזיקעל גערעדט קלאָהרע, געצעהלטע דיבורים סוקענדיג גלייך אויף ר' בערלען:

„ווי דו זעהסט, פערלאַנגט דער עולם דאָס, וואָס מען האָט ביי דיר אָנגעזאַמעלט. גיב אַצינד אַ שבועה אין דעם מקום קדוש, פאַר גאָט און פאַר מענשען, אַז דו וועסט אין גיכען יעדען אָפּגעבען אַלע משכנות, און דו וועסט אַלעמען שענקען די חובות און וועסט מעהר ניט לייען קיין געלד אויף פּראָצענט, וועסטו קענען פון דאַנען אַהיים געהן אונגעשטערט. אויב דו טוהסט דאָס אָבער ניט, אַזוי טראָגען מיר דיך פון דאַנען אַוועק אין טורמע אריין און מיר אַלע וועלען שווערען ביים סוד, אַז דו לייסט געלד אויף פּראָצענטען, אַז דו ביזט אַ „ראַסטאָוושטשיק" אַ פּראָצענטניק.

דער גאַנצער עולם האָט געשוויגען און האָט זאַגאַר איינגעהאַלטען דעם אָטהעם. אויף אַלעמענס געזיכטער איז געלעגען אַן ערנסטע מינע. עס איז קענטיג געווען, אַז זיי האָבען אַלע איינגעשטימט אויף דעם פּסק דין. ר' בעריל איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ און עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז די ערד ברענט אונטער איהם. פּלוצים איז ער אומגעפאַלען מיט דעם געזיכט צו דער ערד און אַ שטילער, איינגעהאַלטענער כליפּען, ווי פון אַ בעל תשובה, האָט זיך ארויסגעריסען פון זיין פּעטער הארץ. ווען אייניגע מענשען האָבען

איהם אויפגעהויבען, האט ער ציטערענדיג און מיט אראפגעלאזענע אויגען, שטיל אבער דייטליך געזאגט:

„רבותי, איך שווער, אז איך וועל אזוי טוהן...“

א היילינע שטילקייט האט דערנאך געהערשט אויף איינינע סעקונדען אין דער גרויסער קלויז. אן אויסדרוק פון פורכט און בעגייסטערונג איז געלעגען אויף יעדענס געזיכט און דער גאנצער גרויסער עולם האט ווי איין מענש א שטילען זיפץ געטהון, ווי בשעת מען ווערט בעפרייט פון עפעס א שווערע אונערטרעגליכע לאסט; דערנאך האבען זיך אלע אין איינעם מיט ר׳ בערלען געוואונשען „גוט שבת“ „גוט יאהר!“ און מען איז זיך צוגאנגען איבערלאזענדיג די קלויז א לעערע, גלייך ווי עס האט גאר ניט פאסירט.

— — — — — — — — — — — — — — — —

די קומענדע וואך האט ר׳ בעריל צונויפגערופען אלע זיינע בעלי־חובות און האט יעדען אפגעגעבען זיין משכון, און ווער עס האט ניט געקאנט בעצאהלען, דעם האט ער מוחל געווען דעם חוב, און האט אלעמען גוטמוטהיג בעהאנדעלט און גערעדט ווייך און פערשפראכען יעדען א גמילות חסד, ווען מען וועט דארפען, אהן פראצענט.

און מיט אייזיקעל עזות פנים איז ער גאר א גאנצער גוטער ברודער געווארען.

# קצבה

דאנערשטאג אויף דער נאכט.

א געדיכטע פינסטערניש, ווי א דיקער, שווארצער מאנטעל, הילט איין דאס קליינע שטעדטעל ב. כאטש עס איז נאך אפילו ניט אכט דער זייגער הערשט איבעראל א טויטע שטילקייט, און חוץ דאס טרויעריגע וואיען פון דעם ווינט הערט מען קיין קול, קיין שארך. די קראמען, אין וועלכע עס איז דעם גאנצען טאג כמעט גאר קיין פדיון ניט געווען, זענען שוין אלע פון לאנג צוגעשלאסען, און די קרעמער, זייענדיג זיכער, אז אין אזא חושך׳דיגער נאכט וועט זיך אפילו א הונד ניט אפרייסען, האבען זיך אלע בעהאלטען אין זייערע שטיבער צו פערברענגען מיט די ווייב און קינדער. די קליינע צאהל נידעריגע און העכערע הייזער, וועלכע שטעהען ניט אין קיין זעהר גלייכע שורות, ווייזען אוים ווי שווארצע מעלאנכאלישע שאטענס, און די איינציגע סמנים, אז אינוויינינג אין זיי איז עפעס דא לעבען, זענען די דונקעלע ליכט פון קעראסין לאמפען, וועלכע שפיגלען זיך אפ דורך די נאסע און פארהוכקעטע פענסטער אין דער געדיכטער, שווארצער כמעט גלאנצענדיגער בלאטע וואס איז צושפרייט איבער אלע גאסען.

ביי דעם אונטערשטען עק פון דער לאנגער מארק־גאס בעווייזט זיך די שלאנקע פיגור פון א פרוי, וועלכע איז אהער צוגעקומען פון איינע פון די אונטער־געסלאך. דער קאלטער ווינד, וועלכער בלאזט דא פון אויבען אראפ טריקענט אפ די גרויסע שוויים־טראפענס וואס דער לאנגער שווערער גאנג האט אויף איהר געזיכט ארויסגערופען, און שפיעלט זיך מיט עטליכע האר וואס שטעקען ארוים פון הינטער איהר שאל.

די פרוי שטעלט זיך אפ, נעמט צונויף די עקען פון דעם שאל וועלכען דער ווינד האט צובלאזען, און ארויסלאזענדיג א שווערען

זיפץ וועלכער קלינגט נאך טרויעריגער פון דעם שטורעם, נעמט זי געהן ווייטער ארויף צו דער מארק־גאס, קוקענדיג אזוי ווייט ווי זי קען נאר אין דער טיעפער פינסטערניש, אום אויסצומיידען זיך צו בעגעגענען מיט א נאכט־גנב אדער א פערשפעטיגטען, שכור'ן גוי, וואס איהרע טרויעריגע געדאנקען מאלען איהר מיט שרעק.

דער גאנג איז זעהר שווער, דער ווינד ווערט יעדע רגע קאלטער און שניידענדער, און מאכט אלץ נעדיכטער און הארטער די בלאטע וואס שפארט זיך אריין און ארום דורך די לעכער פון איהרע צו־ריסענע שטיוועלאך און קאלאשען, ביי יעדען טריט וואס זי מאכט ווערט זי אלץ שוואכער און מיעדער, דער אטהעם ווערט איהר קורצער און זי קען ניט אפאטהעמען, אבער זי שטרענגט זיך אן, און מיט אלע כחות בריאזגעט זי אין דער געדיכטעניש, שלעפענדיג א פוס נאך א פוס, ביז זי קומט צו צום אנדערען עק פון דער מארק־גאס פאר א ברייטער צווייזייטיגער דירה, מיט פארמאכטע לאדען איבער אלע פענסטער. דערזעהענדיג די פערמאכטע לאדען ווערט איהר שווער אויפ'ן הארצען, און דער געדאנק, טאמער שלאפט מען שוין, אז איהר גאנג איז געוועהן אומזיסט און זי וועט זיך דארפען אזוי אומקעהרען, פילט אן איהרע אויגען מיט טרעהרען. אבער דאס שוואכע ליכט וואס דרינגט דורך די שפאלטען פון די לאדען גיט איהר האפענונג, אז עס איז נאך ניט אזוי שפעט און אז מען שלאפט נאך ניט. זי ווישט אויס די טרעהרען, מאכט זיך מוטה און געהט ארויף עטליכע טרעפלאך צום גאניק, וואו זי רייניגט אפ די בלאטע פון איהרע קא־לאשען ביי אן אייזערנעם שטעלכעל וואס איז דארטען אויפגעשטעלט פאר דעם צוועק און קלאפט אן אין טיהר.

„גאט איז מיט אייך, חנה!“ רופט אויס די דיענסט וועלכע האט פון אינווייניג געעפענט די טיהר. „אין אזא וועטער צו קומען אהער?“

אבער אנשטאט איהר צו ענטפערען, פרעגט חנה:

„איז דער בעל הבית אין דער היים?“

„אין דער היים“ ענטפערט די דיענסט און עפענט פאר איהר די טיהר וואס פיהרט אין עס־צימער אריין.

איינגעבויגענע, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ און מיט שטילע טריט ווי אַ גנב, רוקט זיך חנה אַריין אין דעם עס־צימער וואו זי דערזעהט דעם בעל הבית, איהר שוואָגער, די שוועגערין, די קינדער מיט דעם לעהרער זיצענדיג ביים טיש אויף וועלכען עס שטעהט אַ זודיגער סאַמאָוואר און אַלע טרינקען טהע פערבייסענדיג מיט צוקער־לעקאַך.

די ליכטיגקייט, די וואַרימקייט, די זאַטע צופריעדענהייט וואָס ליגט דאָ אויף יעדענס געזיכט, און דאָס גאַנצע בילד פון דער גליקליכער פאַמיליע שפּיגעלט זיך אָפּ ביי חנה׳ן אין די געדאַנקען אין קאָנטראַסט פון איהר אייגענער אונגליקליכער לאַגע, פון איהר מאַן וואָס איז אַצינד ערגעץ נע ונד זוכענדיג פרנסה, פאַר איהרע פערשמאַכטע, פערהונגערטע קינדערלאַך, וועלכע זי האָט איבערגעלאָזען אין פינסטערע, נאַסע קאַלטע קברים. און זי דערפיהלט אַ שרעקליכען וועהטאַג דריקען איהר האַרץ, און אין די אויגען פאַנגען זיך אָן צו שפּאַרען די טרעהרען, זי דערמאַנט זיך אָבער באַלד וואו זי איז, און שטעהענדיג ביי דער טיהר גלייכט זי זיך אויס און זאָגט:

„אַ גוט־אָוועגט, אייך אַלע!“

אַלע האָבען מיט ערשטוינען זיך אומגעקוקט צו דער טיהר. דער לעהרער האָט געענטפערט „גוט־אָוועגט“, און וואַרפענדיג אויף חנה׳ן אַ בליק פול מיט מיטלייד און יסורים האָט ער אַוועקגעשטעלט די גלאָז טהעע, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און האָט זיך פערטראַכט.

די שוועגערין האָט, אַנבייסענדיג אַ לעקעכאַל, געענטפערט דעם „גוט־אָוועגט“ צווישען די צייהן, און האָט באַלד שטילערהייט עפּעס אַ זאָג געטהון צו איהר מאַן, דער לעצטער האָט געוואָרפען אַ גלייכגילטיגען בליק אויף דער פרוי, האָט זיך אויפגעהויבען, און גענומען שפּאַצירען אַהין און צוריק איבער דעם עס־צימער, האַלטענדיג אין דער פולער דיקער האַנד אַ גלאָז טעע, פון וועלכען עס האָט עטליכע געשמאַקע זופּ געטהון, און זיך געווענדעט צו חנה׳ן:

„נו, וואָס ווערסטו עפּעס זאָגען?“

„וואָס זאָל איך זאָגען?“ שטאַמעלט חנה קוים אַרויס, און זי דערפיהלט אַז ביי איהר אין גומען און אין האַלז איז שרעקליך טרוקען,

אז דאָס האַרץ נאָגט איהר, און אין איהר גאַנצען קעפּער אינווייניג לויפט דורך אַ שרעקליכע קעלט און אַלע איהרע גלידער ציטערען, כאָטש אַרום איהר איז שטאַרק וואַרעם און אַ געדיכטע היץ פּאַליעט איהר אין פּנים אַריין.

„יאַ, נו, וואָס פּלוצים אין אַזאַ וועטער?" פרעגט ער זי נאָך אַ מאָהל.

„איהר ווייסט דאָך..." פאַנגט אָן חנה מיט אַ ציטערדינע שטימע, „אייער ברודער איז דאָך אוועקגעפאָהרען זוכען אַ שטעלע, ברויט..."

„קוים אַרויסגעריהרט זיך, דער פוילענצער!" שלאָגט איהר איבער די רייד דער שוואָגער, און שפּאַצירענדיג וויטער איבער דעם צימער זאָגט ער: „ביז אַצינד האָט ער אַרומגעפּוסט און פּאַסעוועט."

חנה'ן פערקלעמט ביים האַרצען, די רייד שטעכען זי ווי שפּיזען, זי פיהלט, אַז זי קאָן איהר מאַן'ס בעליידיגונג ניט פערשווייגען, און זי וויל אויסלאָזען איהר גאַנצע ביטערע האַרץ צו איהר בעליידיגער און איהם זאָגען דאָס ער אַליין איז שולדיג אין זייער לאַגע; אַז ווען ער זאָל זיי געוועזען מיט אַמאָל אָפּגעבען דאָס געלד וואָס איהר מאַן האָט אָפּגעשפּאָרט פון זיין פריהערדיגע פּרנסה און אַנגעזאַמעלט ביי איהם, און ניט אויסצאָהלען צו ביסלאַך, מיט דרייערלאַך און פינפערלאַך, וואָלט ער זיך געוועהן גענומען צו עפּעס מסחר און זיי וואָלטען נאָר צו דער לאַגע ניט געקומען... זי דערמאָנט זיך אָבער באַלד, אַז איהרע הונגעריגע קינדער וואַרטען אויף איהר, זיי צו ברענגען עפּעס עסען, און ניט ווילענדיג דערצערנען קעגען זיך דעם מענשען וועמענס שטיצע זי איז אַצינד געקומען בעטען, אונטערדריקט זי אין זיך דעם כעס, און מיט הכנעה פערענטפערט זי איהר מאַן.

„ער האָט ניט געפּוסט און פּאַסעוועט, ער האָט געוואַרט אפשר וועט זיך עפּעס מאַכען אין שטאָדט... נאָר אַצינד אַז ער האָט געזעהן, אַז דאָס וואַסער איז שוין איבער דעם מויל... אַז עס איז שוין באין ברירה..."

„איז ער זיך אוועקגעפאָהרען און האָט איבערגעלאָזט אַ ווייב מיט קינדער אויף מיין קאָפּ“, האַלט איהר אונטער דער שוואָגער מיט אַ בייזען טאָן.

אָבער חנה דערהערט דאָס ניט און ווייגענדיג רעדט זי ווייטער.

„שוין צוויי וואָכען אַז ער איז אוועקגעפאָהרען... האָט מיך איבער־געלאָזט מיט די קינדער אָהן אַ פּרוטה געלד... די גאַנצע וואָך האָבען מיר געהונגערט... ממש קיין שטיקעל ברויט ניט געהאַט... און מאָרגען איז שוין פרייטאָג, ערב שבת... איך האָב נאָך פּאָר אַכט טאָג דעם אויוועז פערשמירט אַ ליידיגען... אָהן טשאָלענט... און אָט קומט אָן דער ווינטער... נאַקעט, באָרוויס...“

חנה'ס שוואָגער ווערט אונגעדולדיג, און פערדריסענדיג אַ פּאַפּי־ראָס, רופט ער זיך אָפּ צו איהר:

„נו, נו, גענוג שוין! איך ווייס אַלעס! קענסט אַהיים גערן, מאָרגען וועל איך הייסען דעם משרת עפּעס פערטראָגען צו דיר...“

„אָבער ביז מאָרגען וועלען מיינע קינדער שטאַרבען פון הונגער און קעלט...“ רעדט חנה אַרויס קוים וואָס מען הערט און די טרעהרען שטיקען זי.

דער לעהרער, וועלכער איז ביז איצט געזעסען פערטראַכט, גלייך ווי ער האָט גאָר ניט געהערט וואָס געבען איהם איז פאָרגעגאַנגען, האָט דערהערט חנה'ס לעצטע ווערטער, און היגעריסען פון דעם מיטלייד וואָס ער האָט צו איהר געפיהלט, האָט ער זיך שנעל אויפגעהויבען און זיך געווענדעט צו זיין בעל הבית, וועלכער האָט נאָך אַלץ אַ בייזער, אַרומגעשפּאַנט איבער'ן צימער און געראַכערט זיין פּאַפּיראָס.

„איך בעט אייך ענטשולדיגונג, איך האָב זיך גראָדע יעצט דער־מאַנט, אַז איך דאַרף זעהר נויטיג אַ פינף רובעלדינגען, זייט אַזוי גוט און ניט מיר פאַראויס“.

דער טאָן, מיט וועלכען דער לעהרער האָט אַרויסגערעדט די לעט־צטע ווערטער, איז געוועהן אַזוי מילד, אַזוי מערקווירדיג ווייך און איינגעהאַלטען, אַז דער זאַטער און רייכער בעל הבית האָט דערפיהלט

אין איהם א פּאַרוואורף; ער האָט באַלד פערשטאַנען צו וואָס דער לעהרער דאַרף פּלוצים נעהטיג האָבען געלד, און ער האָט זיך אַזוי פערשעהמט פאַר איהם, אַז אַ רויטע פאַרב האָט בעגאָסען זיין פּנים, און אַראָפּלאָזענדיג זיינע אויגען צו דער פּאָדלאָגע, האָט ער אַרויס־געגריבעלט עטליכע רובעל פון קעשענע, און זיי אַריינגערוקט אין חנה׳ס האַנד איהר זאָגענדיג ידערביי:

„דאַ האָסטו עטליכע רובעל, דערווייל דאַרפסטו ניט זאָרגען, און שפּעטער וועל איך שוין זעהן אויף אייך אכטונג צו געבען, ביז ער וועט זיך צו עפּעס דערשלאָגען...“

חנה וועלכע איז ביז איצט געשטאַנען איינגעבויגען און האָט געוויינט האָט זיך נאָך מעהר איינגעבויגען, האָט אַראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ אויף דער ברוסט, און הייסע טרעהרען האָבען אויף דאָס ניי אַנגעפאַנגען רינען איבער איהרע אויסגעדאַרטע באַקען. צום ערשטען מאָהל אין איהר לעבען האָלט זי געשענקטע געלד, אויסגע־בעטעלטע קצבה אין איהר האַנד. און זי פיהלט אַז דאָס געלד ברענט איהר האַנד, ברענט זי ווי גליהענדע קוילען־פייער, און זי וויל דאָס אוועקוואַרפען און בעפרייען איהר האַנד פון דעם פייער, זי דערמאָנט זיך אבער, אַז איהרע קינדער הונגערען און פריהרען, אַז קיין אַנדער מיטעל, ווי קצבה, האָט זי ניט זיי צו רעטען פון אַ הונגער־טויט, און ניט־ווילענדיג קוועטשט זי שטאַרק צונויף דאָס געלד אין דער האַנד, און מיט דער צווייטער עפענט זי אונטער זיך די טיהר, און אַרויסזאָגענדיג שנעל „אַ גוטע נאַכט“, לויפט זי אַהיים, ניט קוקענדיג אויף דער שרעקליכער, געדיכטער פינסטערניש אַרום איהר, ניט קו־קענדיג אויף דער טיעפער, פערפראָרענער בלאָטע און אויף דעם שטורם־ווינד, וואָס בלאָזט איהר פון אונטען אין די פּלייצעס אַריין דורך דעם דינעם זומערדיגען שאַל, און וואיעט און קלאָגט אַזוי טרויעריג, אַזוי יאָמערליך ווי עס איז איצט ביי איהר אויפ׳ן הארצען...